STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01713

DER SOYHER

L. Creskoff

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-01713-2

D:\YIDDISH\TITLES\9780657017132T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

ל. קראסקאף

דער סוחר

(דער אידישער ביזנעסמאן)

ארויסגעגעבען פון פערלאג
„לעבען“
פילאדעלפיע 1928

Copyright 1927
By
L. CRESKOFF

THE LOCUST PRESS
329 LOCUST ST., PHILA.

א פּאאר ווערטער.

שוין באלד א האלבער יאהר־הונדערט ווי עס שאפט זיך אין אמעריקא א אידישע ליטעראטור. עס זיינען שוין געשריבען געווארען טויזענדער און צעהנער טויזענדער ביכער און זשורנאלען: מ'האט שוין באזינגען אלעס וואס עס געפינט זיך אונטער דער זון: פון א קליין ווערימעל וואס קריכט אין שטויב, ביז יענע ברואים וועלכע האבען זיך באזעצט אזש דארט אויף דער לבנה. גאנצע בערג מיט ליטעראטור האט מען שוין אנגעשריבען איבער'ן לעבען פון'ם ארבייטער; מיר זיינען שוין באקאנט אפילו מיט'ן שטויב וואס געפינט זיך אין יעדען שאפ. נאר וועגען איין פאזע פון לעבען האט די אידישע ליטעראטור אינגאנצען פארפעהלט צו שרייבען, און דאס איז: וועגן לעבען פון אידישען „ביזנעסמאן" אין אמעריקא. וועגען לעבען פון אידישען קרעמער און קליינהענדלער, וועלכען דער שטורם האט ארויסגעריסען פון היים־לאנד, וואו ער האט זיך געלעבט רוהיג און באשיידען און האט איהם צופעליג אוועקגעטראגען איבער די כוואליעס פון ים און איהם אריינגע־

שלײדערט אין א ברױזענדער פרעמדקײט װאו מען רע־כענט זיך מיט׳ן מענשען לױט דער װערטה פון זײן „רײ־טינג״ און מען לאכט זיך אױס פון עהרליכקײט און תמימות . . .

קוקענדיג מיט אפענע אױגען אױפ׳ן אידישען „ביז־נעסמאן״, װי ער שטעהט א פערבלאנזשעטער, אױפ׳ן שװעל פון זײן קראם און קוקט מיט פרעמדקײט אױף זײן סביבה אין װעלכער ער קען זיך ניט אדרײנפאסען, איז מקנא יעדען װאס געהט איהם פארבײ; איז מקנא דעם ארבײטער װאס געהט צו דער ארבײט, כאָטש ער װײסט אז איהם איז אױך שלעכט, אבער דאך װײסט ער כאטש פון מנוחה; ער האט כאָטש א שעה אין טאג װען ער קען כאפען דעם אטהעם, ער האט כאָטש א טאג אין װאָך, װען ער קען רוהען. נאר ער, דער אידישער „ביזנעסמאן״, האט ניט קײן טאג און ניט קײן נאכט; ניט קײן שבת און ניט קײן יום טוב, ארבײט זיבען טעג א װאָך, טאג אײן טאג אױס.

שטעהט דער אידישער „ביזנעסמאן״ אױף דער שװעל פון זײן קראם, דערמאנט זיך אין זײן פריהערדיגען לעבען, דארט אין דער אלטער הײם, װאו ער איז געװען א פרײער מענש מיט אלע מענשען צוגלײך; װאו ער האט זיך געלעבט זײן ארימען רוהיגען לעבען פון שבת און יום־טוב. און טרױריגע בענקשאפט קוקט ארױס פון זײנע אױגען; ער הױבט אן פערזינקען אין חלומות, ער דער־מאנט זיך אן זײן יוגענד, אין זײן פארגאנגענהײט און אין זײן נעגענװארט . . .

און זײן נשמה װײנט פון גרױס צער . . .

נעהמענדיג דאס אלעס אין אנבעטראכט, האב איך אנגעהויבען פיהלען אלס א חוב, אויפצועפענען דעם פערזעהענעם בלאט פונ'ם אידישען „ביזנעסמאן", וועלכען אלע זיינען פערבייגעגאנגען אומבעמערקט. בעקאנט מאכען די אמעריקאנער וועלט מיט'ן לעבען פונ'ם אידישען „ביזנעסמאן", קרעמער, און קליינהענדלער. בעלייכטען דעם וועג פאר'ן ארבייטער וועלכער חלום'ט צו געהן אין ביזנעס. ווי אויך צו באקענען אביסעל די אייראפעאישע וועלט וועלכע שמאכטעט שטענדיג נאך ידיעות ווי עס לעבט זיך אין אמעריקא דעם אידישען קרעמער און קליינהענדלער, און דאס האב איך געטהון מיט מיין קלענערער דערצעהלונג „מיסטער בערעזאוועך" און טהו עס אויך איצט מיט מיין גרעסערער רעאליסטישער נאוועלע, דער „סוחר" אדער דער „ביזנעסמאן", ווי מען רופט איהם דא אין אמעריקע.

דער מחבר.

קאפיטעל איינס

דאס איז געווען אין אנפאנג פון גרויסען מלחמה אויסברוך, ווען דייטשלאנד האָט זיך ערקלעהרט אין קריעג צו רוסלאנד. מיליאנען ביקסען האָבען מיט־אמאָל די וועלט פארטויבט; טויזענדער קאנאָנען האבען מיט פייער געשפיגען. די הימלען זיינען רויט געווען פון בלוט. ימים זיינען פול מיט הרוגים געווען. אויף דער יבשה האָבען זיך בערג מיט טויטע געוואלגערט. אין מערב אייראָפּא איז די לופט געווען מיט פולווער געלאדען.

עס האט אויסגעזעהען ווי די מלאכי־הבלה האבען א פערשווערונג געמאכט אבצומעקען די מענשהייט און צוריקברייגען די וועלט צו תהו ובהו.

און האָבען דעם גיהנום אויף דער וועלט אראָב־געבראכט. . .

אין לאנד איז געוואָרען א גרויסע „פּראָספּעריטי“— א שטורמישער אויפברויז פון שפע, ברכה און הצלחה האָט די מענשהייט פארכאפּט.

אין דער האנדעלס־וועלט איז פארגעקומען א דור־
הפלגה: מענשען זיינען געווארען פער׳שכור׳ט און צו־
מישט; האָבען אוועקגעווארפען זייערע פרנסות, וואָס זיי
האָבען אלע זייערע יאָהרען פון זיי חיונה געצויגען, און זיך
גענומען צו אזעלכע געשעפטען, וואָס זיי האָבען די מינ־
דעסטע ידיעה און ערפאהרונג ניט געהאט. בעלי מלאכות
האָבען אוועקגעווארפען זייער געצייג און זיך גענומען
צום האנדעל; האָבען געקויפט בלינד, פערקויפט בלינד
און גרויסע געלדער געמאכט. די פרייזען זיינען אויגענ־
בליקליך געשטיגען; וואס מ׳האָט געקויפט היינט, האט
מארגען די ווערט געהאט צוויי מאָל אזוי פיעל; מ׳האָט
געמעגט אפילו דעם פרייז איבערצאָהלען. דאגעגען, די
ערפאהרענע סוחרים, די וואס האָבען געוואוסט דעם
ווערט פון סחורה און האָבען זיך סקעפּטיש פערהאלטען
צו די אויפגעבלאָזענע פרייזען, זיינען שטענדיג דורכגע־
פאלען און געבליבען נאראָנים . . .

אין יענער שטירמישער צייט, איז בענדזשאמין רו־
דינסקי געווען דער אייגענטהימער פון א שניט־סחורה־
געשעפט און האָט געמאכט אַן ארים שטיקעל לעבען, אר־
בייטענדיג לאנגע שטונדען, פון זיבען אזייגער אין דער
פריה ביז צוועלף אין דער נאַכט, צוזאמען מיט זיין
פרוי דינה.

איז רודינסקי ניט געווען צופרידען מיט זיינע אומ־
שטענדען, וואס פאר מאַכען א שטיקעל לעבען, דארפען
זיי ביידע ארבייטען לאנגע שטונדען, אין א צייט ווען
עס שטורעמט א וועלט און מענשען ווערען בערייכט.
ער האט בכלל פיינט געהאט דאס לאחדים געשעפט, דער־
פאר וואס „וויפיעל סחורה עס זאל ניט זיין, איז נישטא

וואס צו פערקויפען". אלע טאג בייט זיך די מאדע: וואס היינט איז מאדע, איז מארגען אויס; איבער דעם ארטיקעל וואס מען האט זיך היינט געריסען, ווערט עס מארגען א לייגער־סחורה, פון וועלכער מען קען ניט פטור ווערען.

האָט זיך רודינסקי ארומגעטראָגען מיט א געדאנק אויפצוגעבען זיין שניט געשעפט, און זיך נעהמען צו עפּעס אנדערש.

— מען דארף א טראכט טהון, דינה, — פלעגט ער זאָגען צו זיין פרוי, ווען ער האָט זי געזעהן איבערגע־ארבייט און אויסגעמאטערט פון א שווערען טאָג אר־בייט,—מען דארף א טראכט טהון ווי אזוי פטור צו ווערען פון אונזער קרעמעל; ס'איז א מחיה בזויה, מען קען פון איהר רייך ניט ווערען, און ארבייטען מוז מען שווער; מען דארף זיך ווארפען צו עפּעס אנדערש.

— למשל?

— למשל, איך ווייס אליין ניט למשל. איך ווייס נאָר אז מענשען ווערען אויגענבליקליך רייך: זיי דאגה'ן ניט, ארבייטען ניט, און טהוען ניט אריין קיין האנד אין קאַלטע וואסער; און מיר ווערען פער'חושכ'ט און פער־שווארצט, און מען מאַכט קוים אן ארים לעבען. מען מוז זיך ווארפען צו עפּעס אנדערש; מען דארף פּרובען מזל.

האָט דינה געשוויגען. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען: זאָגען ניין — האָט זי מורא טאָמער איז בעשעהרט גליק און זי וועט עס אוועקטרייבען. זאָגען יא — ווייסט זי אז „מען גיסט ניט ארויס קיין אומ־ריינס, ביז ס'איז נישטאָ קיין ריינס".

האָט זי געשוויגען.

— נו, דינה, וואָס שווייגסטו — האָט רודינסקי גוטמוטהיג צו איהר געשמייכעלט, און געווארט צו קריגען פון איהר אן ענטפער.

— כ'ווייס ? וואָס זאָל איך זאָגען ? טהו ווי דו פערשטעהסט; איך וועל דיר אין וועג ניט שטעהן.

— יא, איך דענק מען דארף פּרובען מזל — האָט רודינסקי געזאָגט אין א בעשטימטען טאָן — אזוי איז ניט קיין תכלית.

אָבער ניט אזוי טהוט זיך ווי עס רעדט זיך : ערשטענס, האָט רודינסקי געוואוסט אז אין „עפּעס אנדערש" האָט ער ניט קיין ערפאהרונג. צווייטענס, האָט ער ניט גענוג געלט צו געהן אין אנדערע געשעפטען; דאָס ביסעל געלט וואָס ער האָט אין דער קראם אריינגעלעגט, האָט ער שוין לאנג אויפגעגעסען, און דאָס געשעפט האָט זיך שוין געדרעהט אויפ'ן ביסעל קרעדיט וואָס ער האָט פון די קרעדיטאָרען און פון גמילת חסדים וואָס ער האָט פון צייט צו צייט פון שכנים געקראָגען.

און דאָס לעבען איז זיך דערווייל געגאנגען פארווערטס; די ווייזערס אויפ'ן ציפערבלאט האָבען זיך בעוואויגען; עס זיינען אוועק וואָכען און חדשים; די מלחמה האָט זיך וואָס אמאָל שטארקער פארשארפט. דייטשלאנד האָט איבער די רוסען איין זיעג נאָכ'ן צווייטען געהאט, און אין איהר גרויסען טריאומף האָט זי גענומען מארשירען קיין פאריז.

זיינען די פּרייזען געפלויגען העכער און העכער.

האָט זיך די מענשהייט נאָך מעהר געווארפען צום האנדעל; ס'איז געוואָרען א „בום" : מ'האָט די גרעסטע פּרייזען געצאָהלט; איינער האָט געקויפט ביים צווייטען;

מאָרגען האָט דער צווייטער צוריק געקויפט די זעלבע סחורהביים ערשטען, און איבערמאָרגען ווידער דאָס זעלבע. מ'האָט געהאַנדעלט מיט אלעס. מ'האָט געקויפט וואָס ס'איז צו דער האנד געקומען. מ'האָט געמאכט ספּעקולאציעס; מ'האָט געטאפּט אין דער פינסטער, און מ'האָט געטראָפען; ס'האָט יעדען געגליקט; מ'האָט גרויסע געלדער געמאַכט; מ'איז געוואָרען רייך.

רודינסקי האָט געקוקט מיט ביטערניש ווי די וועלט ווערט רייך; ווי מען פּערדינט אוצרות. זיין שכן מיסטער גאלדענבערג וואָס איז ערשט געוועזן א קליין מענטשעל, א פּשוט'ער „קאָסטאמער פּעדלער", וואָס האָט אריינגעלעגט אין געשעפט סך־הכל פינף טויזענד דאָלאר, שאצט מען איהם שוין אין צוואנציג טויזענד . . .

און דוקא אין שניט סחורה.

האָט רודינסקי ניט געקענט פערשטעהן. ער קען גאלדענבערג'ען, ער ווייסט וואָס פאר א פעהיגער מענש ער איז. ער איז זיכער אז ער איז אויך אזא פעהיגער מאַן ווי גאָלדענבערג. האָט ער געטראכט אז ס'איז נאָר מזל; ער האָט איינגעהאנדעלט א גרויסע צאָהל סחורה, די פרייזען האָבען געשטיגען, און ער איז געוואָרען רייך; דאָס נארישקייט איז איהם געראטען.

האָט ער ווידער איינגע'טענה'ט מיט דינה'ן :

— מען מוז זעהען עפּעס טהון, דינה. אזוי איז ניט קיין תכלית. מען דארף איינשטעלען : „אז מען שטעלט ניט איין, נעהמט מען ניט אויס".

האָט דינה ווידער געשוויגען, זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגען.

—וואָס שווייגסטו דינה ? — האָט רודינסקי זי

ערענסט געפרעגט, גלייך ווי אין איהר ענטפער ליגט זיין גאנצער שיקזאל.

— וואָס זאָל איך זאָגען ? — האָט דינה געענטפערט פאַרזיכטיג — וואָס וויים איך וואָס צו זאָגען ? ווען איך וויים וואָס ס'איז גוט, וואָלט איך דיך זיכער געראטען.

האָט זיך רודינסקי דערווייל געטהון זיין ארבייט : האָט אלע אין דער פריה ארויסגעטראָגען די שטעל, אָנגעווארפען אויף איהר פערשיעדענע סחורות, און זיך אוועקגעזעצט לעזען די קעפּלעך פון דער מאָרגען־צייטונג : „די מלחמה בושעוועט אין איהר פולען גאנג", „בערג הרוגים פאלען פון ביידע זייטען", „דייטשלאנד מאכט איהר מארשרוט קיין פאריז דורך בעלגיען", „פרייזען פליהען אין דער לופטען", „די צאָהל מיליאנערען פערגרעסערט זיך פון טאג צו טאג".

און אז די פרויען מיט די קוישען האָבען זיך ארויסגעלאָזט אין די גאסען, איז ביי די שטעלען געוואָרען לעבעדיג.

האָט זיך רודינסקי אוועקגעשטעלט לעבען זיין שטעל, און זיך גענומען רייסען דעם האלז, אויסשרייענדיג פאר די פערבייגעהער די ביליגע פרייזען פון זיין סחורה.

און אז די קונים זיינען זיך צוגאנגען און רודינסקי איז געבליבען אליין, האָט ער זיך אוועקגעכאפּט א קוק טהון בגנבה ביי די שכנים אין די פענסטער, צי עס זיינען דאָרט דאָ קונים.

ביי גאָלדבערג'ען איז די קלייט פול מיט קונים געווען : מ'האט גע'טענה'ט, געמאָסטען, געשניטען און געפאקט.

רודינסקי איז אריין צו זיך אין קלייט א צוקאָכטער.

— הערסט דינה וואָס איך'ל דיר זאָגען : — מזל. — מען דארף האָבען מזל. א גרינער, דאכט זיך, ערשט געקומען אין לאנד, עס שמעקט נאָך פון איהם די שיף, און דאָך זיך אזוי ארויפגעארבייט. מעגסט שוין זעהן וואָס דאָרט טהוט זיך : ממש א יאריד.

— איז וואָס ? — האָט דינה געענטפערט קאלטבלוטיג. — דארפסט איהם מקנא זיין ? זיי בעסער מקנא ראקעפעלער'ען, ער האָט נאָך א גרעסערען מזל !

— יא, אָבער ס'איז דאָך די זעלבע קלייט וואָס אונזערע ? איך האָב דאָך ביליגער סחורה פאר איהם ? ער האנדעלט דאָך נאָר מיט רעגעלע סחורה ?

— נו, מסתם איז זיין מזל גרעסער . . .

ס'איז געוואָרען א זייגער עלף.

רודינסקי איז אוועק אין אקשען זוכען מציאות, און דינה איז געבליבען ביי דער שטעל, האָט אויך אכטונג נעגעבען צו דער קלייט און צו דער קיך.

און אז דער הימעל האָט זיך פער'כמארעט און געסטראשעט מיט רעגען, האָט דינה אויף שנעל געכאַפּט די סחורה און האָט זי אריינגעווארפען אין קלייט אריין.

און אז עס האָט אזעצגעטהון א שלאקס-רעגען, איז ינה געשטאַנען א פערטראכטע און געקוקט אויף די גראָבע טראָפּען רעגען וואָס פאלען ווי גלעזערנע קערנער אויפ'ן פענסטער.

און אז אין דרויסען האָט זיך אויסגעלייטערט, האָט זי די צעווארפענע סחורה ווידער אויף דער שטעל ארויסגעטראָגען.

פארנאכט איז רודינסקי געקומען פון אקשען, מיט א נעפּאקטען וואגען פון אלערליי סחורות.

האבען זיי זיך אוועקגעשטעלט איבערקוקען די מציאות און אויסרעכענען דאס פערדינסט.

צוועלף ביי דער נאכט האט מען אריינגעטראגען די שטעל, אבגעקעהרט דעם סיידוואלק און פערברענט די אנגעווארפענע שטיקלעך פּאפּיער.

מארגען אין דער פריה האט מען די שטעל ווידער ארויסגעטראגען.

אזוי זיינען אוועק וואכען און מאנאטען: פון דאגות, איבערלעבונגען און חלומות; פון מאטערנישען און שווערער הארעוואניע.ביידע האבען שווער געארבייט: דינה מיט דער קלייט און מיט דער קיך. רודינסקי — מיט דער שטעל און מיט'ן אקשען. נאר ווען א קונה איז זיי דערגאנגען שטארק צום הארצען, האט זיך רודינסקי גענומען איינ'טענה'ן מיט דינה'ן:

— מען מוז דינה א טראכט טהון וועגען אנאנדער פּרנסה; אזוי איז ניט קיין תכלית; מען דארף פּראבירען, מען מוז זיך נעהמען צו עפּעס אנדערש. ס'איז דא נאך געשעפטען אויף דער וועלט; אונזערע טויגען ניט. זיי זיינען אויסגעשפּיעלט.

קאפּיטעל צוויי

דער סוחר רודינסקי

פון דער נאַטור האָט רודינסקי פאַרמאָגט איינגע־בוירענע פעהיגקייטען פון א גוטען געשעפטסמאַן: זיין שעהנער אויסזעהן, זיין הייליכדיגער, שטענדיג־שמייכלענ־דער פנים, מיט די צוויי חנ'עווידיגע לאַשטשענדע אויגען, האָבען געמאַכט אַן אינטימען און עהרליכען איינדרוק. זיין שטענדיגע רוהיגקייט, מיט זיין אויסערליכער צופריי־דענהייט, האָבען איהם געמאַכט אויסזעהן פאַר אַן ער־פאָלגרייכען געשעפטס־מאַן. אלע וואָס זיינען געקומען מיט איהם אין בעריהרונג זיינען צופרידען געוועזן פון זיין התקרבות. ער האָט אפילו געקענט געבען יענעם, ווען מ'האָט באַדאַרפט, אדער ווען מ'האָט זיך צו איהם גע־ווענדעט, א גוטע עצה.

און האָט זיך איינער מיט איהם צורעדט פון מסחר, האָט ער געמאַכט דעם איינדרוק פון א געניטען מענשען, וואָס פערשטעהט דעם האנדעל דורך און דורך. ער פלעגט ערקלעהרען אויף א גאַנץ פילאזאָפישען שטייגער, אז מסחר איז א געגענשטאנד וואָס מען דארף לעהרנען. צו זיין א דאקטאָר אָדער אן אינזשעניער, דארף מען לעהרנען א געוויסע צייט ביז מען ענדיגט. מסחר קען מען ניט ענדיגען, מען דארף לעהרנען, לעהרנען, און ווידער לעהר־נען. און וועה איז צו דעם דאקטאָר אָדער אינזשעניער וואָס פארשטעהט ניט קיין מסחר . . . מעג ער זיין ווי געלעהרענט און האָבען די בעסטע פעהיגקייטען, וועט ער קיין לעבען ניט מאַכען.

אָט אין אזא פילאָזאָפיע האָט זיך רודינסקי אוועק־געלאָזט ווען איינער האָט זיך מיט איהם וועגען מסחר צורעדט. און אזא פילאזאָפיע האָט ער געפּרעדיגט און געלעהרענט יעדען ווער עס האָט איהם וועגען מסחר אן עצה געפרעגט; אליין אָבער איז ער געווען א שלעכ־טער געשעפטסמאַן; ער האָט געפיהרט זיין געשעפט אָהן שום ארדנונג און סיסטעם. ער האָט קיינמאָל ניט גע־וואוסט וואָס ער דארף און וואָס זיין געשעפט פאָדערט. ער האָט געקויפט זאכען נאָר דערפאר וואָס זיי האָבען געקאָסט ביליג; אָדער ס'האָט זיך איהם געראכט אז ס'איז ביליג. ער האָט אָבער ניט פערשטאַנען אז די ביליגע סחורה קען זיין ניט גאַנגבאַר, און זי קען ביי איהם בלייבען ליגען.

איז ער דערפאר ארומגעלאָפען אין די אקשענס זו־כען מציאות.

און אז ס'האט געטראפען אז ער האָט געקויפט אַן ארטיקעל מיט אַ סענט אָדער צוויי ביליגער פון'ם גע־וועהנליכען פרייז, האָט ער דערפאר געמוזט קויפען צעהן שטיקער סחורה מיט איינמאָל, ווען ער האָט זיך געקענט באַגעהן גאָר מיט איין שטיק פון דעם מין.

אָדער עס פלעגט טרעפען אז אין די גאנצע צעהן שטיקער סחורה איז געווען נאָר איין שטיק וואָס ער האָט באַדאַרפט, און די איבעריגע ניין זיינען געווען משונה'־דיגע קאָלירען פון וועלכע ס'איז איהם אונמעגליך געווען פטור צו ווערען און זיי האָבען געמוזט ווערען לעגער־סחורה.

האָבען די לעגער־סחורה'ס געבראכט דערצו, אז די קלייט איז געווען איבערגעפאַקט און צו פערקויפען איז ניט געווען וואָס, שטענדיג האָט געפעהלט רומל. אויף וואָס מ'האָט געפרעגט איז ניט געווען.

אין קיין רעגעלען געשעפט האָט רודינסקי ניט אריינגעשמעקט. ער האָט געדענקט, אז רעגעלע סחורה קאָסט טייער. דאָס האָט געבראכט דערצו, אז ער האָט אין קיין גאנגבאַרער סחורה קיין שום בעגריעף ניט גע־האַט און האָט אויך ניט געוואוסט די פלעצער וואו מען קען זי בעקומען.

האָט ער בעצאָהלט אין אָקשען אָדער פאר „דזשאבבס" מעהר ווי מען בעצאָהלט פאר רעגעלער סחורה און איז געווען זיכער אז ער קויפט מציאות.

ער האָט געקויפט אָהן חשבון און ניט אויסגערע־כענט.

ער האָט קיינמאָל ניט געקענט גאראנטירען פאר זיין סחורה צי זי וועט זיך טראָגען אָדער וואשען, ווייל וואו

ער האָט געקויפט האָט מען איהם אויך ניט גאראנטירט.

דאָס וואָרט, מאדע, האָט ער געהאסט צו הערען. האָט מען איהם געפרעגט אויף אַן ארטיקעל וואָס ער האָט ניט געהאט, האָט ער זיך גע׳חוזק׳ט — אוודאי מאדע . . . ? ער האָט נאָר געוואלט פערקויפען דאָס וואָס ער האָט געהאט, די מידה האָט איהם זיין בעל הבית אין רוסלאנד וואו ער האָט געארבייט געלעהרענט : „אז דער קונה פרעגט אויף סיץ, פערקויף איהם בייקע. און פון דער געוואוינהייט האָט ער זיך דאָ, אין אמעריקא, אויך ניט געקענט בעפרייען . . .

זעהענדיג אבער אז די קונים ווילען נאר דאָס ארטיקעל און געהען אוועק ניט געקויפט איז ער דאמאלס אוועק צווישען די קלייטען זוכען די סחורה . . . און ניט וויסענדיג וואו מען באקומט עס, פלעגט ער עס קויפען פון דער דריטער אדער פערטער האנד, און באצאָהלען דעם פולען פרייז, אז ס׳איז איהם שוין אונמעגליך געווען זי צו פארקויפען. אָפטמאָל האָט ער דאָס ארטיקעל געקראגען צו שפעט, די מאדע האָט זיך שוין געביטען, און מ׳האָט שוין געפרעגט אויף עפּעס אנדערש...

אזוי האָט רודינסקי געפיהרט זיין קראם. איז געווען באַשעפטיגט מיט ארויסטראגען און אריינטראָגען די שטעל, מיט זוכען מציאות, מיט אויסשרייען די ארטיקלען פאר די פארבייגעהער, און מיט טראכטען וועגען אנדערע געשעפטען.

ארבייטענדיג אלע יאָהרען אלס פריקאשמשיק אין א ביליגער שניט־קראם, וואו מ׳האָט זיך געמוזט ארומשלעפען אויף די יארידים, אין די דערפער, און אין די קליינע שטעדטלעך, די סחורה די פויערים צו פאר־

קויפען, האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט די געוואוינהייט פאַר דער סחורה אַ צווייענדיגען פרייז צו בעטען. און פון דער געוואוינהייט האָט ער זיך דאָ איז אמעריקאַ אויך באַפרייען ניט געקענט. אויך דאָ האָט ער אויף יעדען אַרטיקעל איבערגעבעטען אויף נאָכאַמאָל אַזוי פיעל, וויפיעל מען האָט בעדאַרפט דערפאַר באַקומען.

און אַז ער האָט אָנגעהויבען אַראָבלאָזען פון דעם פרייז, איז דער קונה געבליבען צוטומעלט און האָט ניט געוואוסט וויפיעל צו געבען.

אָפטמאָל פלעגט טרעפען אַז נאָכדעם ווי די פרוי האָט צוגעשטימט צום פרייז, האָט זי ערשט חרטה גע־קראָגען אויפ'ן גאַנצען עסק, דענקענדיג אַז זי האָט ערשט איבערגעצאָהלט...

ס'האָט אויך אַמאָל געטראָפען, אַז דאָס זעלבע אַר־טיקעל האָט ער פאַרקויפט דער מאַמען מיט איין פרייז, און דער טאָכטער מיט אַן אַנדער פרייז. און ווען די מאַמע מיט דער טאָכטער זיינען אַהיים געקומען, האָבען זיי זיך אַרומגעזעהן אַז זיי זיינען ביידע געוואָרען גע־נאַרט: ווייל די שכנה זייערע, האָט דאָס זעלבע אַר־טיקעל ביי רודינסקי'ן פאַר אַ סך ביליגער געקויפט...

האָבען זיי איהם די סחורה אָבגעבראַכט.
זי איהם אין פנים געוואָרפען.
האָט זי רודינסקי ניט געוואָלט אָבנעהמען.
אָבגעשניטענע סחורה.
האָבען זיי איהם געלאָזט וויסען בקול רם אַז ער איז אַ שווינדלער.
איז ער אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצען טאָג צורודערט.
איז געווען בייז אויף די קונים מיט דער קראַם צוזאַמען . . .

קאַפּיטעל דריי

רודינסקי'ס פּלענער

— דו ווייסט דינה — האָט זיך רודינסקי צו איהר אנגערופען ווען זיי זיינען אליין אין קלייט געווען, — כ'האָב באַשלאָסען געהן אין „גראסערי ביזנעס" — אויב דו וועסט ניט זיין דאגעגען.

— וואָס עפּעס „גראָסערי ביזנעס" ? דער גראָ־סערימאַן ארבייט דאָך נאָך לענגערע שטונדען פאר אונז ? ער מוז דאך צוטראָגען זיינע „אָרדערס" ווען אלע שלאָפען ?

— אמת. אָבער דאָך זיינען „גראָסערי ביזנעס" בעסער פון שניט סחורה. — עסען מוז מען. די סחורה געהט קיינמאָל ניט ארויס פון דער מאָדע. און צו מאכען א לעבען פון א גראָסערי, דאַרף מען אפילו קיין מזל ניט האבען. ווער שמועסט אז מ'האָט נאָך אבי־סעלע שכל, מאכט מען געלט.

—דו קוקסט מיך אָן, הא ? אָט איז אונזער „גראָסערמאַן", מיסטער זווירען, א פשוטער אידעל דאכט זיך, א טיפּש און א גראבער יונג, ער קען די קלענסטע „ביל" אָהן א טעות ניט צונויפרעכענען ; וועך שמועסט אז ער דאַרף זיך אויף עפּעס אונטערשרייבען, באַזעצט דאך איהם אזש א שוויים ! און ווייסטו אין וויפיעל מען שאצט איהם היינט ? אָט דעם מיסטער זווירענען, וואָס ער איז ערשט מיט איין יאָהר פריהער ארומגע־לאָפען נאך א גמילת חסד'ל א „ביל" צו באצאהלען ? מען שאצט איהם אין די שווערע טויזענדער ! די הויז וואו ער וואוינט האָט ער אפגעקויפט, און ער האָט נאך „ריעל עסטייט", — פארשטעהסט ? אין איין יאָהר צייט האָט ער, דער דאזיגער מיסטער זווירען, דאָס אפגעשפּאָרט.

— און וואָס פאר א חכמות האָט ער דא אויפגעטהון? גארנישט. ער האָט באהאלטען צוקער און ספּעקולירט אומגעזעצליך ! . . . איז וואָס ? קען איך דען אזא חכמה ניט באווייזען ? איי ס'איז ניט געזעצליך, איז מה בכך ? ווער מאכט דען געלט געזעצליך ? איז דער „טראסט" וואָס העכערט אלע מאָל די פּרייזען אויף צוקער געזעצליך ? איז דאָס פאַרקויפען וואפען צו פרעמדע מלוכות, מ'זאל מיט זיי שיסען אין אומשולדיגע מענשען געזעצליך ? איז די גאנצע מלחמה געזעצליך ? . . .

— אלע טהוען דאך אומגעזעצליך !

— און אז אלע טהוען אומגעזעצליך, דאַרף מען טאקע אפשר ניט זיין קיין יוצא מן הכלל ; ווייל אויף א יוצא מן הכלל קוקען אלע מיט מיסטרויען, און מען באטראכט איהם פאר אומגעזעצליך . . .

דינה איז געזעסען לעבען קאנטער און האָט זיך אויפמערקזאם איינגעהערט אין זיינע רייד. די לעצטע ווערטער זיינע האָט זי גרינדליך ניט פארשטאנען. נאָר זי האָט געטראכט, ווען עס זאָל געהן אין דער געהער־טיגקייט וואָלט זי ניט געוועזן דאנגען; אבער די „גראָ־סערי ביזנעס" זיינען איהר ניט צום הארצען.

האָט זי געשוויגען.

— נו דינה, וואָס זאָגסטו ?

— וואָס זאָל איך זאָגען ? מיר וועלען נאָך זעהען, מיר וועלען זיך בעדענקען, מ'קען אזא זאך ניט כאַפּען.

— איך גלויב אז ס'איז נישטאָ זיך וואָס צו בעדענ־קען. — האָט רודינסקי געזאָגט אין אן איבערצייגענדען טאָן — און האט זיך געשטעלט בעטראכטען די סחורה און זי אויבערפלעכליך געשאצט וויפיעל זי קען בע־טרעפען.

איין זאך איז רודינסקי'ן אין וועג געשטאנען : ווי אזוי פארקויפט מען די סחורה ?

האט ער וועגען דעם געטראכט, און ס'איז איהם גע־וואָרען קלאָהר : ער וועט מאכען אן אויספארקויף: ער וועט לאזען מאכען גרויסע אויפשריפטען אז ער געהט ארויס פון ביזנעס, און אז ער פארקויפט זיין סחורה מיט פופציג פראָצענט דעם דאָלאר; דערנאך וועט ער אריינ־רופען אן אקשעניר און איהם פערקויפען דאס איבעריגע.

יא, אזוי וועט ער טהון; און שוין, באלד, אין עבירה צייט. מארגען וועט ער באשטעלען די אויפשריפטען, נישטאָ זיך וואס צו בעדענקען.

אבער אויף מאָרגען האט ער זיך יא באדענקט : ער האָט זיך בעדענקט אז דינה האָט רעכט. ווידער די זעל־

בע ארבייט. נאך א שווערערע. אויפשטעהן ווען אלע שלאפען און ארומלויפען איבער די הייזער . . .

און ניט שטענדיג קען מען דאך באהאלטען צוקער!

האט ער אנגעהויבען דענקען צו געהן אין „ריעל עסטייט" ביזנעס.

האנדלען מיט הייזער.

האט ער זיך ווידער גע'עצה'ט מיט דינה'ן.

— איך גלויב, דינה, אז דאס בעסטע איז צו געהן אין „ריעל עסטייט" ביזנעס, האנדלען מיט הייזער.

— וואס ווייסטו פון „ריעל עסטייט" ביזנעס? — האט דינה קאלט געענטפערט און פארוואונדערט איהם אנגעקוקט — מען דארף דאך פארשטעהן די ביזנעס?

— וואס זשע דענקסטו — האט רודינסקי געזאגט אין א בעלײדיגטען טאן — איך קען ניט זיין אזא געשיקטער ביזנעס מאן ווי בערעל דער בעקער? בערעל איז דאך א פשוט'ער בארמילא. ער קען דאך מיט קיין מענשען קיין צוויי ווערטער ניט ריידען. פון איבערלייזען א ווארט איז דאך אבגערעדט. די גאנצע חכמה זיינע באשטעהט אין דעם, וואס ער געהט אוועק צו א „ריעל עסטייט"־מאן און פרעגט איהם צי ער האט א הייזקע צו פארהאנדלען; און ווען יענער זאגט יא, גיט ער איהם א הונדערטער האנד געלט. ניט ער זעהט די הייזקע אין ניט ער ווייסט וואס ער האט געקויפט. ווארום וואס וועט ער געהן קוקען? אז ער וועט זעהן, וועט ער דען ווייסען וואס? מארגען קומט אן אנדער בעקער און גיט איהם הונדערט דאלאר פארדינסט. ווער שמועסט אז ער ספעקולירט מיט דער הייזקע עטליכע טעג, און גיט אן העכער דאס דירה געלט, קריגט ער צוויי, און דריי, און אמאל

פיער הונדערט דאָלאר פארדינסט. און ס'איז א סברה אז ער מאכט אוצרות. ער שארט פשוט געלט מיט לאפע־טעם!

— מען דארף דאָך אבער האבען זיין כאראקטער צו קענען רייסען דירה געלט?

— נו, איז וואס? — האט זיך רודינסקי געקאָכט

— רייסט מען. אלע רייסען דאָך! דער „טראסט" רייסט ביים הורטאוזניק. דער הורטאוזניק ביים לאחדים'ניק. דער לאחדים'ניק ביים ארבייטער. דער ארביי־טער ביים מאנופעקטשורער, דער מאנופעקטשורער ווי־דער ביים ארבייטער. און אזוי ווייטער . . . . אלע ריי־סען דאָך וועלען מיר אויך רייסען!

— נו דינה, רעד!

— וואס זאל איך ריידען? ס'איז אודאי א בעסערע ביזנעס פון אונזערע, אבער . . .

— וואס אבער?

—אבער, איך וויים? טהו ווי דו פארשטעהסט. איך וועל דיר אין וועג ניט שטעהן.

— ניין, האסט עפעס געוואלט זאגען? זאג. פאר־קעהרט, אפשר האסטו עפעס אויסצוזעצען דאגעגען, לאם איך הערען?

— איך האב געוואלט פרעגען: וואו וועסטו נעה־מען געלט? קיין הייזער קייפט מען דאָך ניט אויף קרע־דיט?

— געלט? ס'וועט זיין געלט; איך האב א פלאן.

— דהיינו?

— דהיינו? אז איך וועל האבען אבגעלייזט פאר

דער סחורה, וועל איך בעטען ביי די קרעדיטארען אן „עקסטענשאן". דאס הייסט, איך זאל זיי דאס געלט אויסצאהלען צו ביסלעך: אין א יאהר אדער אין צוויי.

— אפשר וועלען זיי ניט וועלען?

— זיי וועלען מוזען וועלען; זיי וועלען קיין אנדער ברירה ניט האבען.

— אויב אזוי, טהו ווי דו פארשטעהסט. מן הסתם וויסטו דאך וואס דו טהוסט!

— איז גוט; וועלען מיר געהען אין „ריעל עסטייט" ביזנעס. אזוי בלייבט עס.

אבער ס'איז ניט אזוי געבליבען. רודינסקי האט ווידער חרטה געקראגען:

— ס'איז דאך פארט אן אומרעכט? באשר איך וויל מאכען עשירות, וואס איז דער ארימאן שולדיג? איך קען דאך קיין פארדינסט ניט מאכען ביז איך העכער ניט קיין דירה געלט? איך נעהם דאך דערמיט אוועק פון ארבייטער א טהייל פון זיינע געצעהלטע שכירות? עס הייסט דאך איך ספעקוליר אויף יענעם'ס קאפ! . . .

דערוויל איז רודינסקי געווען באשעפטיגט מיט זיין טעגליכער ארבייט. מיט טראכטען וואו מען נעהמט געלט צו די בענק. און מיט צאהלען „בילס".

און אז די בענק זיינען אריבער און ס'איז קיין „קאסטאמער" אויך ניט געווען. פלעגט זיך רודינסקי אוועקכאפען א קוק טהון צו גאלדענבערג'ן אין פענסטער... און צוריקקומען פערביטערט.

און אז דינה איז געווען פארנומען, פלעגט ער רייידען צו זיך אליין:

— דאכט זיך די זעלבע סטריט, די זעלבע מענשען, דער זעלבער פאך. איך בין אן עלטערער ביזנעסמאן, מיט מעהר געניטקייט, מיך קאסט סחורה ביליגער פאר איהם און דאך איז ביי איהם שטענדיג די סטאר געפאקט: מען לייזט, מען מעסט, מען שניידט, מען פאקט, — ס'איז א יאריד.

— מזל. נאר מזל. אז מ'האט מזל דארף מען קיין שכל. און אז מ'האט ניט קיין מזל אין די ביזנעס, דארף מען געהן אין אנדערע. מען מוז בייטען דאס מזל....

קאפיטעל פיער

די גאס.

די גאס, וואו רודינסקים קלייט איז געשטאנען, איז געווען כלו אידיש. די אייגענטימער פון די קלייטען זיינען אלע געווען אידען און האבען געשאפען א אידישע סביבה : מ׳האט גערעדט אידיש, געהאנדעלט אידיש, זיך געווערטעלט אידיש, און זיך בעוואויגען אידיש . . . זאגאר די ענגלישע שפראך וואס מ׳האט דארט גערעדט איז געווען א אידישע . . .

אויף די טראטוארען פוןביידע זייטען גאס, זיינען געשטאנען אנגעשטעלט שטעלען מיט שטעלעכלעך פון אלערליי קליידער־שטאף : רעשטען מיט רעשטלאך, „עמברוידערים", „לייעס", „טרימינגס", שיכווארג, פעסלעך הערינג, זויערע אוגערקעס און אנדערע ארטיקלען. צומאל אויך ספרי רומל : אגדות, קינות, סליחות, אויך שעהנע מעשה־ביכלעך, ביליג, פינף סענט א שטיק ; שנה טובה קארטען, מיט בילדער פון גרויסע מענשען : הערצעל,

נאַרדאָו, וויַיצמאַן, סאָקאָלאָוו און שמ"ר. אויך הושענות, לולבים, אתרוגים און גראַגערס. פאַר די טראַטוארען זיינען געשטאַנען אָנגעשטעלט שטופּ־וועגעלעך מיט אַלער־ליי עסנוואַרג: ציבעלעס, קנאָבעל, בארען, עפּעל, פּלאַ־מען, לימענעס, מאַראַנצען, ראַזשענקעס, מאַנדלען, „סאַ־לערי" און אַנדערע אַרטיקלען. פון די גרויסע „בוטשער־סטאָר"־פענסטער פון ביידע זייטן גאַס, האָבן געבליש־טשעט די גאָלדענע אותיות „בשר כשר", חוץ ביי איינעם אַ טריפה'נעם „בוטשער" וואו עס איז נאָר געשטאַנען אָנ־געשריבן „בשר שר" אום די ווייבער זאָלן מיינען אַז די „כ" איז דורך אַ צופאַל אַראָפּגעפאַלן . . .

זעקס אַ זייגער אין דער פריה, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געררודער. די בעלי בתים פון די שטופּ־וועגעלעך זיי־נען אַרויס פון די שמאָלע געסלעך און האָבן אָנגעהויבן פערכאַפּן פּלעצער.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ זידלעניש מיט אַ שעלטע־ניש, מ'האָט זיך פאַרביטן מיט די טאַטעס און טאַטעס טאַטעס, ביז אין אַלטן תרח אַריין און מ'האָט אָנגעהויבן אָנשטעלן קולאַקעס . . .

אַזאַ חוצפה האָט שוין דער גראָבער פּאָליסמאַן, וואָס איז געשטאַנען אין צווייטן „קאָרנער" ניט געקענט פאַר־טראָגן, האָט ער פאַרלייגט די הענד פון הונטען און זיך רוהיג דורכשפּאַציערט די גאַס . . .

האָט זיך יעדער אַוועקגעשטעלט לעבן זיין שטופּ וועגעלע, גלייך ווי ניט איהם מיינט מען . . . און מ'האָט אָנגעהויבן אויסרופן די אַרטיקלען ביי די נעמען.

איז געוואָרן אַן אויסמישעכץ פון פאַרשידענע קולות און אויסגעשרייען; איז געוואָרן אַ רעש און אַ

טומעל; א דינגעניש מיט א קאַבעניש.

פון די ארומיגע געסלעך האבען זיך אנגעהויבען שיטען פרויען. אידישע, פוילישע און איטאליענישע. דאס רוב פון ארימען און מיטלען קלאס. די ארויפגעאר־בייטע „אלרייטנעצעס" וואס האבען דארט געוואוינט, זיינען געלאפען „שאפען" אין די „דעפארטמענט־סטארס" און דארט זוכען מציאות.

רודינסקי האט ארויסגעטראגען די שטעל און אנגע־ווארפען אויף איהר פארשידענע סחורות. ס'האבען זיך באלד ארומגעשטעלט א רעדעל פרויען, יעדער פרוי האט געשלעפט צו זיך אנאנדער שטיק סחורה און געמאכט פון איהר א שמאטע.

דערנאך האט מען זיך אנגעהויבען דינגען . . . .

פון די אידישע קונים האט רודינסקי געליטען מעהר ווי פון די אנדערע. כאָטש אין דינגען־זיך האבען די אי־טאליענישע און די פוילישע זיי איבערגעשטיגען.

— „די איטאליענישע און פוילישע „קאסטאמער" — פלעגט רודינסקי זאגען — האבען א מעלה: זיי פאדערן ניט קיין „סטייל". מ'קען זיי אלעם פארקוי־פען, אבי ביליג. זיי פערלאנגען נאָר די סחורה זאל זיין שטארק און זאל זיך וואשען. די אידישע „קאַסטאָמער" קען מען אזעלכע ארטיקלען ניט פארקויפען. זיי דינגען צום „סטייל" ביז צו עקעל. און אויב דער „סטייל" זאגט מ'זאל טראגען געהלס, קען מען זיי קיין אנדער קאליער ניט פארקויפען. זיי מוזען האבען געהלס. כאָטש דער געהלער קאליער פארענדערט זייער אויסזעהען און מאכט פון זיי חוזק.

א סך פון זיינע קונים פּלעגן זיך איהם איינעסען אין די ביינער: „מיר האבען פיינט — פּלעגען זיי זא־גען צו קויפען דארט וואו ס'איז „וואָן פּרייז"; פאר אונזער געלט האבען מיר א רעכט זיך דינגען. האט זיי רודינסקי געבאטען א הויכען פּרייז, אויף זיין שטייגער, צוויי מאהל אזוי פיעל; ווי ער איז געוואוינט געווען פון יוראפּ, בכדי ער זאל האבען פון וואנען ארונטער־צולאזען. זיינען זיי געווארען ברוגז, אש להבה. „זיי האבען פיינט אז מען זאגט איבער". האט זיי רודינסקי געזאגט דעם אמת'ן פּרייז, דעם לעצטען. דאס הייסט: העלפט פון דער פּרייז וואָס ער האָט זיי פריהער געבעטען, האבען זיי איהם דאמאלס ערשט געגעבען א העלפט.

„די גרעסטע צאהל פון מיינע קאסטאמער — פּלעגט זיך רודינסקי ווערטלען — האבען פיינט צו קויפען אין איין „סטאר": זיי האבען מורא אז זיי וועלען קויפען אין איין „סטאר", וועלען זיי ניט וויסען דעם ריכטיגען פּרייז פון דער סחורה. מען וועט זיי אבנארען. איז ביז זיי קויפען עפּעס, צעוואַרפען זיי אלע „סטארס" מיט די „סטענדס" פון יענעם געגענד, אום אויסצוגעפינען דעם ריכטיגען פּרייז . . .

די גרעסטע צאהל פון זיינע קונים, האבען געזוכט נאר רעשטען. פון'ם שטיק האָבען זיי פיינט גע־האט צו קויפען. ער האט זיי געמעגט געבען פון'ם שטיק ביליגער ווי פון'ם רעשט. האָט זיי רודינסקי אלע טאג צושניטען שטיקער סחורה און צוגעגרייט רעש־טען . . .

איניגע פרויען האבען ליעב געהאט אין מיטען דער „ביזי" — ווען רודינסקי איז געשטאנען ווי אויף שפּיל־

קעס — זיך ארייַנצולאָזען אין א זייטיגען שמועס און איהם פּלאָגען מיט זייערע לאַנגע געשיכטעס . . .

צומאָל האָט געטראָפען אז מ'האָט שוין געהאַלטען ביי א „סייל": אָט־אָט הייסט זי איהם מעסטען, פּלוצלינג איז זי אריינגעפאהרען מיט א מעשה . . . רודינקי איז געשטאַנען אין געהאַקטע וואונדען, ער האָט גראדע באַדאַרפט גוטמאַכען די בענק אדער לויפען אין אקשען וואו דער „סייל" איז שוין אנגעגאנגען. ער פלעגט בלייבען שטעהען אין פערלעגענהייט און ניט וויסען וואס צו טאָן, צי זיך אוועקזעצען אויסהערען די מעשה אין וועלכער עס וועט זיך פּיליַיכט ארייַנפלעכטען נאָך א מעשה. אדער לאָזען זי מיט דער מעשה און אנטלויפען . . .

און מעשיות צו דערצעהלען האָבען זיי געהאַט א סך. אין א רוהיגער צייט וואָלט ער זיי גערען אויסגעהערט.

איינע דערצעהלט :

אמאָל האָט זי געאַרבייט אין א גרויסען „דעפּאַרטמענט סטאָר."

האָט מען זיך אויפגעפיהרט אזוי :

ווען מ'האָט אריינגעקראָגען אן ארטיקעל, וואס מ'האָט עס באַדאַרפט לייזען צוויי דאָלאַר א יאַרד . . . מען זאָל דערביי מאַכען פערציג פּראָצענט „פּראָפיט", האָט מען דאָס ארטיקעל קיינמאָל ניט „געמאַרקט" קיין צוויי דאָלאַר — נאָר פיער. כאָטש זיי האָבען גוט געוואוסט אז פאַר אזא הויכען פּרייז וועלען זיי קיין „קאָסטאָמער" ניט האָבען. זיי האָבען עס אָבער געטהון מיט'ן צוועק צו געוואונען דאָס אויג פון'ם קויפער, אז דאָס איז א פיער דאָלאַרדיגער ארטיקעל . . .

אין א פּאָר וואכען שפּעטער, האָט מען געמאכט א „סייל״.

האט מען איבערגעשטראכען דעם פּרייז „פיער״, און אונטערגעשריבען אונטען מיט רויטען „צוויי״. דאס הייסט מיט צוויי דאָלאר אויפ׳ן יארד ביליגער.

און מעהר ווי איין „דרעס״ צו א „קאָסטאמער״ גיט מען ניט.

איז געווארען א געלויף, מ׳האט געכאפּט מציאות. דער פּעהיגער „מענעדזשער״ פון יענעם „דעפּארטמענט סטאר״ האט שוין געוואוסט, אז די קאסטאמער וועלען זיך געבען עצות. זיי וועלען ברענגען די שוואגערס מיט די שוועגערענס, מיט סתם גוטע פריינט און בעקאנטע, און אלע וועלען נעהמען נאר צו איינציגע „דרעסעס״ . . .

אום צו מאכען דעם „סייל״ שטארקער, האט מען אין יענעם טאג ארויסגעשטעלט צו פארקויפען ווייסע לייוונט, מיט צעהן סענט א יארד. מיט א האלבען סענט וועניגער ווי עס קאסט אליין. — און אויך נאר צו צעהן יארד צו א „קאָסטאמער״. . .

און דער „דעפּארטמענט סטאר״ איז אין יענעם טאג בדלות געווארען. מ׳האט פארלוירען אין לייוועגט א האלבען סענט אין יארד, און מ׳האט געמאכט אין אנדע־רע סחורות הונדערט פּראָצענט און מעהר . . .

א צווייטע פרוי, וועלכע האט געארבייט אין א סטאר וואו מען פארקויפט „האָלסייל און ריטייל״, האט דער־צעהלט אזא מעשה:

ווען עס פלעגט אריינקומען א נייע שטיק סחורה, האט מען עס צושניטען אין צווייען: איין שטיק האָט

מען געמארקט א דאָלאַר, און דאס צווייטע א דאָלאַר מיט פופציג.

אז די סחורה וואס איז געווען געמארקט א דאָלאַר איז ניט געפעהלען, האט מען דערלאנגט די צווייטע העלפט וואס איז געווען געמארקט א דאָלאַר מיט פופציג . . .

און מערקווירדיג: דאס שטיק סחורה וואס איז געווען געמארקט א דאָלאַר מיט פופציג, איז שנעלער פארקויפט געווארען . . .

נאָך א מעשה: ווען עס פלעגט ביי זיי איבערבלייבען אן ארטיקעל וואס ס'איז ארויס פון „סטייל", האט מען עס אויפ'ן צווייטען סיזאן ווידער גענומען צו דער ארבייט.

דאס ערשטע האט מען מיט דעם ארטיקעל באפוצט אלע פיגורען און זיי ארייגעשטעלט אין די פענסטער.

דערנאך האט מען ארויסגעשיקט עטליכע מיידלעך מיט „סעמפלס" פון דער זעלבער סחורה, זיי זאָלען ארומגעהען צווישען די „ריטיילערס" און פרעגען אויף דער סחורה.

האבען זיך די קרעמער פון זיי אויסגעלאכט און געזאגט אז זיי האבען ניט די סחורה ווייל זי איז ארויס פון דער מאדע.

האט מען מארגען ווידער ארויסגעשיקט מיידלעך, מיט די זעלבע „סעמפלס", צווישען די זעלבע „ריטייילערס" און די מיידלאך האבען שוין געגעבען אנצוהערען אז זיי האבען די סחורה געזעהען אין פענסטער פון יענעם „דעפארטמענט סטאר", נאר דארט וויל מען טייער . . .

האבען די ריטיילערס געזעהען אז ס'איז אויף דעם ארטיקעל אן אנפראגע געווארען, זיינען זיי געווארען צו־טומעלט, און געלאפען איינער פאר'ן צווייטען צו יענעם „דעפארטמענט סטאר" און זיך אנגעקויפט מיט דער „סטיילישער" סחורה וואס קיינער האט זי אין דער האנד ניט גענומען . . . .

קאפיטעל פינף

ד י נ ה

מרס. רודינסקי איז געווען א לויבענסווירדיגע, אכט און צוואנציג יעהריגע פרוי, שעהן געוואקסען, מיט איידעלע מאניערען, און צניעות'דיגען אויסזעהן. מיט'ן ערשטען בליק וואָס מ'האָט אויף איהר א קוק געטהון האָט זיך גלייך געווארפען אין די אויגען איהר שטאלצע שעהנהייט, וואָס איז צוליעב אומשטענדען פארוואלקענט געוואָרען.

איהר מאן בענדזשאמין, האָט זי ליעב געהאט ביז אייפערזוכט. זי האָט איהם שטארק רעספעקטירט, און איז געווען צו איהם מיטפיהלענד. זיין ווארט איז געווען ביי איהר — געזעץ. זי איז ניט געווען קיין פארשוועג־דערקע און האָט אנגעווענדעט אלע מיטלען איהם מיט־צוהעלפען אין די ביזנעס און צו פארגרינגערן איהם דאָס לעבען.

אין דער צייט ווען רודינסקי איז ארומגעלאפען זוכען מציאות, איז דינה, פארענדיג זיך אין סיך, אויך גע־שטאנען אין קלייט, און געכאפט א קוק צו דער שטעל. נים קוקענדיג אויף איהרע דריי פיצלעך קינדערלאך וואס זיינען איהר אומעדום נאכגעלאפען און זיך געפלאנ־טערט אונטער די פיס.

ווינטער האט זי געליטען פון קעלט: דאס געזו־אויוועלע וואס איז אין קלייט געשטאנען, האט מעהר געטשאדעט ווי געווארעמט.

האט זי אונטערגעקלאפט א פוס אין א פוס.

זומער פלעגט איהר אויסקומען זיצען מעהר ביי דער שטעל, וואו ס'איז געליגען אנגעווארפען א בארג מיט סחורה.

אין די ברענענדיגע טעג, האט זי זיך דעם גאנצען טאג געפרעגעלט געגען דער זון, מיט די קינדערלאך ארום זיך. זי פלעגט ווערען מאט און אבגעשוואכט. און בעטען גאט די נאכט זאל שוין צופאלען, זי זאל זיך קענען אוועקלעגען אויפ'ן געלעגער.

אבער דינה האט זיך אויף איהר לאגע קיינמאל פאר איהר מאן ניט באקלאגט. זי האט געוואוסט אז ער איז איהר געטריי, און טהוט אלעס וואס ער קען צו ערנעהרען זיין פאמיליע. זי האט נאר באדויערט וואס דער שיקזאל איז צו איהם ניט פריינדליך.

נאר צומאל, זומער, אין די ברענענדיגע טעג; ווען זי איז געזעסען געגען דער קאכעדיגער זון און זיך גע־באדען אין א ים פון שוויים: פלעגט זי האלב דרומ־לענדיג חלומ'ען וועגען איהרע מיידעלשע יאהרען, ווען

זי פלעגט אלע זונטאג ארויספאהרען מיט איהרע חבר'טעם אין די פארקס, און אבזיין דארט דעם גאנצען טאג צווישען זון און פארק. און פון דער וואך „וואקיישאן" וואס זי האט געהאט און פלעגט מיט איהרע חבר'טעם בייס ים פארברענגען און ווי אזוי איהר לעבען איז געווארען זינט ווען זי האט זיך מיט רודינסקי'ן באקאנט. ער האט זי „געטריט" ווי אן אמת'ער „דזשענטעלמאן". ער האט זי ארויסגענומען ביי יעדער געלעגענהייט, אין פארשידענע פארגעניגענס און „ספארט" פלעצער.

און דעם זומער פאר דער חתונה, האט ער זי „געטריט" מיט גאנצע צוויי וואכען „וואקיישאן" קיין אטלאנטיק סיטי. ער האט זי אריינגעפיהרט אין א שעהנעם האטעל, און „געספענדט" אויף איהר אלעס וואס ער האט פארמאגט . . .

און זיי האבען זיךביידע אין ים געבאדען. ער האט זי אויף א מינוט ניט אבגעלאזט. אויף די הענד האט ער זי געהאלטען און שווימען געלערענט. — שווים דינה — האט ער איהר געזאגט מיט זיין ליעבען שמייבעל, — א לעבעדיגער מענש דארף קענען שווימען, אויב ניט איז שווער די וועלט אריבערצושווימען . . .

און דערנאך האט ער זי צום ברעג ארויסגעפיהרט און אליין איז ער אוועק א שווים טהון.

ער האט ליעב געהאט שווימען.

און ער איז אוועק ווייט. העט ווייט . . .

און זי האט איהם נאכגעקוקט ווי ער שווימט אוועק. זי האט געמאכט צו איהם מיט די הענד ער זאל זיך אומקעהרען. דאס הארץ האט איהר געציטערט . . . אבער ער האט ניט געזעהן און ווייטער געשוואומען.

און עס איז איהר געקומען אויפ'ן זינען: ווען עס זאל איהם חס ושלום אן אומגליק טרעפען, וואלט זי זיך אויך אין ים אריינגעווארפען . . .

אבער ער האט זיך אומגעקעהרט. ער האט זיך לעבען איהר אויפ'ן זאמד אוועקגעלעגט.

און ער האט צו איהר גערעדט . . . רייד פון ליעבע . . . אזעלכע רייד האט זי דאס ערשטע מאל אין איהר לעבען געהערט . . .

ווי זיס זי האט דאמאלס געפיהלט. ווי גוט איז איהר דאן געווען. די גליקליכסטע טעג פון איהר לעבען . . .

און אז זיי זיינען שפאצירען אויפ'ן „באארדוואק" געגאנגען, האבען זיי איהרע חבר'טעס באגעגענט. זיי האבען זי מיט זייערע אויגען געגעסען. זי האט אין זיי א קנאה איבערגעלעהנט . . .

אבער זייט זיי האבען חתונה געהאט און זיינען אין „ביזנעס" געגאנגען, האט זיך דאס לעבען געענדערט. זיי האבען אנגעהויבען לעבען א שקלאפישען לעבען. מען שטעהט אויף זעקס אין דער פריה און ס'איז „ביזי" ביז צוועלף אין דער נאכט. אויך שבת און יום טוב אריינגערעכענט. מען מוז נאכטהון די שכנים.

א שווער לעבען א שווערס. אן אנגעשטרענגטס.

און מען ארבייט אזוי אהן אברוה. מ'איז טאג ווי נאכט פארוואגעלט און פארכמורעט. זיין שמייכעל איז ניט דער, וואס געווען. אין הארץ איז איהם טרויעריג, אומעדיג, ער איז שטענדיג פארמאטערט, ניט אויסגערוהט, ניט אויסגעשלאפען, ער האט אין זינען די בענק, און די בענק . . .

די ערשטע צייט האָט זיך רודינסקי נאך געָבריה'ט צו פארגרינגערן זייער לאגע. ער האָט ארגאניזירט א קאמיטע פון עטליכע קרעמער און איז מיט זיי ארומ־געגאנגען צווישען די קלייטען און אויפגעפאדערט זייערע בעלי בתים מ'זאל זיך ארגאניזירען צו האלטען די קליי־טען געשלאסען פון דריי דעם זייגער בייטאג, די זונטאגס פון די הייסע זומער מאנאטען, מ'זאל קענען האבען א געלעגענהייט ארויספאהרען אין א פארק איינאטעמען אביסעל פרישע לופט. זי געדענקט, ווען רודינסקי איז אהיימגעקומען, האָט ער איהר דערצעהלט ווי אלע פרויען האָבען זיי מיט באגייסטערונג אויפגענומען, און מיט טרעהרען אין די אויגען האבען זיי אויף זיי געקוקט ווי אויף ערלייזער. איינע האָט ערקלעהרט, אז זי איז שוין מעהר פון דריי יאָהר אין לאנד. זי האָט געהערט זאגען אז דאָ אין אמעריקא וואקסט אויך גראז ווי אין דער היים. אבער זי האָט עס נאך ניט געזעהן . . .

און איהר הארץ צאפעלט אזוי זעהען גרין גראָז . זי איז ערצויגען צווישען וועלדער און פעלדער, לײדער קענען זיי עס ניט אויספיהרען ווייל זייער שכן מאכט אלע זונטאג א „סייל" . . .

זיינען זיי אריינגעגאנגען צום שכן וואָס מאכט אלע זונטאג א „סייל" און האָבען איהם ערקלעהרט צוליעב וואָס זיי זיינען געקומען.

האָט ער געענטפערט :

„איך סימפאטיזיר מיט אייך מיט'ן גאנצען האר־צען. אבער איך האב מורא, אז די קאסטאמער וועלען קומען און וועלען זעהען אז די סטאָרס זיינען פארמאכט, וועלען זיי אוועקטראָגען דעם פדיון אין א צווייטער

סטריט וואו די סטאָרס וועלען זיין אָפּען. און וועלען דאָרטען שוין שטענדיג קאָסטאָמער פארבלייבען.

האָט א דריטער געענטפערט :

איך בין א שומר שבת. איך האלט שבת גע־שלאָסען. און צו האלטען געשלאָסען צוויי טעג אין דער וואך, קען איך ניט אויספיהרען.

האָט א פערטער געזאגט :

„אמעריקא איז א „פרי־קאָונטרי״. מען קען יענעם קיין דעה ניט זאגען. הלואי האלט איהר אלע געשלאסען, וועל איך מעהר לייזען . . .

זי געדענקט ווען רודינסקי איז אהיימגעקומען, איז ער געווען צורודערט.

— איך פארשטעה ניט, דינה — האָט ער מיט א ביטערען שמייכעל געזאגט, — פארוואָס אידען זיינען „פארביזנעוועט״ מעהר פון אלע פעלקער ? די יענקים, דאכט זיך, לעבען ניט ערגער פון אונז, זיי עסען און טרינקען מעהר פון אונז. געניסען פון לעבען מעהר ווי־פיעל מען טאָר. און עס טראָגט זיי די צייט אויף אלץ אפילו אין א פשוט'ן מיטוואך די סטאר צו פארמאכען. און מיר ישראל עם קדושים, וועקען זיך אליין צו סליחות, מיר שטעהען אויף צו עבודת „הביזנעס״ ווען גאט אליין שלאפט נאך. מיר ארבייטען ביז צוועלף אין דער נאכט בהקיץ, און פון צוועלף בחלום. ווייל אלע „בילס״, „סטייטמענטס״, „טשעקס״, „נאוטס״, וואָס דער קאָפּ דרעהט זיך פון זיי בייטאָג, קומען ביינאכט צו חלום און לאזען ניט רוהען... און ווידער שטעהט מען אויף אין איילעניש, מען שלינגט אריין א „ברעקפעסט״, און מען לויפט צום געשעפט בחיפזון. מען קען אפילו קיין

דריי שטונדען א וואך ניט אפרייסען, אז דער מוח זאל האבען צייט זיך אויפצודרעהען...

זי גערענקט, זי האָט איהם געטרייסט : באלד קומען די ימים טובים, ראש השנה און יום כפור, וועלען זיי זיך אויסרוהען . . .

אָט אזעלכע מחשבות און זיסע עראינערונגען, פלעגט דינה חלום'ן, באדענדיג זיך אין א ים פון שווייס, פרעג־לענדיג זיך געגען דער זון מיט איהרע דריי פיצלעך קינ־דערלאך ארום זיך.

רודינסקי איז געקומען פון אוקשען, און האָט זי אזוי געטראפען זיצען. איז איהם א גרויסער רחמנות באַ־פאלען ; ער האָט זי אנגעהויבען טרייסטען, אז סוף כל סוף וועלען זיי זיך שוין לאנג ניט מוטשען. עס צייגען זיך איהם נייע פלענער ווי אזוי פטור צו ווערען פון די „ביזנעס”.

דינה האָט ניט געענטפערט. זי האָט זיך געאיילט אין שטוב אריין אָפצושפּאנזשען די קינדער מיט קאלטען וואסער, זיי אביסעלע צו דערפרישען...

קאפיטעל זעקס

הצלחה על פי דרך הטבע

און אין שכנות מיט רודינסקי'ן, אין זעלבען „סקווער", אין דער זעלבער גאס, צווישען די זעלבע מענשען איז געשטאַנען „מיסטער" גאָלדענבערג אין זיין סטאר און געטהון גוטע ביזנעס. אין קלייט זיינען שטענדיג קונים געווען, מ'האָט גע'טענה'ט, געמאסטען, געשניטען, און געפּאקט. דער גרינער פּעדלער מיסטער גאָלדענבערג, איז געוואָרען דער אייגענטהימער פון א גרויסען „דעפּארטמענט סטאר", וואוהין עס האָט אריינגעשטראָמט די גאנצע שפע פון יענעם געגענד.

האבען זיך מענשען געוואונדערט: היתכן? „ווי קען זיך עס א מענש אזוי שנעל ארויפארבייטען? עס שמעקט דאך נאך פון איהם די שיף!"

„ער איז דאך אין דער היים גאר אפילו אין די ביזנעס ניט געווען?" — האבען זיינע לאנדסלייט מיט די אקסלען געצויגען.

— מזל. מען דארף האבען מזל. אז ס'איז ניטא קיין מזל, קען מען קיין חכם ניט זיין.

און אז א לאנדסמאן האָט איהם אמאָל ערנסט א פרעג געטהון : — סטייטש גאלדענבערג, ווי איז דאָס מעגליך אין אזא קורצער צייט זיך אזוי ארויפארבייטען ? האָט איהם גאלדענבערג ערקלעהרט דעם סוד פון זיין הצלחה על פי דרך הטבע . . .

„קומענדיג קיין אמעריקא, בין איך געווארען א פעדלער. מיט אלע פעדלער צוגלייך.

פריהער מיט שוועבעלאך, נאָדלען, שפילקעס—דערנאך מיט גרעסערע ארטיקלען, ביז —

איך בין געווארען א „קאסטאמער פעדלער". איך האָב פארזאָרגט די קאָסטאָמער מיט אלץ וואָס זיי האָבען באדארפט, און זיי געגעבען אויף אפצאהלען און געמאכט גרויסע פארדינסטען. א שטיקעל סחורה וואָס האָט מיך געקאָסט א דאלאר, האָב איך גערעכנט — פיער. אין א „סעט פוירניטשור" וואָס מ'האָט מיין קאסטאמער אין „האלסייל פוירניטשור" סטאר גערעכנט צוויי הונדערט מיט פופציג דאלאר, האב איך א הונדערט און פופציג דאלאר געמאכט.

נאר איין זאך האב איך געהיט : אויב דער קונה איז גענארט געוואָרען מיט דער סחורה. קליידער האבען זיך געמוזט טראגען, וואשען און קאכען. און נייע מעבעל האָט ניט געטארט האבען קיין וואנצען... איך האב גאראנטירט פאר מיין סחורה און האב מיין גאראנטי געהאלטען. און אז דער קאסטאמער איז ניט געווען צופרידען, האב איך דאָס ארטיקעל געביטען אדער דאָס געלט אומגעקעהרט.

אזוי ארום האב איך מיר צווישען מיינע קונים ער־ווארבען א נאמען, אויף וועמעס ווארט מ׳קען שטעלען.

זיינען אוועק א פּאָאר יאָהר, איך האב באקומען א סך קאסטאָמער. איינִיגע האָבען די צווייטע רעקאָמענ־דירט. מיינע ביזנעס זיינען געוואקסען. איך האָב גלענ־צענדע געשעפטען געמאַכט. כ׳האָב באָקומען קאַפּיטאל.

אבער אומצופרידענהייט ליגט אין מענשליכער נאַ־טור. קיינער איז מיט זיינע אומשטענדען ניט צופרידען. מען רייסט זיך צו פּראגרעס.

בין איך אויך געווען אומצופרידען.

און האב געהאט אורזאכען פארוואָס ניט צופרידען זיין : ארומשלעפּען זיך איבער פרעמדע הייזער. פיס־ברעכעניש. האבען צומאָל אביסעלע הארצוועהטאג. ערשט נעכטען אריינגעשטעלט נייע מעבעל, און היינט האָבען זיי זיך שוין ארויסגעקליבען און איך ווייס ניט וואו זייער געביין איז אהינגעקומען.

האב איך אנגעהויבען טראכטען אויפצוגעבען דאָס פּעדלען און זיך נעהמען צו עפּעס אנדערש.

ניט אין איין טאָג האָט עס פּאסירט. איך האב פיעל געטראכט וועגען דעם. ביזנעס, האב איך געוואוסט, טארען ניט נמאס ווערען. צו א ביזנעס מוז מען „סטי־קען" ווייל אנדערע ביזנעס דארף מען ערשט לערנען, און דאָ האב איך שוין די ערפאהרונג. אבער אז מען נעהמט זיך אריין א זאך אין מוח אריין, איז אמאָל שווער זיך ארויסצושלאָגען.

האב איך באשלאסען צו עפענען א שניט־קלייט.

אן אנדערער אויף מיין ארט וואלט פארקויפט דעם „ראוד" מיט „קאסטאמער" און געקראגען א גוטען „גוד־

וויל". איך אבער האב עס ניט געטהון. ווען איך האב שוין אפילו די קלייט געהאט. צוויי טעג אין דער וואך בין איך ארויסגעפאהרען איינמאהנען די געלדער וואָס מיר איז געקומען, און האב אנגענומען נייע באשטעלונגען. נאר אנשטאט איך זאָל די קונים שיקען אין די „דעפּארטמענט סטארס", צי אין די „האָלסייל" פּלעצער, נאָך זייערע באַשטעלונגען, וואו איך האָב געקראָגען מיינע פּראצענטען, האב איך זיי געגעבען די אדרעסען צו מיר אליין, אויף די ארטיקלען וואָס איך האָב געהאט.

אזוי ביסלעכווייז האב איך צוגעוואוינט מיינע קונים זאלען קומען צו מיר און איך האב פארשפּארט געהען צו זיי.

שווער איז מיר די קלייט צו עפענען ניט אנגעקומען; זייענדיג א „קאסטאָמער פּעדלער", האָב איך געוואוסט אלע פּלעצער וואו מען קען די סחורה באקומען. איך האב אויך געוואוסט די פּרייזען. און וואָס דער קונה פארלאנגט.

האב איך געעפענט א „סטאר" פון די בעסטע סחורות, און פון די שעהנסטע „סטיילס" וואָס די מאָדע האָט בעשאפען.

איך האָב אָנגעהויבען פיהרען מיין געשעפט ארענטלעך, אויפריכטיג, און מיט העפליכע בעהאנדלונגען. אלעס האָט זיך געפיהרט מיט אָרדנונג און סיסטעמע. מיינע קונים זיינען בעהאנדעלט געווארען פריינטלעך, אבער אהן חניפה און זיסע רייד. דער קונה איז קיינמאָל ניט גענארט אָדער ענטוישט געוואָרען. איך האָב אנגעווענדעט אלערליי צוציהונגס־מיטלען כדי צו־ציהען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון'ם „קאסטאָמער". אלע

וואס האבען אין קלייט געארבייט האבען שטענדיג אויס־געקוקט ריין, שעהן. די פענסטער זיינען געווען אויסגע־פוצט, ס'האט דעם קונה אנגעכאפט א חשק אריינגעהן. איך האב געזעהען צוגעוואוינען דעם קונה צום געדאנק, אז ביי מיר אין קלייט ווערט מען ניט גענארט . . . .

און נאך דעם אלעמען האב איך אימער געזעהען צו האבען דעם בעסטען אויסוואהל פון סחורות. אז אויף וואס מ'וועט פרעגען זאל זיין.

איך בין קיינמאל ניט ארויסגעגאנגען זוכען קיין מציאות. איך האב קיינמאל ניט געקויפט קיין סחורה פאר מזומן, עס האט געמעגט אפילו קאסטען א סענט אויפ'ן יארד וועניגער. איך האב מיר ניט געוואלט פאר־דרעהען דעם קאפ מיט געלד, אום איך זאל דערנאך ניט דארפען זיין אונטערשטעליג מיט „בילס", אדער איך זאל דארפען לויפען זוכען גמילת חסדים. איך האב קיינמאל ניט געפליטעט, שטענדיג בין איך געווען אויסגערעכענט, און ניט געטאפט אין דער פינסטער. איך האב שטענדיג געקויפט די טייערסטע ארטיקלען און האב פאר זיי גוט באצאהלט. איך האב געוואוסט, אויב דער קונה וועט עס דארפען און ס'וועט איהם געפעהלען, וועט ער דערפאר באצאהלען . . .

און מיין נאמען איז געוואקסען. מיין „סטאר" האט באקומען א שם, אלס ראיעל און מאדערנע. דער רא־יעלסטער פון'ם גאנצען געגענד.

און מיין סטאר איז שטענדיג געפאקט. די מהיר מאכט זיך ביי מיר ניט צו. און וואס מעהר מיין סטאר וואקסט, אלס מעהר ווער איך נשמה'דיג פארבונדען מיט מיין ארבעט. די ארבעט איז ביי מיר געווארען א גייס־

טיגע באפרידיגונג. איך שטרעב ניט נאך געלט, איך שטרעב צו ערפאלג . . .

און דער ערפאלג איז געקומען . . .

אזוי ערקלערט גאלדענבערג דעם סוד פון זיין הצלחה.

הצלחה על פי דרך הטבע . . .

קאפיטעל זיבען

קאָנקורענץ

און רודינסקי האט זיך געפיהרט דאס געשעפט ווי אימער: מיט זארג פאר זיך און מיט א שמייכעל פאר יענעם. האט זיך ארומגעיאגט נאָך מציאות און גע׳חלום׳ט פון בייטען דאס מזל.

אבער וואס ער האט אויסגעטראכט היינט, האט ער עס מארגען אליין געמאכט צו נישט.

עס קלעבט זיך נישט.

איינמאל, ווען רודינסקי איז שוין געשטאנען ביי דער טהיר, איילענדיג צום אקשען, איז אריינגעקומען א מאן, און האט זיך פאר איהם פארגעשטעלט אלס „סיילסמען" פון דער פירמע שערסקע בראדערס. — ער האט נאר וואס פארקויפט גאלדענבערגען איינינע ארטיקלען און ער האט זיך דאָ אויך אבגעשטעלט, אפשר וועט ער קענען עפעס פארקויפען.

האט זיך רודינסקי פאר א ציעקאווע אומגעקערט זעהען וואס פאר אן ארטיקלען גאלדענבערג האט ביי איהם באשטעלט.

אויך דינה האט זיך נייגעריג איינגעקוקט.

דער סיילסמען האט גענומען צייגען פערשיעדענע „סעמפלס”, אויף וועלכע ס׳איז געשטאנען אנגעשריבען די פרייז פון יעדען ארטיקעל.

רודינסקי האט דערזעהען די זעלבע ארטיקלען, וואס זיי שטעהען ארויסגעשטעלט ביי גאלדענבערגען אין פענסטער. אויך איינינגע ארטיקלען וואס ער האט אין אקשען געקויפט, שטעהען דא געפרייזט א סך ביליגער.

אויך דינה האט עס בעמערקט און האט איהרע אויגען אויף רודינסקין אנגעשטעלט.

— ווי אזוי פארקויפט איהר אייער סחורה? — האט איהם רודינסקי שמייכלענדיג געפרעגט — פאר מזומן, צי אויף קרעדיט?

אונזערע „טוירמס” זיינען זעכציג טעג, מיט צוויי פראצענט ארונטער — האט דער סיילסמען רוהיג געענטפערט.

רודינסקין איז געקומען אויפ׳ן זינען, ער זאל קויפען די זעלבע ארטיקלען וואס שטעהען ביי גאלדענבערגען אין פענסטער, און זיי לייזען ביליגער . . .

— אויב איך וועל באשטעלען א פאאר ארטיקלען דענקט איהר אז מען וועט זיי מיר שיקען? — האט רודינסקי געפרעגט ערנסט.

— איך גלויב אז יא — האט דער סיילסמען געענטפערט — איהר וועט דאך געוויס געבען „רעפערענס”, מיט וועמען איהר האנדעלט?

איך קען אייך געבען „רעפרענס" די אַקשען, איך האב דארט קרעדיט איבעראל.

— קיין אוקשען „רעפרענס" נעהמט מען ניט אן. מיט וועמען האנדעלט איהר חוץ די אוקשענס?

—אז עס טרעפט זיך מיר א „דזשאב" ביליג, צאהל איך מזומן.

— א „רייטינג" טראגט איהר.

— וואס מיינט איהר?

— איך מיין צו איהר טראגט א „רייטינג".

— איך פערשטעה ניט וואס איהר מיינט.

— איהר שפאסט?

— ניין איך שפאס ניט.

דער סיילסמען קוקט איהם אן און ציהט מיט די אקסלען.

— איך גלויב פארט, מיסטער רודינסקי, אז איהר שפאסט. וואס הייסט? איהר ווייסט ניט פון די צוויי קאמפאניס „דאנס" און ברעדס" וואס זיי אונטערזוכען יעדען און וויסען וואס ער פארמאגט? און אלע ווענדען זיך צו זיי נאָך אינפארמאציע?

— ניין. באמת איך וויים נישט. האט רודינסקי ערנסט געענטפערט.

— וואָס זשע, זיי האָבען פון אייך קיינמאָל קיין „סטייטמענט" ניט געפאדערט?

— ניין: עפעס איז יא אמאל געווען א מאן און מיר גערדעהט א ספּאָדיק, האב איך איהם געענטפערט ער זאל זיך פארזארגען זיינע אייגענע ביזנעס.

דער סיילסמען האט זיך צולאכט.

— נו, מילא, לויט איך זעה — האט זיך דער סיילסמען אנגערופען — זענט איהר ניט בעקאנט מיט די אמעריקאנער דינים. איך וועל ריידען וועגען אייך מיט אונזער פירמע, און איך גלויב אז זיי וועלען אייך די סחורה שיקען.

ער האט ארויסגענומען א קליין ביכעלע און זיך גענומען פארשרייבען.

רודינסקי האט באשטעלט די זעלבע ארטיקלען וואס ער האט זיי ביי גאלדענבערגען אין פענסטער געזעהען. און נאך א פאר ארטיקלען פאר וועלכע ער האט אין אוישען טייערער בעצאהלט.

ער האט די סחורה בעקומען צוגעשיקט.

איצט האט ער נאר באדארפט וויסען מיט וואס פאר א פרייז גאלדענבערג פערקויפט זיי.

האט ער זיך דורכגערעדט וועגען דעם מיט דינה'ן.

— מען דארף געוואויר ווערען — דינה, מיט וואס פאר א פרייז גאלדענבערג פארקויפט די סחורה. איך גלויב מען דארף אונטערשיקען א קאסטאמער אויסצוגעפינען די פרייזען.

— וועמען למשל?

— איך גלויב מרס. יאראווסקי וועט טויגען צום געשעפט. זי קען א זאך באגראבען. זי וועט מן הסתם באלד דא זיין. אויב איך וועל ניט זיין, זאג דו איהר.
— שא, אט געהט זי.

— ווען מען רעדט פון משיח'ן, וואלט ער אויך געקומען — האט דינה מיט א האלבען שמייכעל געזאגט — נאר וואס גערעדט פון אייך, מרס. יאראווסקי.

— וואס עפּעס פּלוצלונג פון מיר? כאַטש צום גוטען?

— נאר צום גוטען; מיר האבען צו אייך א ביטע, מיר ווילען איהר זאָלט פאר אונז אויסגעפינען די פּרייזען וואס גאָלדענבערג לייזט פאר די צוויי ארטיקלען וואס הענגען ביי איהם אין פענסטער. מיר האבען אויך די ארטיקלען און מיר ווילען וויסען ווי צו לייזען.

— איהר פארשפּאָרט מיך בעטען, — האָט מרס. יאראָווסקי געזאגט טריאומפירענד. — איך קען אייך אפילו שוין זאָגען. איך בין איצט דורכגעגאנגען, האב איך געזעהן ס'איז דאָרט אן איינרייסעניש, בין איך פאר א צעקאָוועסט ארייננעגאנגען זעהן איבער וואס משוגעים רייסען זיך. נו־נו, נישטא ווער עס זאָל לאבען. די גע־בלאָמטע סחורה לייזט ער ניין און זעכציג סענט א יארד, און די פּאסענדיקע ניין און אכציג.

— זיכער?

— וואס הייסט זיכער? איך געה דאך נאר וואס פון דאָרט!

— דיינקס.

— ניטאָ פארוואס.

רודינסקי האָט ארויסגעשטעלט די צוויי ארטיקלען אין פענסטער און אָנגעשריבען אויף זיי א פּרייז: אויף דער געבלומטער סחורה, וואס זי קאָסט איהם אליין פופציג סענט, האָט ער אוועקגעשטעלט דעם פּרייז ניין און פערציג, און אויף דער פּאסענדיקער סחורה, וואס זי קאָסט איהם אליין זעכציג סענט, האָט ער אוועקגעשטעלט דעם פּרייז ניין און זעכציג.

אין א פּאָר מינוט אַרום איז די קלייט געוואָרען באַלאַגערט. אַלע די וואָס האָבען געקויפט ביי גאָלדענבערג'ן די סחורה, האָבען זיך אַריינגעריסען א טאַפּ טאָן און זעהן צי איז דאָס די זעלבע סחורה.

אייניגע האָבען געבעטען פּראָבקעס, צו צייגען זייערע קינדער . . .

ווען זיי האָבען זיך איבערצייגט אַז די סחורה איז די זעלבע, האָבען זיי זיך מיט פאַרדרוס צוריקגעקעהרט צו גאָלדענבערג'ן, איהם אָנגעוואָרפען די אָפּגעשניטענע סחורה און געפאָדערט זייער געלט צוריק, באַשר רודינסקי לייזט מיט צוואַנציג פּראָצענט ביליגער.

האָט גאָלדענבערג גע'טענה'ט, אַז ס'איז ניט די זעלבע סחורה.

האָט איינע אַרויסגענומען א „פּראָבקע", וואָס זי האָט ביי רודינסקי'ן גענומען און האָט עס צוגעלעגט צו דער אָפּגעשניטענער סחורה.

און איז אַרויס מיט א מענה לשון:

— יא מר. גאָלדענבערג! איצט זיינען מיר איבערצייגט אין אייער עהרליכקייט, טאַקע נאַר אַזעלכע עהרליכע לייט ווי איהר קענען זיך אַזוי שנעל אַרויפאַרבייטען . . .

גאָלדענבערג האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיי געהייסען אומקעהרען דאָס געלט און אַליין איז ער צו צום טעלעפאָן א צוקאָכטער —

— שערסקע בראָדערס?

— יאָפּ!

— גאָלדענבערג.

— מר. גאָלדענבערג !

— יאָ.

— וואס קען איך טאָן פאר אייך ?

הערט מר. שערסקע ! — האָט גאָלדענבערג אָנגעהויבען שרייען אין טעלעפאָן אויפגערעגט — ווי קומט עס וואס מיך קאָסט סחורה טייערער פון א צווייטען ? איז מיין געלד ניט גוט ? צאָהל איך אפשר מיינע בילס ניט אין צייט ?

— וואָטצומעדער, מר. גאָלדענבערג ?

— גאָר ניט איז די מעדער : א מאן מיט'ן נאָמען רודינסקי, וואס האלט א קלייטעל ניט ווייט פון מיר, לייזט די זעלבע ארטיקלען וואס איך האב ביי אייך נעכטען געקויפט, מיט צוואָנציג פראצענט ביליגער !

— ווער ?

— רודינסקי ! דער מאן וואס שטעהט ניט ווייט פון מיר.

— רודינסקי ?

— יאָ !

— ווארט א מינוט.

גאָלדענבערג האָט געהאלטען דעם טעלעפאָן ביים אויער און געהערט ווי ס'איז געוואָרען א קאָכעניש, אבער ער האָט ניט געקאנט הערען וועגען וואס עס האנדעלט זיך.

אין א פּאָאר מינוט ארום הערט ער שערסקע'ס קול :

— גאָלדענבערג ?

— יא.

— מר. גאָלדענבערג, עס טהוט מיר זעהר לייד אייך

צו זאָגען, אז רודינסקי האָט די סחורה ביי אונז געקויפט, און זי קאָסט איהם מיט צוויי און א האלב סענט אויפ'ן יארד טייערער ווי אייך.

— ביי אייך?

— יא. און פארוואס ער לייזט אונטער'ן פרייז ווייסען מיר ניט.

— אלזאָ, מר. שערסקע — האָט זיך גאָלדענבערג צוקאָכט, — גענוג. איך פארגין אייך דעם נייעם קאָס־טאמער מיט'ן גאנצען הארצען, אבער מיך פאר קיין קאָס־טאמער קענט איהר מעהר ניט האבען.

— ווארט א ווײַלע, ווארט א ווײַלע. זייט ניט אזוי אויפגעקאָכט. מיר . . .

— איך בין ניט אויפגעקאָכט — האָט איהם גאָל־דענבערג איבערגעשלאָגען. — איך האָב צו אייך גאָר־נישט. א י ה ר ווילט אייער סחורה פארקויפען. א י ך וויל מיינע אויך פארקויפען.

— ווארט א מינוט, מר. גאָלדענבערג. זייט ניט אזוי אויפגערעגט. מיר זיינען דאָ קיין שום פארברעכען ניט באגאנגען. מיר האבען א רעכט אונזער סחורה צו פארקויפען, אָבער . . .

— איך זאָג ניט אז איהר האָט קיין רעכט ניט — איז גאָלדענבערג ווידער אריין אין די רייד — איהר זענט דער בעל הבית פון אייער סחורה, און איהר קענט מיט איהר טאָן וואס איהר ווילט. אבער איך קען אויך טאָן וואס איך וויל. איהר האָט ניט קיין רעכט אזוי צו האנדלען.

— אבער אום גאָטעס ווילען, מר. גאָלדענבערג, זייט ניט אזוי אויפגערעגט, פונ'ם געשעפטליכען שטאנד־

פונקט קענט איהר מאכען א לעבען אָהן אונז און מיר קענען מאכען א לעבען אָהן אייך, אָבער איך וויל אייך זאָגען אז מיר זיינען דאָ כלל ניט שולדיג. עס איז אונז אויפ'ן געדאנק ניט געקומען אז דער מאן שטעהט לעבען אייך, און קען אייך שאדען. אָבער ס'איז דאך שוין געטאָן געוואָרען, דארף מען איצט זעהען וואס איז צו טאָן.

— מר. שערסקע, איהר קענט נאר טאָן איינס פון דיביידע: אדער נעהמט אפּביי איהם די סחורה, אדער איך וועל אייך שיקען מיינע צוריק.

— שיקט ניט צוריק, מר. גאָלדענבערג, קיין סחורה. מיר וועלען זי ניט אפּנעהמען. אבער מיר וועלען זעהן ביי איהם די סחורה צוריקצוקריגען. אויב ער לייזט אונטער'ן פּרייז, איז א סימן אז ער געהט באנקראָטירען.

— גוד־באַי!

— גוד־באַי!

קאפיטעל אכט

שערסקע בראָדערס.

„שלעכטע מענשען” האָט מען אין דער ביזנעס־וועלט אויף זיי געזאָגט. „פאר יעדער קלייניגקייט לויפט מען אין געריכט.

„מאָדנע מענשען”, האבען אנדערע געזאָגט. „בלאָזען פון זיך און האלטען זיך שטאָלץ.”

האָט מיט זיי אימיצער א סכסוך, מוז די גערעכטיגקייט בלייבען אויף זייער זייט. מעג דער צווייטער צד ווי גערעכט זיין. יענעמ׳ס טענות ווילען זיי אפילו ניט הערען.

אָנפאנגען זיך מיט זיי, האָט יעדער מורא. די זיכערסטע פירמע קאנען זיי רואינירען. האָט זיי איינער חס ושלום פוגע בכבוד געווען, האבען זיי יעדען אין אויער א סוד דערצעהלט: „זיי האבען עפּעס געהערט מורמלען, אז דאָרט איז ניט גלאטיג . . . עפּעס קויפען זיי צופיעל . . . ”

אָפּטמאָל, ווען איינער האָט זיך ענטזאגט ביי זיי צו קויפען, האָבען זיי בסוד אפּגערופען די „דאָנס” און „ברעדס”, און זיי בסוד געבעטען, זיי זאָלען אויסגעפינען צי צאָהלט ער ביי יעדען אזוי בילּס ווי ביי זיי . . . און עס פלעגט טרעפען אז נאָך אזא נאָכפראגע, האָבען די קאָמפּאניס יענעמס „רייטינג” האלב, אדער אינגאנצען אראָפּגענומען . . .

קיין גרויסע חכמים זיינען די שערסקעס ניט געווען. זייער גאנצע חכמה איז באשטאַנען אין דעם, וואס זיי האבען זיך געהאלטען פאר חכמים און האבען שטענדיג געזוכט איבערצוכיטרעווען דעם צווייטען . . .

געקומען זיינען זיי קיין אמעריקא אָרים. פון דער זשאלאוואניע וואס זיי האבען געקראָגען ארבייטענדיג, אלס פריקאזשטשיקעס, אין א קליין שטעדטעל אין אייראָפּא, האָט זיי קוים געקלעקט אויף הוצאות פאר זיך און פאר זייערע פרויען.

זיינען זיי פעדלער געוואָרען. האבען אָנגעקליבען אביסעל קאפּיטאל, און בשותפות געעפענט א לאחדים־געשעפט פון שניט־סחורה.

האָבען זיי זיך אויסגעטויגט צום געשעפט. זייער מאָטאָ איז געווען: „ריים וואו דו קענסט” . . .

האָט מען געריסען וואו עס האָט זיך געלאָזט. פאר עלטערע פרויען, האָט מען זיך ביי ווייב און קינדער געשווארען, און פאר מיידלאך, אז גאָט זאָל זיי אזוי שיקען די אמת׳ע זיווגים . . .

און די קלייט איז געוואקסען. זיי האבען באקומען קאפּיטאל.

זיינען זיי הורטאָווניקעס געוואָרען.

איז אונטערגעקומען די מלחמה.

האָבען זיך די פּרייזען אויף סחורות פערדאָפּעלט
וויינען זיי בערייכט געווארען.

האָבען זיי זיך נאך מעהר געבלאָזען. האבען געפיהרט
דאָס געשעפט ביד רמה.

פאר יעדער קלייניגקייט, האט מען געשראָקען מיט
געריכט.

האָט איינער א „ביל" אין צייט ניט בעצאָהלט, האָט
מען איהם צום טעלעפאן גערופען, און איהם געלאזט ווי־
סען אז מען וויל האָבען „היינט" אַ „טשעק".

האָבען גערעדט צו יעדען מיט חוצפה און געקוקט
אויף איהם פון אויבען אראָפּ.

זיי האָבען פיינט געהאט די וועלט.

און די וועלט האָט זיי פיינט געהאט.

מ'האָט געקויפט ביי זיי נאר דאס, וואס מען האט
ערגיץ אנדערש ניט געקענט באקומען.

זיינען זיי שטענדיג בייז געוועזן.

מיט די קרעמער וואס זיי זיינען אין שכנות געשטאַ־
נען, זיינען זיי אויף מעסערשטעך געוועזן. זיי האָבען ניט
געקענט אריבערטראָגען ווען אנדערע האָבען געלייזט.

האָבען זיי שטענדיג צו יענעם אין פענסטער גע־
קוקט, און געוואלט וויסען וואס דארט טהוט זיך.

איז א קונה פון ערגעץ מיט א פעקעל ארויס, האָט
מען איהם באלד אפּגעשטעלט, איהם אריינגערופען אין
קלייט אריין, און איהם דיזעלבע סחורה פאר א סך בי־
ליגער געלאזט.

האָבען זיי עמיצען אן ארטיקעל פארקויפט, וואס „דארף ערשט אריינקומען“, האָט יענער קיינמאָל דאס ארטיקעל ניט געקראָגען, אויב די פרייזען האבען ביז׳ן אריינקומען געשטיגען. זיי האָבען שוין געהאט זייערע אריגינעלע תירוצים און פערשיעדענע דרעהדלאך, זיי זאָ־לען בלייבען די גערעכטע. איז דער ארטיקעל געוואָ־רען בילינגער, האָט מען געמוזט נעמען. מען האט מורא געהאט מיט זיי זיך אנצוהויבען.

און גערעדט האָבען זיי שטענדיג נאָר פון יענעם. זיי האָבען ניט געזארגט אזוי פאר זיך, אז זיי זאלען לייזען, ווי זיי האָבען געזארגט אז יענער זאל ניט לייזען.

אלע וואָס האָבען באנקראטירט, זיינען געוועזן ביי זיי „קרוקס“. אלע וואס האָבען געברענט, האָבען ביי זיי די פייערס אליין געמאכט. אפילו ווען ביי איינעם איז דורכ׳ן פייער א קינד פערברענט געווארען, האבען זיי אויך פון יענעם דעם חשד ניט אראָפגענומען. אודאי — האָבען זיי זיך געקליגערט — ווען ער ווייסט אז דאָס פייער וועט זיך צושפרייטען ביז צום קינד, וואלט ער דאס פייער געוויס ניט געוועזן געמאכט. האט זיך איינער גענומען דאס לעבען — איז ער געוועזן א משוגענער, א קליינקעפיגער, און א פייגלינג.

קיין נאמנות האָט ביי זיי קיינער ניט געהאט, אויף יעדען האָבען זיי מיט חשד געקוקט. ס׳איז גענוג געוועזן אז איינער זאל א בורטשע טהון אויף זייערע א „קאָסטאָ־מער“ און זיי האָבען באלד אויף איהם א פאגראָם גע־מאכט. די סחורה איהם פון די ראפטען געשלעפט. און ווען יענער האָט פראטעסטירט, האָט מען איהם מיט

וואַרפען אין באַנקראָט געסטראַשעט. האָט זיך יענער דערשראָקען און מעהר ניט פּראָטעסטירט.

— הערשי! — האָט שערסקע אַ געשריי געטהון צו איינעם פון זיינע פּריקאַשטשיקעס, נאָך דעם געשפּרעך וואָס ער האָט מיט גאָלדענבערגען געהאַט — נעהם בורצע דעם עקספּרעסמאַן, און פאָהר צו מיט איהם צו רודינסקין, זאָג בורצען, איך וועל איהם גוט בעצאָהלען, ער זאָל טהון אַלעס וואָס איך וועל איהם הייסען. מיך וועסטו שוין דאָרט טרעפען...

קאפיטעל ניין

ר ו ד י נ ס ק י ס   ב ז י ו ן.

און ביי רודינסקין אין קלייט איז געווען פרעהלעך; ס'האָט געַ'רעשט: רודינסקי האט גערעדט, געמאסטען, און געשוויצט. דינה האָט געפּאקט, גענומען געלט, און געקלונגען מיט'ן „רעדזשיסטער". ארום זיי איז געשטאַנען א רעדעל מיט פרויען. יעדער פרוי האט געשלעפּט און געריסען די סחורה צו זיך. אלע האָבען געוואָלט מען זאָל זיי מעסטען פריהער . . . אין מיטען ריידעל איז געשטאַנען מיסעס יאראָווסקי און זיך געהיצט:

— אזאַ שווינדלער! מעהר פון צעהן פּראצענט מאכט ער ניט! איהר פארשטעהט א חלוק? פון ניין און פערציג, ביז ניין און זעכציג! וויפיעל הייסט עס? — האַ? איך גלויב א פערציג פּראָצענט! היינט וואו איז ערגיץ מיסטער רודינסקיס פערדינסט? ער ארבייט דאך אויך ניט פאר עולם הבא? — אמת מיסטער רודינסקי? אזאַ שווינדלער! אָט אזוי ווערט מען רייך: מען גלאצט מיט די אויגען און מען בעראַבעוועט ארימע מענשען!...

קעס — זיך ארײנצולאזען אין א זײטיגען שמועס און איהם פּלאגען מיט זײערע לאנגע געשיכטעס . . .

צומאָל האָט געטראָפען אז מ'האָט שוין געהאלטען בײ א „סײל": אָט־אָט קױפט זי איהם מעסטען, פּלוצלינג איז זי ארײנגעפאהרען מיט א מעשה . . . רודינסקי איז געשטאנען אין געהאקטע וואונדען, ער האט גראדע באדארפט גוטמאכען די בענק אדער לױפען אין אקשען וואו דער „סײל" איז שוין אנגעגאנגען. ער פלעגט בלײבען שטעהען אין פערלעגענהײט און ניט װיסען וואס צו טאן, צי זיך אוועקזעצען אויסהערען די מעשה אין זועלכער עס וועט זיך פּיליכט ארײנפלעכטען נאך א מעשה. אדער לאזען זי מיט דער מעשה און אנטלױפען . . .

און מעשיות צו דערצעהלען האבען זײ געהאט א סך. אין א רוהיגער צײט וואלט ער זײ גערען אויסגעהערט.

אײנע דערצעהלט:

אמאל האט זי געארבײט אין א גרױסען „דעפּארטמענט סטאר."

האט מען זיך אויפגעפיהרט אזוי:

ווען מ'האט ארײנגעקראגען אן ארטיקעל, וואס מ'האט עס באדארפט לײזען צװײ דאָלאר א יארד . . . מען זאל דערבײ מאכען פערציג פּראָצענט „פּראָפיט", האט מען דאס ארטיקעל קײנמאל ניט „געמארקט" קײן צװײ דאָלאר — נאָר פיער. כאָטש זײ האבען גוט געוואוסט אז פאר אזא הויכען פּרײז וועלען זײ קײן „קאָסטאָמער" ניט האבען. זײ האבען עס אבער געטהון מיט'ן צוועק צו געוואונען דאס אויג פון'ם קויפער, אז דאס איז א פיער דאָלארדיגער ארטיקעל . . .

אין א פּאָאר וואכען שפּעטער, האָט מען געמאכט א „סייל״.

האט מען איבערגעשטראכען דעם פּרייז „פיער״, און אונטערגעשריבען אונטען מיט רויטען „צוויי״. דאס הייסט מיט צוויי דאָלאר אויפ׳ן יארד ביליגער.

און מעהר ווי איין „דרעס״ צו א „קאָסטאמער״ גיט מען ניט.

איז געווארען א געלויף, מ׳האט געכאפּט מציאות. דער פּעהיגער „מענעדזשער״ פון יענעם „דעפּארטמענט סטאר״ האט שוין געוואוסט, אז די קאסטאמער וועלען זיך געבען עצות. זיי וועלען ברענגען די שוואגערס מיט די שוועגערענס, מיט סתם גוטע פריינט און בעקאנטע, און אלע וועלען נעהמען נאר צו איינציגע „דרעסעס״ . . .

אום צו מאכען דעם „סייל״ שטארקער, האט מען אין יענעם טאג ארויסגעשטעלט צו פארקויפען ווייסע לייוועגט, מיט צעהן סענט א יארד. מיט א האלבען סענט ווייניגער ווי עס קאסט אליין. — און אויך נאר צו צעהן יארד צו א „קאָסטאמער״. . .

און דער „דעפּארטמענט סטאר״ איז אין יענעם טאג בדלות געווארען. מ׳האט פארלוירען אין לייוועגט א האלבען סענט אין יארד, און מ׳האט געמאכט אין אנדערע סחורות הונדערט פּראָצענט און מעהר . . .

א צווייטע פרוי, וועלכע האט געארבייט אין א סטאר וואו מען פארקויפט „האָלסייל און ריטייל״, האט דערצעהלט אזא מעשה:

ווען עס פלעגט אריינקומען א נייע שטיק סחורה, האט מען עס צושניטען אין צווייען: איין שטיק האט

מען געמארקט א דאָלאר, און דאס צווייטע א דאָלאר מיט פופציג.

אז די סחורה וואס איז געווען געמארקט א דאָלאר איז ניט געפעהלען, האט מען דערלאנגט די צווייטע העלפט וואס איז געווען געמארקט א דאָלאר מיט פופ־ציג . . .

און מערקווירדיג: דאס שטיק סחורה וואס איז געווען געמארקט א דאָלאר מיט פופציג, איז שנעלער פארקויפט געווארען . . .

נאָך א מעשה: ווען עס פלעגט ביי זיי איבער־בלייבען אן ארטיקעל וואס ס'איז ארויס פון „סטייל", האט מען עס אויפ'ן צווייטען סיזאן ווידער גענומען צו דער ארבייט.

דאס ערשטע האט מען מיט דעם ארטיקעל באפוצט אלע פיגורען און זיי ארייגעשטעלט אין די פענסטער.

דערנאך האט מען ארויסגעשיקט עטליכע מיידלעך מיט „סעמפלס" פון דער זעלבער סחורה, זיי זאָלען ארומגעהען צווישען די „ריטיילערס" און פרעגען אויף דער סחורה.

האבען זיך די קרעמער פון זיי אויסגעלאכט און געזאגט אז זיי האבען ניט די סחורה ווייל זי איז ארויס פון דער מאדע.

האט מען מארגען ווידער ארויסגעשיקט מיידלעך, מיט די זעלבע „סעמפלס", צווישען די זעלבע „ריטיי־לערס" און די מיידלאך האבען שוין געגעבען אנצוהערען אז זיי האבען די סחורה געזעהען אין פענסטער פון יענעם „דעפּארטמענט סטאר", נאר דארט וויל מען טייער . . .

האבען די ריטיילערס געזעהען אז ס'איז אויף דעם ארטיקעל אן אנפראגע געווארען, זיינען זיי געווארען צו־טומעלט, און געלאפען איינער פאר'ן צווייטען צו יענעם „דעפארטמענט סטאר" און זיך אנגעקויפט מיט דער „סטיילישער" סחורה וואס קיינער האט זי אין דער האנד ניט גענומען . . . .

קאפּיטעל פינף

דינה

מרס. רודינסקי איז געווען א לויבענסווירדיגע, אכט און צוואנציג יעהריגע פרוי, שעהן געוואקסען, מיט איידעלע מאניערען, און צניעות'דיגען אויסזעהן. מיט'ן ערשטען בליק וואָס מ'האָט אויף איהר א קוק געטהון האָט זיך גלייך געווארפען אין די אויגען איהר שטאלצע שעהנהייט, וואָס איז צוליעב אומשטענדען פארוואלקענט געוואָרען.

איהר מאן בענדזשאמין, האָט זי ליעב געהאט ביז אייפערזוכט. זי האָט איהם שטארק רעספּעקטירט, און איז געווען צו איהם מיטפיהלענד. זיין ווארט איז געווען ביי איהר — געזעץ. זי איז ניט געווען קיין פארשווענדערקע און האָט אנגעווענדעט אלע מיטלען איהם מיטצוהעלפען אין די ביזנעס און צו פארגרינגערן איהם דאָס לעבען.

אין דער צייט ווען רודינסקי איז ארומגעלאפען זוכען מציאות, איז דינה, פארענדיג זיך אין סיך, אויך גע־שמאנען אין קלייט, און געכאפט א קוק צו דער שטעל, ניט קוקענדיג אויף איהרע דריי פיצלעך קינדערלאך וואס זיינען איהר אומעדום נאכגעלאפען און זיך געפלאנ־טערט אונטער די פיס.

ווינטער האט זי געליטען פון קעלט : דאס געז־אויוועלע וואס איז אין קלייט געשטאנען, האט מעהר געטשאדעט ווי געווארעמט.

האט זי אונטערגעקלאפט א פוס אין א פוס.

זומער פלעגט איהר אויסקומען זיצען מעהר ביי דער שטעל, וואו ס'איז געליגען אנגעווארפען א בארג מיט סחורה.

אין די ברענענדיגע טעג, האט זי זיך דעם גאנצען טאג געפרעגעלט געגען דער זון, מיט די קינדערלאך ארום זיך. זי פלעגט ווערען מאט און אבגעשוואכט. און בעטען גאט די נאכט זאל שוין צופאלען, זי זאל זיך קענען אוועקלעגען אויפ'ן געלעגער.

אבער דינה האט זיך אויף איהר לאגע קיינמאל פאר איהר מאן ניט באקלאגט. זי האט געוואוסט אז ער איז איהר געטריי, און טהוט אלעס וואס ער קען צו ערנעהרען זיין פאמיליע. זי האט נאר באדויערט וואס דער שיקזאל איז צו איהם ניט פריינדליך.

נאר צומאל, זומער, אין די ברענענדיגע טעג ; ווען זי איז געזעסען געגען דער קאכעדיגער זון און זיך גע־באדען אין א ים פון שוויים : פלעגט זי האלב דרומ־לענדיג חלומ'ען וועגען איהרע מיידעלשע יאהרען, ווען

זי פלעגט אלע זונטאג ארויספאהרען מיט איהרע חבר'טעם אין די פארקס, און אבזיין דארט דעם גאנצען טאג צווישען זון און פארק. און פון דער וואך „וואקיישאן" וואס זי האט געהאט און פלעגט מיט איהרע חבר'טעם בייפ ים פארברענגען און ווי אזוי איהר לעבען איז געווארען זיס ווען זי האט זיך מיט רודינסקי'ן באקאנט. ער האט זי „געטריט" ווי אן אמת'ער „דזשענטעלמאן". ער האט זי ארויסגענומען ביי יעדער געלעגענהייט, אין פארשידענע פארגעניגענס און „ספארט" פלעצער.

און דעם זומער פאר דער חתונה, האט ער זי „געטריט" מיט גאנצע צוויי וואכען „וואקיישאן" קיין אטלאנטיק סיטי. ער האט זי אריינגעפיהרט אין א שעהנעם האטעל, און „געספענדט" אויף איהר אלעם וואס ער האט פארמאגט . . .

און זיי האבען זיך ביידע אין ים געבאדען. ער האט זי אויף א מינוט ניט אבגעלאזט. אויף די הענד האט ער זי געהאלטען און שווימען געלערענט. — שווים דינה — האט ער איהר געזאגט מיט זיין ליעבען שמייבעל, — א לעבעדיגער מענש דארף קענען שווימען, אויב ניט איז שווער די וועלט אריבערצושווימען . . .

און דערנאך האט ער זי צום ברעג ארויסגעפיהרט און אליין איז ער אוועק א שווים טהון.

ער האט ליעב געהאט שווימען.

און ער איז אוועק ווייט. העט ווייט . . .

און זי האט איהם נאכגעקוקט ווי ער שווימט אוועק. זי האט געמאכט צו איהם מיט די הענד ער זאל זיך אומקעהרען. דאס הארץ האט איהר געציטערט . . . אבער ער האט ניט געזעהן און ווייטער געשוואומען.

און עס איז איהר געקומען אויפ'ן זינען : ווען עס זאל איהם חס ושלום אן אומגליק טרעפען, וואלט זי זיך אויך אין ים אריינגעווארפען . . .

אבער ער האָט זיך אומגעקעהרט. ער האָט זיך לעבען איהר אויפ'ן זאמד אוועקגעלעגט.

און ער האָט צו איהר גערעדט . . . רייד פון ליעבע . . . אזעלכע רייד האָט זי דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען געהערט . . .

ווי זיס זי האָט דאמאלס געפיהלט. ווי גוט איז איהר דאן געווען. די גליקליכסטע טעג פון איהר לע־בען . . .

און אז זיי זיינען שפאצירען אויפ'ן „באָארדוואק" געגאנגען, האבען זיי איהרע חבר'טעס באגעגענט. זיי האבען זי מיט זייערע אויגען געגעסען. זי האָט אין זיי א קנאה איבערגעלעהנט . . .

אבער זייט זיי האבען חתונה געהאט און זיינען אין „ביזנעס" געגאנגען, האָט זיך דאָס לעבען געענדערט. זיי האבען אנגעהויבען לעבען א שקלאפישען לעבען. מען שטעהט אויף זעקס אין דער פריה און ס'איז „ביזי" ביז צוועלף אין דער נאכט, אויך שבת און יום טוב אריינ־גערעכענט. מען מוז נאכטהון די שכנים.

א שווער לעבען א שווערס. אן אנגעשטרענגטס.

און מען ארבייט אזוי אָהן אברוה. מ'איז טאָג ווי נאכט פארוואגעלט און פארכמורעט. זיין שמייכעל איז ניט דער, וואָס געווען. אין הארץ איז איהם טרויעריג, אומעדיג, ער איז שטענדיג פארמאטערט, ניט אויסגע־רוהט, ניט אויסגעשלאפען, ער האָט אין זינען די בענק, און די בענק . . .

די ערשטע צייט האָט זיך רודינסקי נאך געבריה׳ט צו פארגרינגערן זייער לאגע. ער האָט ארגאניזירט א קאמיטע פון עטליכע קרעמער און איז מיט זיי ארומגעגאנגען צווישען די קליינטען און אויפגעפאדערט זייערע בעלי בתים מ׳זאל זיך ארגאניזירען צו האלטען די קלייטען געשלאסען פון דריי דעם זייגער בייטאג, די זונטאגס פון די הייסע זומער מאנאטען, מ׳זאל קענען האבען א געלעגענהייט ארויספאהרען אין א פארק איינאטעמען אביסעל פרישע לופט. זי געדענקט, ווען רודינסקי איז אהיימגעקומען, האָט ער איהר דערצעהלט ווי אלע פרויען האָבען זיי מיט באגייסטערונג אויפגענומען, און מיט טרעהרען אין די אויגען האבען זיי אויף זיי געקוקט ווי אויף ערלייזער. איינע האָט ערקלעהרט, אז זי איז שוין מעהר פון דריי יאָהר אין לאנד. זי האָט געהערט זאגען אז דאָ אין אמעריקא וואקסט אויך גראז ווי אין דער היים. אבער זי האָט עס נאך ניט געזעהן . . .

און איהר הארץ צאפּעלט אזוי זעהען גרין גראָז . זי איז ערצויגען צווישען וועלדער און פעלדער, ליידער קענען זיי עס ניט אויספיהרען ווייל זייער שכן מאכט אלע זונטאג א „סייל" . . .

זיינען זיי אריינגעגאנגען צום שכן וואָס מאכט אלע זונטאג א „סייל" און האָבען איהם ערקלעהרט צוליעב וואָס זיי זיינען געקומען.

האָט ער געענטפערט :

„איך סימפּאטיזיר מיט אייך מיט׳ן גאנצען הארצען. אבער איך האב מורא, אז די קאסטאמער וועלען קומען און וועלען זעהען אז די סטאָרס זיינען פארמאכט, וועלען זיי אוועקטראָגען דעם פּדיון אין א צווייטער

סטריט וואו די סטאָרס וועלען זיין אָפען. און וועלען דאָרטען שוין שטענדיג קאָסטאָמער פארבלייבען.

האָט א דריטער געענטפערט :

איך בין א שומר שבת. איך האלט שבת גע־שלאָסען. און צו האלטען געשלאָסען צוויי טעג אין דער וואך, קען איך ניט אויספיהרען.

האָט א פערטער געזאגט :

„אמעריקא איז א „פריי־קאָונטרי“. מען קען יענעם קיין דעה ניט זאגען. הלואי האלט איהר אלע געשלאסען, וועל איך מעהר לייזען . . .

זי געדענקט ווען רודינסקי איז אהיימגעקומען, איז ער געווען צורודערט.

— איך פארשטעה ניט, דינה — האָט ער מיט א ביטערען שמייכעל געזאגט, — פארוואָס אידען זיינען „פארביזנעוועט“ מעהר פון אלע פעלקער ? די יענקיס, דאכט זיך, לעבען ניט ערגער פון אונז, זיי עסען און טרינקען מעהר פון אונז. געניסען פון לעבען מעהר ווי־פיעל מען טאָר. און עס טראָגט זיי די צייט אויף אלץ אפילו אין א פשוט'ן מיטוואך די סטאר צו פארמאכען. און מיר ישראל עם קדושים, וועקען זיך אליין צו סליחות, מיר שטעהען אויף צו עבודת „הביזנעס“ ווען גאט אליין שלאפט נאך. מיר ארבייטען ביז צוועלף אין דער נאכט בהקיץ, און פון צוועלף בחלום. ווייל אלע „בילס“, „סטייטמענטס“, „טשעקס“, „נאוטס“, וואָס דער קאָפּ דרעהט זיך פון זיי בייטאָג, קומען ביינאכט צו חלום און לאזען ניט רוהען... און ווידער שטעהט מען אויף אין איילעניש, מען שלינגט אריין א „ברעקפעסט“, און מען לויפט צום געשעפט בחיפזון. מען קען אפילו קיין

דריי שטונדען א וואך ניט אפרייסען, אז דער מוח זאל האבען צייט זיך אויפצודרעהען...

זי גערענקט, זי האט איהם געטרייסט : באלד קומען די ימים טובים, ראש השנה און יום כפור, וועלען זיי זיך אויסרוהען . . .

אט אזעלכע מחשבות און זיסע עראינערונגען, פלעגט דינה חלום'ן, באדענדיג זיך אין א ים פון שוויים, פרעג־לענדיג זיך געגען דער זון מיט איהרע דריי פיצלעך קינ־דערלאך ארום זיך.

רודינסקי איז געקומען פון אוקשען, און האט זי אזוי געטראפען זיצען. איז איהם א גרויסער רחמנות באַ־פאלען ; ער האט זי אנגעהויבען טרייסטען, אז סוף כל סוף וועלען זיי זיך שוין לאנג ניט מוטשען. עס צייגען זיך איהם נייע פלענער ווי אזוי פטור צו ווערען פון די „ביזנעס".

דינה האט ניט געענטפערט. זי האט זיך געאיילט אין שטוב אריין אפצוספאנזשען די קינדער מיט קאלטען וואסער, זיי אביסעלע צו דערפרישען...

קאפיטעל זעקס

הצלחה על פי דרך הטבע

און אין שכנות מיט רודינסקי׳ן, אין זעלבען „סקוועהר״, אין דער זעלבער גאס, צווישען די זעלבע מענשען איז געשטאַנען „מיסטער״ גאלדענבערג אין זיין סטאר און געטהון גוטע ביזנעס. אין קלייט זיינען שטענדיג קונים געוועזן, מ׳האָט גע׳טענה׳ט, געמאסטען, געשניטען, און געפּאקט. דער גרינער פּעדלער מיסטער גאלדענבערג, איז געוואָרען דער אייגענטהימער פון א גרויסען „דעפּארטמענט סטאר״, וואוהין עם האָט אריינגעשטראמט די גאנצע שפּע פון יענעם געגענד.

האבען זיך מענשען געוואונדערט: היתכן? „ווי קען זיך עס א מענש אזוי שנעל ארויפארבייטען? עס שמעקט דאך נאך פון איהם די שיף!״

„ער איז דאך אין דער היים גאר אפילו אין די ביזנעס ניט געוועזן?״ — האבען זיינע לאנדסלייט מיט די אקסלען געצויגען.

— מזל. מען דארף האבען מזל. אז ס'איז ניטא קיין מזל, קען מען קיין חכם ניט זיין.

און אז א לאנדסמאן האט איהם אמאל ערנסט א פרעג געטהון : — סטייטש גאלדענבערג, ווי איז דאס מעגליך אין אזא קורצער צייט זיך אזוי ארויפארבייטען ? האט איהם גאלדענבערג ערקלעהרט דעם סוד פון זיין הצלחה על פי דרך הטבע . . .

„קומענדיג קיין אמעריקא, בין איך געווארען א פעד־לער. מיט אלע פעדלער צוגלייך.

פריהער מיט שוועבעלאך, נאדלען, שפילקעס—דער־נאך מיט גרעסערע ארטיקלען, ביז —

איך בין געווארען א „קאסטאמער פעדלער". איך האב פארזארגט די קאסטאמער מיט אלץ וואס זיי האבען באדארפט, און זיי געגעבען אויף אפצאהלען און געמאכט גרויסע פארדינסטען. א שטיקעל סחורה וואס האט מיך געקאסט א דאלאר, האב איך גע־רעכענט — פיער. אין א „סעט פוירניטשור" וואס מ'האט מיין קאסטאמער אין „האלסייל פוירניטשור" סטאר גע־רעכענט צוויי הונדערט מיט פופציג דאלאר, האב איך א הונדערט און פופציג דאלאר געמאכט.

נאר איין זאך האב איך געהיט : אויב דער קונה איז גענארט געווארען מיט דער סחורה. קליידער האבען זיך געמוזט טראגען, וואשען און קאכען. און נייע מעבעל האט ניט געטארט האבען קיין וואנצען... איך האב גא־ראנטירט פאר מיין סחורה און האב מיין גאראנטי גע־האלטען. און אז דער קאסטאמער איז ניט געווען צו־פרידען, האב איך דאס ארטיקעל געביטען אדער דאס געלט אומגעקעהרט.

אזוי ארום האב איך מיר צווישען מיינע קונים ערווארבען א נאמען, אויף וועמעס ווארט מ'קען שטעלען.

זיינען אוועק א פּאָאר יאָהר, איך האב באקומען א סך קאסטאָמער. אייניגע האָבען די צווייטע רעקאָמענדירט. מיינע ביזנעס זיינען געוואקסען. איך האָב גלענצענדע געשעפטען געמאכט. כ'האָב באקומען קאפּיטאל.

אבער אומצופרידענהייט ליגט אין מענשליכער נאַטור. קיינער איז מיט זיינע אומשטענדען ניט צופרידען. מען רייסט זיך צו פּראגרעס.

בין איך אויך געווען אומצופרידען.

און האב געהאט אורזאכען פארוואָס ניט צופרידען זיין: ארומשלעפּען זיך איבער פרעמדע הייזער. פּיסברעכעניש. האבען צומאָל אביסעלע הארצוועהטאג. ערשט נעכטען ארייגעשטעלט נייע מעבעל, און היינט האָבען זיי זיך שוין ארויסגעקליבען און איך ווייס ניט וואו זייער געביין איז אהינגעקומען.

האב איך אנגעהויבען טראכטען אויפצוגעבען דאָס פּעדלען און זיך נעהמען צו עפּעס אנדערש.

ניט אין איין טאָג האָט עס פּאסירט. איך האב פיעל געטראכט וועגען דעם. ביזנעס, האב איך געוואוסט, טאָרען ניט נמאס ווערען. צו א ביזנעס מוז מען „סטיקען" ווייל אנדערע ביזנעס דארף מען ערשט לערנען, און דאָ האב איך שוין די ערפאהרונג. אבער אז מען נעהמט זיך אריין א זאך אין מוח אריין, איז אמאָל שווער זיך ארויסצושלאָגען.

האב איך באשלאסען צו עפענען א שניט־קלייט.

אן אַנדערער אויף מיין ארט וואלט פארקויפט דעם „ראוד" מיט „קאסטאמער" און געקראגען א גוטען „גוד־

זויל". איך אבער האב עס ניט געטהון. ווען איך האב שוין אפילו די קלייט געהאט. צוויי טעג אין דער וואך בין איך ארויסגעפאהרען איינמאהנען די געלדער וואָס מיר איז געקומען, און האב אנגענומען נייע באשטעלונגען. נאר אנשטאט איך זאָל די קונים שיקען אין די „דעפארטמענט סטארס", צי אין די „האָלסייל" פּלעצער, נאָך זייערע באַשטעלונגען, וואו איך האָב געקראָגען מיינע פּראצענטען, האב איך זיי געגעבען די אדרעסען צו מיר אליין, אויף די ארטיקלען וואָס איך האָב געהאט.

אזוי ביסלעכווייז האב איך צוגעוואוינט מיינע קונים זאלען קומען צו מיר און איך האב פארשפּארט געהען צו זיי.

שווער איז מיר די קלייט צו עפענען ניט אנגעקומען; זייענדיג א „קאסטאָמער פּעדלער", האָב איך געוואוסט אלע פּלעצער וואו מען קען די סחורה באקומען. איך האב אויך געוואוסט די פּרייזען. און וואָס דער קונה פארלאנגט.

האב איך געעפענט א „סטאר" פון די בעסטע סחורות, און פון די שעהנסטע „סטיילס" וואָס די מאָדע האָט בעשאפען.

איך האָב אָנגעהויבען פיהרען מיין געשעפט ארענטלעך, אויפריכטיג, און מיט העפליכע בעהאנדלונגען. אלעס האָט זיך געפיהרט מיט אָרדנונג און סיסטעמע. מיינע קונים זיינען בעהאנדעלט געווארען פריינטלעך, אבער אהן חניפה און זיסע רייד. דער קונה איז קיינמאָל ניט גענארט אָדער ענטוישט געוואָרען. איך האָב אנגעווענדעט אלערליי צוציהונגס־מיטלען כדי צו־ציהען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פונ'ם „קאסטאָמער". אלע

וואס האבען אין קלייט געארבייט האבען שטענדיג אויס־געקוקט רייןֿ, שעהן. די פענסטער זיינען געווען אויסגע־פוצט, ס'האט דעם קונה אנגעכאפט א חשק אריינגעהן. איך האב געזעהען צוגעוואוינען דעם קונה צום געדאנק, אז ביי מיר אין קלייט ווערט מען ניט גענארט . . . .

און נאך דעם אלעמען האב איך אימער געזעהען צו האבען דעם בעסטען אויסוואהל פון סחורות. אז אויף וואס מ'וועט פרעגען זאל זיין.

איך בין קיינמאל ניט ארויסגעגאנגען זוכען קיין מציאות. איך האב קיינמאל ניט געקויפט קיין סחורה פאר מזומן, עס האט געמעגט אפילו קאסטען א סענט אויפ'ן יארד ווייניגער. איך האב מיר ניט געוואלט פאר־דרעהען דעם קאפ מיט געלד, אום איך זאל דערנאך ניט דארפען זיין אונטערשטעליג מיט „בילס", אדער איך זאל דארפען לויפען זוכען גמילת חסדים. איך האב קיינמאל ניט געפלימעט, שטענדיג בין איך געווען אויסגערעכענט, און ניט געטאפט אין דער פינסטער. איך האב שטענדיג געקויפט די טייערסטע ארטיקלען און האב פאר זיי גוט באצאהלט. איך האב געוואוסט, אויב דער קונה וועט עס דארפען און ס'וועט איהם געפעהלען, וועט ער דערפאר באצאהלען . . .

און מיין נאמען איז געוואקסען. מיין „סטאר" האט באקומען א שם, אלס ראיעל און מאדערנע. דער ראַ־יעלסטער פון'ם גאנצען געגענד.

און מיין סטאר איז שטענדיג געפאקט. די טהיר מאכט זיך ביי מיר ניט צו. און וואס מעהר מיין סטאר וואקסט, אלס מעהר ווער איך נשמה'דיג פארבונדען מיט מיין ארבעט. די ארבעט איז ביי מיר געווארען א גייס־

טיגע באפרידיגונג. איך שטרעב ניט נאך געלט, איך שטרעב צו ערפאלג . . .

און דער ערפאלג איז געקומען . . .

אזוי ערקלערט גאלדענבערג דעם סוד פון זיין הצלחה.

הצלחה על פי דרך הטבע . . .

קאפיטעל זיבען

קאָנקורענץ

און רודינסקי האט זיך געפיהרט דאס געשעפט ווי אימער: מיט זארג פאר זיך און מיט א שמייכעל פאר יענעם. האט זיך ארומגעיאגט נאָך מציאות און גע־חלום'ט פון בייטען דאס מזל.

אבער וואס ער האט אויסגעטראכט היינט, האט ער עס מארגען אליין געמאכט צו נישט.

עס קלעבט זיך נישט.

איינמאל, ווען רודינסקי איז שוין געשטאנען ביי דער טהיר, איילענדיג צום אקשען, איז אריינגעקומען א מאן, און האט זיך פאר איהם פארגעשטעלט אלס „סיילסמען" פון דער פירמע שערסקע בראדערס. — ער האט נאר וואס פארקויפט גאלדענבערגען איינינע ארטיקלען און ער האט זיך דאָ אויך אבגעשטעלט, אפשר וועט ער קענען עפעס פארקויפען.

האט זיך רודינסקי פאר א ציעקאווע אומגעקערט זעהען וואס פאר אן ארטיקלען גאלדענבערג האט ביי איהם באשטעלט.

אויך דינה האט זיך נייגעריג איינגעקוקט.

דער סיילסמען האט גענומען צייגען פערשיעדענע „סעמפלס", אויף וועלכע ס'איז געשטאנען אנגעשריבען די פרייז פון יעדען ארטיקעל.

רודינסקי האט דערזעהען די זעלבע ארטיקלען, וואס זיי שטעהען ארויסגעשטעלט ביי גאלדענבערגען אין פענסטער. אויך איינינע ארטיקלען וואס ער האט אין אקשען געקויפט, שטעהען דא געפרייזט א סך ביליגער.

אויך דינה האט עס בעמערקט און האט איהרע אויגען אויף רודינסקין אנגעשטעלט.

— ווי אזוי פארקויפט איהר אייער סחורה? — האט איהם רודינסקי שמייכלענדיג געפרעגט — פאר מזומן, צי אויף קרעדיט?

אונזערע „טוירמס" זיינען זעכציג טעג, מיט צוויי פראצענט ארונטער — האט דער סיילסמען רוהיג געענטפערט.

רודינסקין איז געקומען אויפ'ן זינען, ער זאל קויפען די זעלבע ארטיקלען וואס שטעהען ביי גאלדענבערגען אין פענסטער, און זיי לייזען ביליגער . . .

— אויב איך וועל באשטעלען א פאאר ארטיקלען דענקט איהר אז מען וועט זיי מיר שיקען? — האט רודינסקי געפרעגט ערנסט.

— איך גלויב אז יא — האט דער סיילסמען געענטפערט — איהר וועט דאך געוויס געבען „רעפערענס", מיט וועמען איהר האנדעלט?

איך קען אייך געבען „רעפרענס" די קשען, איך האב דארט קרעדיט איבעראל.

— קיין אוקשען „רעפרענס" נעהמט מען ניט אן. מיט וועמען האנדעלט איהר חוץ די אוקשענס?

—אז עס טרעפט זיך מיר א „דזשאב" ביליג, צאהל איך מזומן.

— א „רייטינג" טראגט איהר.

— וואס מיינט איהר?

— איך מיין צו איהר טראגט א „רייטינג".

— איך פערשטעה ניט וואס איהר מיינט.

— איהר שפאסט?

— ניין איך שפאס ניט.

דער סיילסמען קוקט איהם אן און ציהט מיט די אקסלען.

— איך גלויב פארט, מיסטער רודינסקי, אז איהר שפאסט. וואס הייסט? איהר ווייסט ניט פון די צוויי קאמפאניס „דאנס" און ברעדס" וואס זיי אונטערזוכען יעדען און וויסען וואס ער פארמאגט? און אלע ווענדען זיך צו זיי נאך אינפארמאציע?

— ניין. באמת איך וויים נישט. האט רודינסקי ערנסט געענטפערט.

— וואס זשע, זיי האבען פון אייך קיינמאל קיין „סטייטמענט" ניט געפאדערט?

— ניין: עפעס איז יא אמאל געווען א מאן און מיר גערדעהט א ספאדיק, האב איך איהם געענטפערט ער זאל זיך פארזארגען זיינע אייגענע ביזנעס.

דער סיילסמען האט זיך צולאכט.

— נו, מילא, לויט איך זעה — האט זיך דער סײלסמען אנגערופען — זענט איהר ניט בעקאנט מיט די אמעריקאנער דינים. איך וועל ריידען וועגען אייך מיט אונזער פירמע, און איך גלויב אז זיי וועלען אייך די סחורה שיקען.

ער האט ארויסגענומען א קליין ביכעלע און זיך גע־נומען פארשרייבען.

רודינסקי האט באשטעלט די זעלבע ארטיקלען וואס ער האט זיי ביי גאלדענבערגען אין פענסטער געזעהען. און נאך א פאר ארטיקלען פאר וועלכע ער האט אין אוקשען טייערער בעצאהלט.

ער האט די סחורה בעקומען צוגעשיקט.

איצט האט ער נאר באדארפט וויסען מיט וואס פאר א פרייז גאלדענבערג פערקויפט זיי.

האט ער זיך דורכגערעדט וועגען דעם מיט דינה'ן.

— מען דארף געוואויר ווערען — דינה, מיט וואס פאר א פרייז גאלדענבערג פארקויפט די סחורה. איך גלויב מען דארף אונטערשיקען א קאסטאמער אויסצוגע־פינען די פרייזען.

— ווען למשל?

— איך גלויב מרס. יאראווסקי וועט טויגען צום געשעפט. זי קען א זאך באגראבען. זי וועט מן הסתם באלד דא זיין. אויב איך וועל ניט זיין, זאג דו איהר.

— שא, אט געהט זי.

— ווען מען רעדט פון משיח'ן, וואלט ער אויך געקומען — האט דינה מיט א האלבען שמייכעל גע־זאגט — נאר וואס גערעדט פון אייך, מרס. יאראווסקי.

— וואס עפעס פלוצלונג פון מיר? כאָטש צום גוטען?

— נאר צום גוטען; מיר האבען צו אייך א ביטע, מיר ווילען איהר זאלט פאר אונז אויסגעפינען די פרייזען וואס גאָלדענבערג לייזט פאר די צוויי ארטיקלען וואס הענגען ביי איהם אין פענסטער. מיר האבען אויך די ארטיקלען און מיר ווילען וויסען ווי צו לייזען.

— איהר פארשפאָרט מיך בעטען, — האָט מרס. יאראווסקי געזאגט טריאומפירענד. — איך קען אייך אפילו שוין זאָגען. איך בין איצט דורכגעגאנגען, האב איך געזעהן ס'איז דאָרט אן איינרייסעניש, בין איך פאר א צעקאָוועסט אריינגעגאנגען זעהן איבער וואס משוגעים רייסען זיך. נו־נו, נישטא ווער עס זאל לאכען. די גע־בלאמטע סחורה לייזט ער ניין און זעכציג סענט א יארד, און די פאסענדיקע ניין און אכציג.

— זיכער?

— וואס הייסט זיכער? איך געה דאך נאר וואס פון דאָרט!

— דיינקס.

— ניטאָ פארוואס.

רודינסקי האָט ארויסגעשטעלט די צוויי ארטיקלען אין פענסטער און אָנגעשריבען אויף זיי א פרייז: אויף דער געבלומטער סחורה, וואס זי קאָסט איהם אליין פופציג סענט, האָט ער אוועקגעשטעלט דעם פרייז ניין און פערציג, און אויף דער פאסענדיקער סחורה, וואס זי קאָסט איהם אליין זעכציג סענט, האָט ער אוועקגעשטעלט דעם פרייז ניין און זעכציג.

אין א פּאָאר מינוט ארום איז די קלייט געוואָרען באלאגערט. אלע די וואס האבען געקויפט ביי גאָלדענ־בערג׳ן די סחורה, האבען זיך ארייגעריסען א טאפ טאן און זעהן צי איז דאס די זעלבע סחורה.

איינינע האבען געבעטען פּראבקעס, צו צייגען זייערע קינדער . . .

ווען זיי האבען זיך איבערצייגט אז די סחורה איז די זעלבע, האבען זיי זיך מיט פארדרוס צוריקגעקעהרט צו גאָלדענבערג׳ן, איהם אָנגעוואָרפען די אפּגעשניטענע סחורה און געפאדערט זייער געלט צוריק, באשר רודינסקי לייזט מיט צוואנציג פּראָצענט ביליגער.

האָט גאלדענבערג גע׳טענה׳ט, אז ס׳איז ניט די זעלבע סחורה.

האָט איינע ארויסגענומען א „פּראָבקע”, וואס זי האָט ביי רודינסקי׳ן גענומען און האָט עס צוגעלעגט צו דער אָפּגעשניטענער סחורה.

און איז ארויס מיט א מענה לשון:

— יא מר. גאלדענבערג! איצט זיינען מיר איבערצייגט אין אייער עהרליכקייט, טאקע נאר אזעלבע עהרליכע לייט ווי איהר קענען זיך אזוי שנעל ארויפארבייטען . . .

גאָלדענבערג האט ניט געענטפערט. ער האָט זיי געהייסען אומקעהרען דאס געלט און אליין איז ער צו צום טעלעפאָן א צוקאָכטער —

— שערסקע בראָדערס?

— יאפּ!

— גאָלדענבערג.

— מר. גאָלדענבערג !

— יאָ.

— וואס קען איך טאָן פאר אייך ?

הערט מר. שערסקע ! — האָט גאָלדענבערג אָנגעהויבען שרייען אין טעלעפאָן אויפגערעגט — ווי קומט עס וואס מיך קאָסט סחורה טייערער פון א צווייטען ? איז מיין געלד ניט גוט ? צאָהל איך אפשר מיינע בילס ניט אין צייט ?

— וואטצומעדער, מר. גאָלדענבערג ?

— גאָר ניט איז די מעדער : א מאן מיט'ן נאָמען רודינסקי, וואס האלט א קלייטעל ניט וויים פון מיר, לייזט די זעלבע ארטיקלען וואס איך האב ביי אייך נעכטען געקויפט, מיט צוואנציג פראצענט ביליגער !

— ווער ?

— רודינסקי ! דער מאן וואס שטעהט ניט וויים פון מיר.

— רודינסקי ?

— יאָ !

—ווארט א מינוט.

גאָלדענבערג האָט געהאלטען דעם טעלעפאָן ביים אויער און געהערט ווי ס'איז געוואָרען א קאָכעניש, אבער ער האָט ניט געקאָנט הערען ווענען וואס עס האנדעלט זיך.

אין א פּאָאר מינוט ארום הערט ער שערסקע'ס קול :

— גאָלדענבערג ?

— יא.

— מר. גאָלדענבערג, עס טהוט מיר זעהר לייד אייך

צו זאָגען, אז רודינסקי האָט די סחורה ביי אונז געקויפט, און זי קאָסט איהם מיט צוויי און א האלב סענט אויפ'ן יארד טייערער ווי אייך.

— ביי אייך?

— יא. און פארוואס ער לייזט אונטער'ן פרייז ווייסען מיר ניט.

— אלזאָ, מר. שערסקע — האָט זיך גאָלדענבערג צוקאָכט, — גענוג. איך פארגין אייך דעם נייעם קאָס־טאמער מיט'ן גאנצען הארצען, אבער מיך פאר קיין קאָס־טאמער קענט איהר מעהר ניט האבען.

— וואַרט א ווײַלע, וואַרט א ווײַלע. זייט ניט אזוי אויפגעקאָכט. מיר . . .

— איך בין ניט אויפגעקאָכט — האָט איהם גאָל־דענבערג איבערגעשלאָגען. — איך האָב צו אייך גאָר־נישט. א י ה ר ווילט אייער סחורה פארקויפען. א י ך וויל מיינע אויך פארקויפען.

— וואַרט א מינוט, מר. גאָלדענבערג. זייט ניט אזוי אויפגערעגט. מיר זיינען דאָ קיין שום פארברעכען ניט באגאנגען. מיר האבען א רעכט אונזער סחורה צו פארקויפען, אָבער . . .

— איך זאָג ניט אז איהר האָט קיין רעכט ניט — איז גאָלדענבערג ווידער אריין אין די רייד — איהר זענט דער בעל הבית פון אייער סחורה, און איהר קענט מיט איהר טאָן וואס איהר ווילט. אבער איך קען אויך טאָן וואס איך וויל. איהר האָט ניט קיין רעכט אזוי צו האנדלען.

— אבער אום גאָטעס ווילען, מר. גאָלדענבערג, זייט ניט אזוי אויפגערעגט, פונ'ם געשעפטליכען שטאנד־

פונקט קענט איהר מאכען א לעבען אָהן אונז און מיר קענען מאכען א לעבען אָהן אייך, אָבער איך וויל אייך זאָגען אז מיר זיינען דאָ כלל ניט שולדיג. עס איז אונז אויפ׳ן געדאנק ניט געקומען אז דער מאן שטעהט לע־בען אייך, און קען אייך שאדען. אָבער ס׳איז דאך שוין געטאָן געוואָרען, דארף מען איצט זעהען וואס איז צו טאָן.

— מר. שערסקע, איהר קענט נאר טאָן איינס פון דיביידע: אדער נעהמט אפ ביי איהם די סחורה, אדער איך וועל אייך שיקען מיינע צוריק.

— שיקט ניט צוריק, מר. גאָלדענבערג, קיין סחורה. מיר וועלען זי ניט אפנעהמען. אבער מיר וועלען זעהן ביי איהם די סחורה צוריקצוקריגען. אויב ער לייזט אונטער׳ן פרייז, איז א סימן אז ער געהט באנקראָטירען.

— גוד־באַי !

— גוד־באַי !

קאַפּיטעל אכט

שערסקע בראָדערס.

„שלעכטע מענשען" האָט מען אין דער ביזנעס־וועלט אויף זיי געזאָגט. „פאר יעדער קליינינקייט לויפט מען אין געריכט.

„מאָדנע מענשען", האבען אנדערע געזאָגט. „בלאָזען פון זיך און האלטען זיך שטאָלץ."

האָט מיט זיי אימיצער א סכסוך, מוז די גערעכטינקייט בלייבען אויף זייער זייט. מעג דער צווייטער צד ווי גערעכט זיין. יענעם'ס טענות ווילען זיי אפילו ניט הערען.

אָנפאנגען זיך מיט זיי, האָט יעדער מורא. די זיכערסטע פירמע קאנען זיי רואינירען. האָט זיי אייגער חס ושלום פוגע בכבוד געווען, האבען זיי יעדען אין אויער א סוד דערצעהלט: „זיי האבען עפּעס געהערט מורמלען, אז דאָרט איז ניט גלאטיג . . . עפּעס קויפען זיי צופיעל . . ."

אָפּטמאָל, ווען איינער האָט זיך ענטזאגט ביי זיי צו קויפען, האָבען זיי בסוד אפגערופען די „דאָנס" און „ברערס", און זיי בסוד געבעטען, זיי זאָלען אויסגעפינען צי צאָהלט ער ביי יעדען אזוי בילס ווי ביי זיי . . . און עס פלעגט טרעפען אז נאָך אזא נאָכפראגע, האָבען די קאָמפּאנים יענעמס „רייטינג" האלב, אדער אינגאנצען אראָפּגענומען . . .

קיין גרויסע חכמים זיינען די שערסקעס ניט געווען. זייער גאנצע חכמה איז באשטאַנען אין דעם, וואס זיי האבען זיך געהאלטען פאר חכמים און האבען שטענדיג געזוכט איבערצוכיטרעווען דעם צווייטען . . .

געקומען זיינען זיי קיין אמעריקא אָרים. פון דער זשאלאוואניע וואס זיי האבען געקראָגען ארבייטענדיג, אלס פריקאזשטשיקעס, אין א קליין שטעדטעל אין אייראָפּא, האָט זיי קוים געקלעקט אויף הוצאות פאר זיך און פאר זייערע פרויען.

זיינען זיי פעדלער געוואָרען. האבען אָנגעקליבען אביסעל קאפּיטאל, און בשותפות געעפענט א לאחרים־געשעפט פון שניט־סחורה.

האָבען זיי זיך אויסגעטויגט צום געשעפט. זייער מאָטאָ איז געווען: „רייס וואו דו קענסט" . . .

האָט מען געריסען וואו עס האָט זיך געלאָזט. פאר עלטערע פרויען, האָט מען זיך ביי ווייב און קינדער געשוואוירען, און פאר מיידלאך, אז גאָט זאָל זיי אזוי שיקען די אמת'ע זיווגים . . .

און די קלייט איז געוואקסען. זיי האבען באקומען קאפּיטאל.

זיינען זיי הורטאָווניקעס געוואָרען.

איז אונטערגעקומען די מלחמה.

האָבען זיך די פּרייזען אויף סחורות פּערדאָפּעלט זיינען זיי בעריכט געווארען.

האָבען זיי זיך נאָך מעהר געבלאָזען. האבען געפיהרט דאָס געשעפט ביד רמה.

פאַר יעדער קלייניגקייט, האט מען געשראָקען מיט געריכט.

האָט איינער א „ביל" אין צייט ניט בעצאָהלט, האָט מען איהם צום טעלעפאָן גערופען, און איהם געלאָזט ווי־סען אז מען וויל האָבען „היינט" אַ „טשעק".

האָבען גערעדט צו יעדען מיט חוצפּה און געקוקט אויף איהם פון אויבען אראָפּ.

זיי האָבען פיינט געהאט די וועלט.

און די וועלט האָט זיי פיינט געהאט.

מ'האָט געקויפט ביי זיי נאר דאס, וואס מען האט ערגיץ אנדערש ניט געקענט באקומען.

זיינען זיי שטענדיג בייז געווען.

מיט די קרעמער וואס זיי זיינען אין שכנות געשטאַ־נען, זיינען זיי אויף מעסערשטעך געווען. זיי האָבען ניט געקענט אריבערטראָגען ווען אנדערע האָבען געלייזט.

האָבען זיי שטענדיג צו יענעם אין פענסטער גע־קוקט, און געוואלט וויסען וואס דארט טהוט זיך.

איז א קונה פון ערגעץ מיט א פּעקעל ארויס, האָט מען איהם באלד אפּגעשטעלט, איהם אריינגערופען אין קלייט אריין, און איהם דיזעלבע סחורה פאר א סך בי־ליגער געלאזט.

האָבען זיי עמיצען אן ארטיקעל פארקויפט, וואס „דארף ערשט אריינקומען", האָט יענער קיינמאָל דאס ארטיקעל ניט געקראָגען, אויב די פרייזען האבען ביז'ן אריינקומען געשטיגען. זיי האָבען שוין געהאט זייערע אריגינעלע תירוצים און פערשיעדענע דרעהדלאך, זיי זאָלען בלייבען די גערעכטע. איז דער ארטיקעל געוואָרען ביליגער, האָט מען געמוזט נעמען. מען האט מורא געהאט מיט זיי זיך אנצוהויבען.

און גערעדט האָבען זיי שטענדיג נאָר פון יענעם. זיי האָבען ניט געזארגט אזוי פאר זיך, אז זיי זאלען לייזען, ווי זיי האָבען געזארגט אז יענער זאל ניט לייזען.

אלע וואָס האָבען באנקראטירט, זיינען געווען ביי זיי „קרוקס". אלע וואס האָבען געברענט, האָבען ביי זיי די פייערס אליין געמאכט. אפילו ווען ביי איינעם איז דורכ'ן פייער א קינד פערברענט געווארען, האבען זיי אויך פון יענעם דעם חשד ניט אראָפּגענומען. אודאי — האָבען זיי זיך געקליגערט — ווען ער ווייסט אז דאָס פייער וועט זיך צושפרייטען ביז צום קינד, וואלט ער דאס פייער געווים ניט געווען געמאכט. האט זיך איינער גענומען דאס לעבען — איז ער געווען א משוגענער, א קליינקעפיגער, און א פייגלינג.

קיין נאמנות האָט ביי זיי קיינער ניט געהאט, אויף יעדען האָבען זיי מיט חשד געקוקט. ס'איז גענוג געווען אז איינער זאל א בורטשע טהון אויף זייערען א „קאָסטאָמער" און זיי האָבען באלד אויף איהם א פאגראָם געמאכט. די סחורה איהם פון די ראפטען געשלעפט. און ווען יענער האָט פראטעסטירט, האָט מען איהם מיט

ווארפען אין באנקראָט געסטראשעט. האָט זיך יענער דערשראָקען און מעהר ניט פראָטעסטירט.

— הערריי! — האָט שערסקע א געשריי געטהון צו איינעם פון זיינע פריקאַשטשיקעס, נאָך דעם געשפּרעך וואָס ער האָט מיט גאלדענבערגען געהאט — נעהם בורצע דעם עקספּרעסמאַן, און פאָהר צו מיט איהם צו רודינסקין, זאָג בורצען, איך וועל איהם גוט בעצאָהלען, ער זאל טהון אלעס וואס איך וועל איהם הייסען. מיך וועסטו שוין דארט טרעפען...

קאפיטעל ניין

רודינסקים בזיון.

און ביי רודינסקין אין קלייט איז געווען פרעהלעך; ס'האָט גע'רעשט: רודינסקי האט גערעדט, געמאסטען, און געשוויצט. דינה האָט געפאקט, גענומען געלט, און גע־קלונגען מיט'ן „רעדזשיסטער“. ארום זיי איז געשטאַ־נען א רעדעל מיט פרויען. יעדער פרוי האט געשלעפט און געריסען די סחורה צו זיך. אלע האָבען געוואלט מען זאָל זיי מעסטען פריהער . . . אין מיטען ריידעל איז געשטאַנען מיסעס יאראָווסקי און זיך געהיצט:

— אזאַ שווינדלער! מעהר פון צעהן פראצענט מאכט ער ניט! איהר פארשטעהט אַ חלוק? פון ניין און פערציג, ביז ניין און זעכציג! וויפיעל הייסט עס? — האַ? איך גלויב א פערציג פראָצענט! היינט וואו איז ערגייץ מיסטער רודינסקים פערדינסט? ער ארבייט דאך אויך ניט פאר עולם הבא? — אמת מיסטער רודינסקי? אזאַ שווינדלער! אָט אזוי ווערט מען רייך: מען גלאצט מיט די אויגען און מען בעראבעוועט ארימע מענשען!...

רודינסקי האָט ניט געענטפערט, ער האט זיך גע־טהון זיין ארבייט, נאר אויף זיין פנים איז געלעגען א צופרידענער שמייכעל.

א מאשין האָט זיך פאר דער קלייט אפגעשטעלט. צוויי יונגע לייט זיינען פון דארט ארויסגעשפרונגען, זיינען אין איילעניש אריין אין סטאר. און זיך געשטעלט קוקען ווי רודינסקי מעסט. רודינסקי האָט זיי ניט באַ־מערקט און זיך געטאהן זיין ארבייט.

וויפיעל קאסט אַ יארד? — האָט איינער פון די צוויי יונגעלייט, א קליין נידריג מענשעל, מיט א צופרידע־נעם פנים איראניש געפרעגט.

— ניין און פערציג סענט — האָט רודינסקי געענט־פערט און ווידער געמאָסטען.

— און די אנדערע? — האָט דער זעלבער יונגער־מאן געפרעגט, אנווייזענדיג מיט'ן פינגער אויף דער פאַ־סענדיגער סחורה, וועלכע איז געלעגען צודרעהט און אנ־געווארפען.

— ניין און זיבעציג סענט.

— ביליג. זעהר ביליג.

— קענען מיר האבען די עהרע צו זעהען מר. רודינ־סקי'ן? — האָט דערזעלבער יונגערמאן געפרעגט.

— איך בין מיסטער רודינסקי.

— מיין נאָמען איז שערסקע: פון דער פירמע שער־סקע בראָדערס — און האָט איהם דערלאנגט אַ קארד.

רודינסקי איז געווארען צוטומעלט.

— האָט איהר גוט אכטונג געגעבען, מיסטער רו־דינסקי וויפיעל די סחורה קאָסט אייך? — האָט שערסקע ביטריש געפרעגט און אריינגעקוקט רודינסקין אין די אויגען.

— יא, — האָט רודינסקי געענטפערט צומישט.

— פארוואס זשע מאכט איהר אזעלכע גרויסע „פּראָ־פּיטען?” איהר ראבעוועט דאך פּשוט די מענשען!

— וועל, — האָט רודינסקי אנגעהויבען שטאַמלען— יעדער פערשטעהט זיך זיינע ביזנעס און ווייסט וואס ער טהוט.

— געוויס, געוויס פערשטעהט איהר אייערע ביזנעס און איהר ווייסט וואס איהר טהוט — האָט שערסקע סאר־קאַסטיש געענטפערט — אבער . . .

— הערט מיסטער רודינסקי: מיר זיינען ניט געקו־מען אהער זיך אויסטענה'ן מיט אייך. מיר ווילען אפּ דעם רעשט פון אונזער סחורה, און פאר דעם וואס איהר האָט אפּגעלייזט ווילען מיר גלייך האָבען בעצאהלט.

— ניין, איך קען דאס ניט טאהן — האט רודינסקי געענטפערט אויפגערעגט און פערשעהמט — צוריק קיין סחורה גיב איך ניט. די סחורה איז מיינע, איך קען טאן מיט איהר וואס איך וויל. און אז איך וועל אייך אייער געלט אין צייט ניט באצאהלען, וועט איהר האבען צו מיר א טענה.

— א יא, מיר ווייסען אז איהר קענט עס ניט טהון — האָט שערסקע מיט רציחה געענטפערט — מיר אבער קענען עס יא טאהן.

ער האט א כאפּ געטאהן די נאך ניט קיין אנגעהויבענע שטיקער סחורה, זיי דערלאנגט בורצען, און א גע־שריי געטאהן מיט א שטעל פון א תקיף: ווארף זיי אריין אין וואָגען!

— איך רוף אריין א פּאָליסמאן! — האָט רו־דינסקי געשריגען מיט צאָרן און זיך געלאָזט צו דער טיהר.

— שווינדלער ! — האָט שערסקע איהם אריבערגע־שריגען. — דו ווילסט נאָך רופען א פּאָליסמאן ? ! באלד וועסטו ארעסטירט ! א מאן וואס קויפט סחורה פאר צופציג סענט, און לייזט זי ניין און פערציג — איז א שווינדלער; ער וויל באנקראָטירען, און מען דארף איהם גלייך ארעסטירען. בורצי ! — האָט ער א געשריי געטאָן צום פורמאן — טראָג ארויס די איבעריגע סחורה. שטעה ניט !

רודינסקי איז געלאָפען זוכען א פּאָליסמאן.

ער איז אַוועק עטליכע טריט און איז געבליבען שטעהן. ס'איז איהם געקומען אויפ'ן זינען, אז עס וואלט גלייכער געווען ער זאָל ניט מאכען קיין רעש, ווייל עס קען דאָך פּאסירען אז די איבעריגע קרעדיטאָרען זאָלען געוואויר ווערען אז ער האָט געלייזט אונטער'ן פּרייז און זאָלען עס אויך אָננעהמען פאר א שלעכטען סימן . . .

ער האָט זיך אומגעקעהרט צוריק.

ער איז צוגעגאנגען צו שערסקע'ן און זאגט צו איהם מיט א פארבאהאלטענער אויפרעגונג :

— הערט, מר. שערסקע : איך האָב מיך באדענקט, איך וויל ניט האָבען מיט אייך צו טאָן. רעכענט אויס וואס אייך קומט און איך וועל אייך באצאָהלען. און די בושה וואס איהר האָט מיר אָנגעטאָן, גיב איך איבער צו גאָט.

— בעסער צו ליידען אביסעל בושה, איידער צו־נעהמען פרעמד געלד — האט שערסקע מיט חוצפּה גע־ענטפערט.

רודינסקי האָט געפּיהלט צו נעהמען די שער און וי איהם אריינשטעכען אין הארצען; אָבער ער האָט זיך מיט אלע כוחות איינגעהאלטען.

זיי האבען אויסגערעכענט וויפיעל עס קומט פאר דער פארקויפטער סחורה און רודינסקי האָט איהם דער־לאנגט א טשעק.

— איצט מר. רודינסקי, זיינען מיר ווייטער גוטע פריינד, — האָט שערסקע געזאָגט נצחונ׳דיג, — און אז איהר וועט האָבען געלט, מעגט איהר אריינקומען עפּעס קויפען: פאר מזומן פארקויפען מיר ביליג. איהר וועט אָבער מוזען עפּעס איינלעגען, איהר זאָלט ניט פאר־קויפען אונטער׳ן פרייז . . .

— גוט, — האָט רודינסקי געענטפערט פארבי־טערט, און די טרעהרען האָבען איהם געוואָרגען.

אין שטאָדט איז געוואָרען א רעש: די פרויען וואס האבען די סצענע בייגעוואוינט, האבען יעדען מיט א נעבעך פארטרויעט א סוד, אז רודינסקי געהט באנ־קראָטירען, און אז מ׳האָט איהם געכאפּט אין מיטען דער ארבייט . . . שערסקע פון זיין זייט האָט אויך ניט גע־שוויגען; ער האָט דעם סוד פארטרויעט וואו מ׳האָט באַ־דארפט . . .

אין א פּאָאר טעג ארום, האָבען די „רייטינג" קאָמ־פּאנים צושיקט רויטע צעטעלעך צו זייערע אבאָנענטען, און זיי האָבען געגעבען אָנצוהערען אז מיט רודינסקי׳ן איז עפּעס ניט גלאטיג.

זיינען איהם די קרעדיטאָרען באפאלען: — געלט!

אויך די שכנים האבען זייערע גמילת חסדים גע־באָדערט.

האָט זיי רודינסקי געצווּנגען: שפּעטער, מאָרגען, איבערמאָרגען, כ'וועל לייזען.

האבען איהם זיינע קרעדיטאָרען אין באנקראָט גע־יואָרפען.

איז דער שעריף געקומען די קלייט פארמאכען.

— פארוואָס? — האָט רודינסקי געפרעגט צושראָ־קען. — איך וועל יעדען באצאָהלען. איך האָב נאָך אין מיין לעבען ביי קיינעם קיין סענט ניט פארנומען.

— דאס, מיין ליעבער הערר, באלאנגט ניט צו מיר, — האָט דער שעריף אין א פריעדליכען טאָן געענטפערט. — אין געריכט וועסטו זיך אויס'טענה'ן. איך דארף טאָן מיין שליחות.

ער האָט געבעטען רודינסקי'ן ארויסגעהן פון דער קלייט, האָט צוגעשלאָסען די טיהרען, און ארויפגעלעגט דעם חותם . . .

קאפיטעל צעהן

באפרייט פון געריכט

עס זיינען אוועק א פּאָאר וואָכען.

דאס געריכט האט באשטימט א „רעפערי" אויס־צוגעפינען צי דער באנקראָט איז גערועצליך.

האָט דער „רעפערי" א מיטינג פון קרעדיטאָרען גערופען.

אויך רודינסקי מיט זיין לאָיער זיינען געקומען.

האט זיך ארויסגעצייגט, אז רודינסקי האט קיין שום אבזיכט צו באנקראָטירען ניט געהאט. אלע סמנים האָבען געצייגט אז ער איז אן אָרענטליכער מענש, און דאס לייזען אונטער דעם פרייז איז געווען א געשעפטס־מעטאָדע צו ציהען קונים. ס'האָט זיך ארויסגעצייגט, אז דעם גאנצען סקאנדאל האָבען פאראורזאכט די שערסקע'ס.

איינער פון די קרעדיטאָרען, אן אָקשעניר, האָט אוועקגערופען רודינסקי'ן אָן א זייט און איהם אריינגע־ ־עדט א סוד: אויב ער וועט באקומען פון איהם עקס־ טרא פינף און צוואנציג פּראצענט, וועט ער איהם טאָן א טובה.

רודינסקי האָט איהם צוגעזאגט.

דער „רעפערי" האָט געפרעגט ביי די קרעדיטארען וואס זיי דענקען צו טאָן.

— פארגלייכען זיך, — האבען אלע געענטפערט.

רודינסקי'ס לאָיער האָט פאָרגעשלאָגען צו צאָהלען צוואנציג פּראצענט מזומן.

האָט זיך אָנגעהויבען א חלוקי דעות: אייניגע האָ־ בען גע'טענה'ט אז אין אָקשען קען די סחורה ברענגען פופציג פּראצענט. אנדערע האבען געזאָגט, מ'זאָל איהם געבען צוויי יאָהר צייט צו באצאָהלען גאנצע הונדערט פּראצענט.

דער אָקשעניר האָט געזאָגט:

— איך בין איינער פון די וואס האבען רודינסקי'ן אין באנקראט געווארפען, און איך מוז מודה זיין, אז עס טהוט מיר באנג וואס כ'האָב עס געטאָן, ווייל איך בין איבערצייגט אז רודינסקי איז דאָ אן אומשולדיגער קרבן געפאלען; און ווען ניט די שערסקע'ס, וואלט ער גע־ שטאַנען איז ביזנעס און יעדען באצאָהלט. איצט אָבער איז זיין לאגע ניט גינסטיג, ערשטענס האָט ער א סך פארלוירען אין דער צייט וואס דער סטאָר איז געווען געשלאָסען; צווייטענס דארף איהם קאָסטען „קאָורט" און „לאָיער" הוצאות; דריטענס וועט איהם שווער זיין איצט צו קריגען סחורה, ווייל זיין קרעדיט איז געשלאגען.

איך מאך דארום א פארשלאג, מיר זאלען ביי איהם גענומען פינף און צוואנציג פראצענט, און דאס געלט זאל ער אויסצאהלען אין זעקס חדשים.

נאך א קליינער דעבאטע איז דער פאָרשלאג דורכגעגאנגען.

רודינסקי האָט צוריקגעקראָגען דעם שליסעל און געעפענט די קלייט.

די ערשטע צייט איז איהם געגאנגען ניט שלעכט. ער האָט דערווייל געהאט וועניג חובות צו צאָהלען, און ער האָט געקענט קויפען צוביסלעך סחורה פאר מזומן.

שפעטער איז איהם געוואָרען שווערער. די קלייט האָט זיך אפגעצויגען; מ׳האָט געמוזט צאָהלען געריכט און לאָיער הוצאות, ווי אויך די פינף און צוואנציג פראצענט צו די קרעדיטאָרס. די גמילת חסדים וואס ער איז צו די שכנים שולדיג געווען, האָט ער גאנצע הונדערט פראצענט באצאָהלט; ער האָט ניט געקאָנט ביישטעהן דעם נסיון צו צאָהלען א רעה פאר א טובה.

האָט ער ווידער אָנגעהויבען ליידען. ס׳האָט געפעהלט מזומן. די קלייט איז געוואָרען אָפגעצויגען, מ׳האָט זי באדארפט אביסעל צופרישען, און דער קרעדיט איז געשלאָגען.

האָט ער ווידער אָנגעהויבען זאָרגען און טראכטען, און איינ׳טענה׳ן מיט דינה׳ן:

— מען מוז, דינה, פטור ווערען פון אונזער קרעמעל; אויב ניט, וועט דאס קרעמעל פון אונז פטור ווערען, און איצט איז די צייט. איצט בין איך קיינעם קיין געלט ניט שולדיג, און קיינער וועט מיר קיין דעה ניט זאָגען וואס איך זאָל טאָן. מיין מיינונג איז, מיר

זאָלען אויספּארקויפען די סחורה און זיך ארויסציהען פון דאנען.

— וואוהין?

— וואוהין? וואוהין עס זאָל ניט זיין, אפילו אין א פּריוואט וואוינונג.

— פון וואס־זשע וועלען מיר מאכען א לעבען?

— גאָט וועט ניט פארלאָזען. מיליאָנען מענשען מאכען א לעבען אָהן שמאטעס, וועלען מיר אויך ניט שטארבען פון הונגער. איך בין ניט קיין קאַליקע חס ושלום. גענוג פאר דיר אזוי שווער צו ארבייטען. איך וויל אליין זיין דער ברויט־געבער.

— איז וואָס־זשע זאָגסטו, דינה?

— כ׳זאָל אזוי וויסען פון בייז, צי איך ווייס דיר וואס צו זאָגען.

— נישטאָ וואס צו וויסען, דינה. איינמאָל פאר אלע מאָל, מען דארף זיך רעטען; די גליקען וואס מיר האבען פון אונזער קרעמעל, וועלען מיר ניט אָנווערען. צו שטעהן ווייטער האָט קיין זינען. מיר מוזען פון דער בלאָטע ארויסקריכען.

דינה האָט איהם אויסגעהערט און צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ:

— איך גלויב מיין מאן, אז דו האָסט רעכט. די גרויסע גליקען וואס מיר האבען דאָ, וועלען מיר ניט אָנווערען. די גרויסע פארלעבער וואס מיר זיינען, האָ־בען מיר זיך ניט וואס צו שרעקען.

— איז באשטימט, דינה. האָט רודינסקי געזאָגט ווי אויפגעלעגט, — נאָך היינט וועלען מיר באשטעלען שילדען, אז מיר פארקויפען אויס אונזער קראם, און מיר

ציהען זיך ארויס פון דאנען. איצט איז די צייט, אויב ניט איצט, איז קיינמאָל ניט. איך געה שוין לאָזען וויסען אונזער בעל הבית, אז מיר ציהען זיך ארויס, ווייל היינטיגען חודש ענדיגט זיך דאָס יאָהר.

— געה אין א גוטער שעה, — האָט דינה מוטהיג געענטפערט, און עפּעס נייע געפיהלען האבען זיך אין איהר דערוועקט.

רודינסקי איז אוועק און האָט באשטעלט די אויפשריפטען.

דער „סייל״ האָט זיך אָנגעפאנגען.

דינה איז געשטאַנען אין קלייט מיט א פּאָאר צוגעדונגענע מענשען און געארבייט. רודינסקי האָט זיך אוועקגעשטעלט אין דרויסען אויף דער שטעל און גע־געוואלדעוועט.

ס׳איז געוואָרען ערד־טרעטעניש. מ׳האָט געריסען פון די הענד.

אין צייט פון א פּאָר טעג, האָט מען כמעט די גאנצע סחורה פארקויפט. די איבערגעבליבענע סחורה וואָס קיינער האָט אין האנד ניט געוואלט נעהמען, האָט מען אוועקגעשיקט אין אוקשען צום פארקויפען, און זיי האבען גוטע פרייזען געבראכט. צוויי מאָל אזוי פיעל, וויפיעל ער האָט גערעכענט. רודינסקי האָט אנגעקוואלען. ער האָט זיך געאיילט אהיים מיטהיילען דינה׳ן וועגען סייל.

— וואָס זאָל איך דיר זאגען, דינה — האָט רודינסקי געזאגט מלא שמחה, קומענדיג פון אוקשען — האָט עס קיינט געבראכט פרייזען ? א שרעק ! אונזער סחורה, וואָס מיר האבען אהין אריינגעשיקט, האָט געבראכט כמעט צוויי מאָל אזוי פיעל וויפיעל זי האָט געקאסט.

איך האב זיך געקאטשעט פון געלעכטער ווי גרינע מענשען צאהלען פרייזען.

— עס קען זיין אז אנדערע קאטשען זיך פון געלעכטער פון די פרייזען וואָס דו צאהלסט, ווען זיי שיקען אריין — האָט דינה ערענסט געענטפערט.

— עס קען אויך זיין — האָט רודינסקי צוגעגעבען און געשמייכעלט.

— הכלל דינה, איך געה זוכען א הייזקע — האָט רודינסקי ביוטהיג געזאגט און געריבען פון נחת איין האנר אן דער צווייטער.

— געה געזונד — האָט דינה צוגעגעבען.

איז רודינסקי אוועק און האָט געדונגען א הייזקע אין א זייטיג געסיל, און האָט זיך אהין אריינגעצויגען.

דאָס לעבען איז געגאנגען גרינגער. דינה האָט אויפגעלעבט : זי האָט זיך געקענט מעהר אבגעבען צום הויז און צו די קינדער.

רודינסקי האָט זיך ארומגעצאהלט פון די חובות, און ס'איז איהם נאך געבליבען אביסעל קאפיטאל.

איז ער געגאנגען אין אוקשען, געקויפט מציאות און זיי פארקויפט צו די קליינע קרעמער, און צו פעדלער, און געצויגען פון זיי חיונה.

שפעטער האָט רודינסקי געקויפט א פערד און וואַגען און ארומגעפיהרט די סחורה צווישען די קרעמער.

די ארבייט איז געווען א שווערע : לעבען יעדע־פראם, האָט ער זיך געמוזט אבשטעלען, און די פעקלאך אריין און ארויסגעטראגען, צופאקט און פארפאקט.

און אז ס'האבען זיך איהם אנגעזאמעלט אביסעל „סטיקערס”, וואָס די קרעמער מיט די פעדלער האבען זיי

נים געוואלט קויפען, האָט ער אבגעדרונגען צווישען די קליימען אויף דער הוילער ערד א שטיקעל פלאץ, האָט אנגעווארפען דארט די גאנצע סחורה, און געגוואלדעוועט מיט קולי קולות פאר די פארבייגעהער, און זיי געלאזט וויסען וועגען זיינע גרויסע מציאות וואָס ער האָט אהין ארויסגעבראכט.

האבען זיך די קונים אבגעשטעלט טאפען און קוקען...

האָט די בעל הבית'טע פון דער סטאר שוין גער וואוסט, אז זי זעהט שטעהן א רעדעל ווייבער, זאל זי צוקומען זיך הייסען מעסטען...

איז געווארען א רייסעניש צווישען די פרויען. אלע האבען געריסען די סחורה צו זיך און געוואלט מ'זאל זיי פריהער מעסטען.

— גיט מיר פריהער !

— איך האב א קליין קינד !

— איך ווארט שוין דאָ לאנג !

— איך בין די ערשטע !

רודינסקי האָט גוט אבגעלייזט : אלע „סטיקערס" אויספארקויפט...

קאפיטעל עלף

ראטה איהם ווערען א הורטאוניק

די נאכט האָט זיך געלעגט פארכמורעט.

איז דער טאָג אויפגעשטאנען וויינענדיג.

— דער כסליו מוז זיך אבגעבען זיינס — האָט דינה ארויסקוקענדיג פון פענסטער באמערקט.

רודינסקי האָט מורא געהאט ארויספיהרען די סחורה וי זאָל ניט פארנעצט ווערען.

אין יענעם טאָג איז קיין אָקשען ניט געווען. האָט זיך רודינסקי אוועקגעלאזט צו די הורטאווניקעס פון דער פינפטער גאס, טאמער וועט ער ביי זיי קענען קויפען אביסעל ביליגע סחורה, פון וועלכער זיי ווילען פטור ווערען.

אויף איין פענסטער האָט ער באמערקט, שטעהט אנ־געשריבען „ב. ראַפּאַפּאָרט דרעס גודס".

ס'איז איהם געקומען אויפ'ן געדאנק אז דאָס דארף זיין דער ב. ראַפּאַפּאָרט, וואָס ער האָט זיך מיט איהם גרינערהייט באקאנט. און פון וועלכען ער האָט דערנאָך געהערט, אז ער איז געוואָרען אַ הורטאוּוניק און פאר־קויפט שניט סחורה.

ס'האָט איהם א ציה געטהון אריינגעהן אינעווייניג.

ער איז אריינגעגאנגען און איז געבליבען שטעהן ביי דער טהיר.

ער האָט א שאצגעטהון אז דער „סטאָק" דארף באַ־טרעפען א הונדערט טויזענד דאָלאַר.

ראַפּאַפּאָרט איז ארויסגעקומען פון זיין פּריוואַט־„אָפיס", די דרויסען שיין האָט איהם א זעצגעטהון אין די אויגען, ער האָט ניט געקענט זעהן ווער עס שטעהט לעבען דער טהיר, איז ער צוגעגאנגען נעהענטער.

זיי האבען זיך דערקענט.

האָט מען פריהער גערעדט פון די גרינע צייטען, ווי אזוי מ'האָט „סטראַדאַיעט", און געארבייט פאר דריי דאָלאַר א וואָך. דערנאָך האָט מען גערעדט פון געשעפט.

— ווי האָט עס א מענש קיין מורא ניט אנצוקויפען אזא גרויסען „סטאָק" ביי אזעלכע הויכע פּרייזען ? — האָט רודינסקי פּלוצלים א פרעג געטהון ראַפּאַפּאָרט'ען — טאָמער ווערט ביליגער ?

ראַפּאַפּאָרט האָט א קלוגען שמייכעל געטהון, אריינ־געקוקט רודינסקי'ן שארף אין די אויגען און געזאָגט :

— פארשטעהסט מיך, רודינסקי : האסט דאָך גע־וויס געזעהן אמאָל ביי אייך אין שטעדטעל א קונצענ־

מאכער, ווי ער שטעלט זיך מיט'ן קאָפּ אראפּ און מיט די פּיס ארויף, האלט א הויבען לייטער אויף די פיס און מאכט קונצען. נאראנים שטעהען פון ווייטען און ציטערען פון שרעק, דער לייטער זאל אויף איהם ניט פאלען. קלוגערע פארשטעהן די זאך אנדערש : אויב דער לייטער וועט פאלען, וועט ער ניט פאלען דעם קונצענמאכער אין קאָפּ, נאר א צווייטען...

— פארשטעהסט ?

— ספּעקולירט איהר דאך, הייסט עס, אויף יענעמס קאָפּ — האָט רודינסקי שמייכלענדיג געענטפערט — וועט זיין גוט, וועט איהר זיין א חכם, ווען ניט, וועט...

— פּירושים זיינען דאָ ניט נויטיג — איז איהם ראפּאפּארט אריין אין די רייד — זאג מיר בעסער רודינסקי, מיט וואָס באשעפטיגסטו זיך איצט ?

— מיט וואָס איך באשעפטיג מיך איצט ? — האָט רודינסקי געצויגען די רייד — מיט גארניט.

וואָס הייסט מיט גארניט ?

— טאקע מיט גארניט. איך פארקויף שמאטעס; איך קויף אין אָוקשען און פארקויף צו פּעדלערם און צו קליינע קרעמער.

— שטעהסט מיט א סטאר ?

— ניין, איך האב א פערד און וואגען און פיהר ארום מיין געשעפט איבער די קלייטען.

— איך געדענק ניט ווער ס'האָט מיר אמאָל געזאָגט אז דו שטעהסט ערגיץ מיט א „ריטייל סטאר“— האָט ראפּאפּארט געצויגען די ווערטער און געטראכט זיך צו דערמאהנען פון וועמען ער האָט עס געהערט.

— אמת, איך בין געשטאנען מיט א לאחדים גע־שעפט, אבער איך האָב עס אויפגעגעבען. דאָס הייסט דאָס געשעפט האָט מיך אויפגעגעבען — האָט רודינסקי געענטפערט מיט א שמייכעל.

— וואָס מיינסטו ?

— דאָס וואָס איך מיין.

רודינסקי האָט איהם דערצעהלט די גאנצע מעשה : אז ער איז געשטאנען אין א געשעפט און די שערסקעס האָבען איהם אומגליקליך געמאכט, זיי האבען איהם גע־מאכט צום באנקראטירען. און אז ער האָט זיך פאר־גליכט מיט זיינע קרעדיטארס פאר פינף און צוואנציג פראצענט.

ראפאפארט האָט איהם אויפמערקזאם אויסגעהערט, און געטראכט, אז רודינסקי וואלט געווען א גוטער מאן צו „טראגען וואסער"... מען קען ביי איהם איצט לייזען גרעסערע פרייזען, ווייל קיינער וועט איהם איצט ניט גע־טרויען. און מורא צו האבען פאר איהם איצט, האָט ער ניט וואָס, ניט אלע מאָל קען מען באנקראטירען. ער האָט איהם ארויפגעלעגט די האנד אויפ'ן אקסעל, מעשה גוטער ברודער און זאָגט צו איהם :

— וועסט מיך פאלגען רודינסקי ?

— דהיינו ?

— ווייסט דאך אז איך בין דיר אן אלטער גוטער פריינד, און וועל דיך ניט פארפיהרען, — ווער א דזשאבער.

— א וואָס זאל איך ווערען ?

— א דזשאבער, א הורטאווניק הייסט עס.

— א הורטאווניק ?

— יא, א הורטאוואניק.

— איהר מאכט שפאס פון מיר — הא ? אזוי איז אז מען ווערט רייך.

— אסור אויב איך שפאס, איך מיין עס גאנץ ערנסט.

— און געלט ? איך האָב דאך „קטן מעות” ? אן הורטאוואניק מוז דאך האבען געלט ? מען דארף דאך בארגען ?

— ניט אמת, רודינסקי, אַ הורטאָוואניק דארף קיין געלט ניט.

— וואָס הייסט ?

— דאָס הייסט.

פארשטעהסטו מיך רודינסקי : א הורטאוואניק איז ניט קיין לאחדים'ניק. א הורטאוואניק קען פארקויפען אלעם וואס ער האָט. ער דארף ניט האבען קיין רומעל. און מיט בארגען איז אויך ניט קיין אומגליק : יענער בארגט דיר, בארגסטו יענעם, — פארשטעהסט ?

— ווער זשע וועט מיר איצט בארגען ? — האָט רודינסקי ווי פארשעהמט געפרעגט קוקענדיג אן א זייט

— איהר ווייסט דאך אז מיין קרעדיט איז איצט געשלאגען ?

— איך ! — האט ראפאפּאָרט מיט אן ערנסט געענטפערט — איך וועל דיר בארגען. און אויף מיר קוקענדיג וועלען דיר אנדערע אויך בארגען. און מיט דער צייט וועלען דיר די שערסקעס אפילו אויך בארגען. דערווייל וועסטו קענען מאכען א לעבען פון מיין סחורה אליין. נישקשה, איך קען דיך, און ווייס אז דו ביזט אן ארענטליכער מענש, וועסטו ביי מיר ניט אויסכאפען.

און אויב דו ביזט א קלוגער, טראכט ניט קיין סך, ס'זיינען דאָ אזוי פיעל קבצנים, וועט זיין נאך א קבצן — האָט ראפּאפּארט געזאָגט שמייכלענדיג — עפּען דיר א געשעפט אין דעם געגענד, און שרייב אן אויפ'ן פענסטער, אז דו פארקויפסט „דרעם גודס" צו פעדלערס, און צו שניט קרעמער, און זארג ניט: אבי א קלאץ... אבער טראכט ניט, וואָס ווענינער טראכטען איז געזונטער. איצט איז די צייט, ווען די מלחמה געהט אָן און פרייזען שטייגען. אזא צייט וועסטו זוכען, האָסט א געלעגענהייט, נוץ זי אויס...

— איך בין אייך זעהר דאנקבאר, מיסטער ראַפּאפּאָרט, פאר אייער פריינדשאפט צו מיר — האט רודינסקי געזאגט געריהרט, מיין פשוט'ער שכל אבער קען עס ניט משיג זיין: איך אליין האָב, ווי געזאגט, „קטן מעות" און זיך פארלאזען אויף דעם וואָס איהר וועט מיר בארגען, — ווייס איך ניט? וויפיעל קענט איהר עס מיר למשל בארגען? צוויי הונדערט, דריי הונדערט, פיער הונדערט דאלאר, אלעס האָט דאך א גרעניץ?

— זיי מיר מוחל רודינסקי, ביזט א שוטה — האָט ראפּאפּאָרט מיט א היציגען שמייכעל געזאָגט, — איך וועל דיר בארגען מעהר ווי צוויי מאָל און דריי מאָל אזוי פיעל. איך וועל דיר שיקען סחורה וויפיעל דו וועסט דארפען! — פארשטעהסט?

רודינסקי איז געשטאנען, געקנייטשט דעם שטערן און זיך ארייננעטראכט אין ענין. ער האָט עס עפּעס מיט אמאָל ניט געקענט צוקייען...

— טראכט ווענינער לודינסקי און טהו מעהר— האָט ראפּאפּארט אונטערגעטריבען, א פּאטש טהוענדיג איהם אין פּלייצע — איך הייס דיר. וואָס ווערסטו דען פארלירען — שוטה ? דאָס געלט וואָס דו האָסט געבראכט פון רוסלאנד, ווערסטו שטענדיג האַבן — איך האָב עס אויך... געה און טראכט ניט ; ווערסטו מיר אמאָל דאנקען, און —

אנטשולדיג, איך מוז אריינגעהן אין „אָפּיס".

קאפיטעל צוועלף

ראפאפארט

ראפאפארט איז געווען א שעהנער און הויך געבויטעטער שטארקער מאן, מיט א קלוגען פנים. זיין אויסערליכער סימפאטישער אויסזעהן האָט געלאזט וויסען אז דארט אין איהם וואוינט א סוחר.

און א סוחר איז ראפאפארט געווען דורך און דורך. דורכגעטריבען און אויסגעהאלטען. לצים האבען זיך געוויצעלט וועגען איהם און געזאָגט : אז דער סוחר איז אין איהם גרעסער ווי דער מענש...

און געליגען איז אין דעם וויץ א שטיק אמת. אזוי אין לעבען איז ער געווען א גאנץ גוטער מענש און נאך א בעסערער פאמיליע־מאן ; איז אבער געקומען צו געשעפט האט ער זיך אָן מענשען פארגעסען . . .

דעם גאנצען טאָג איז ביי איהם דער קאָפּ געווען פארנומען מיט געשעפט. קיין איין מינוט האָט ער וועגען עפּעס אנדערש ניט געטראכט. דער טעלעפאן איז ביי איהם ליידיג א מינוט ניט געשטאנען. אלע מאָל האָט

ער אַן אנדערען צום טעלעפאָן גערופען. אבער מעהר ווי אַלע מאָל האָט דער טעלעפאָן געארבייט ווען א קאסטאָמער האָט עפּעס קויפען געוואָלט... און גערעדט האָט ער אין טעלעפאָן נאָר פון דעם ארטיקעל וואָס דער קאסטאָמער האָט ביי איהם געדונגען...

סחורה האָט ביי איהם שטענדיג געשטיגען. די פרייזען האָבען געמענט ווי פאלען, האָבען זיי זיך ביי איהם געהויבען. ביים פארקויפען אַן ארטיקעל האָט ער גערעדט מיט אזא פייער, אַז ער איז פון זיינע רייד אַליין בעגייסטערט געוואָרען און געמיינט אַז ער זאָגט דעם אמת . . .

און פארקויפען סחורה האָט ער געקענט: ער האָט באַזעסען אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען. כמעט א גאונות. ביי איהם האָט מען געמוזט קויפען, כאָטש מ'האָט וועגען קויפען ניט געדענקט און ניט געטראַכט. זיין באגייסטערטער כח הדיבור האָט אויפ'ן קונה א שטארקען רושם געמאַכט. — ער האָט איהם פאר־היפּנאָטיזירט.

אַלע מיטלען האָט ער אָנגעווענדעט דעם קונה ניט אוועקצולאָזען אומגעקויפט. ווען דער קונה איז שוין געשטאַנען ביי דער טהיר אוועקצוגעהן, פלעגט ער איהם מיט א באגייסטערטען ערענסט זאָגען: — איהר האָט נאָך צייט זיך צו באַדיינקען ביז איהר טרעט אריבער די שוועל. טרעט איהר נאָר אריבער די שוועל, בין איך שוין ארויס פון וואָרט און עס וועט אייך קאָסטען טייערער. און אויב דאָס האָט אויך ניט געהאָלפען, האָט ער אייך געלאָזט וויסען אַז איהר וועט די סחורה מעהר ניט האָבען, ווייל ער שיקט זי גלייך אוועק צו אייער

שכן... און אויב איהר זענט נאך געשטאנען און געצוויי־פעלט, האָט ער גלייך געכאפּט דעם טעלעפאן, געקוקט אייך אין די אויגען און אומגעדולדיג געווארט אויף אייער ענטפער...

איז צווישען צוויי קרעמער שכנים אנגעגאנגען א קאנקורענץ, האָט ער עס באלד דערשמעקט, און זיי זיינען ביי איהם געווען די בעסטע כלי זיין. ער האָט יעדען געסטראשעט מיט'ן צווייטען...

גערעדט האָט ער שטענדיג פון געשעפט. זאגאר אין די פרייע שטונדען, האָט זיך ביי איהם דער שמועס ארום געשעפט געשפינען. ער האט ליעב געהאט אויס־שפרעכען מיינונגען וועגען גאנג פון מסחר, האָט פאר־בונדען מסחר מיט פאליטיק און געפלאכטען אייגענע הסברות.

און ער האָט געוואוסט וואָס ער רעדט.

האָט געטראפען אמאָל אז איינער האָט איהם חושד געווען אין איבערזאלצען דעם אמת, פלעגט ער זיך וויצלען און זאגען אז: אין מסחר, מוז מען, ווילענדיג צי ניט ווילענדיג, זאגען ליגען. מעג מען זיין דער עהר־ליכסטער מאן, טאקע די עהרליכקייט אליין, קען מען זיך אָהן קיין ליגען ניט באגעהן. א קרעמער — פלעגט ער זאגען — קען אפילו ערב יום כפור צו התרת נדרים ניט געהן. ווארום וואָס וועט ער זיך געהן מתיר נדר זיין, אז מארגען מוז ער ווידער דעם זעלבען ליגען זאגען? ער קען אהן איהם ניט עקזיסטירען, ווייל ליגען איז אזא מעטאָדע דורך וועלכער דער מסחר ווערט אנגעפיהרט. פראבירט רופט אריין א קונה און זאָגט איהם, אז די סחורה קאסט אייך א דאלאר, נאר אזוי ווי איהר דארפט

מאכען א לעבען ווילט איהר מאכען ביי איהם צעהן פראצענט „פראפיט" ; וועט איהר זעהן ווי דער קונה וועט בלייבען שטעהן אראבגעלאזט די נאז און זיך באלד ארויסרוקען. וועט איהר אבער אויף דעם זעלבען שטיק סחורה אנשרייבען פון אויבען דריי דאלאר א יארד, און אונטער די דריי דאלאר אנשרייבען מיט רויטען א דאלאר מיט פופציג, און לאזען וויסען אין די צייטונגען אז איהר האקט דעם פרייז אויף העלפט, איהר מאכט אן אויספארקויף, און לאו כל אדם איז זוכה צו קריגען מעהר פון צעהן יארד, וועט איהר זעהן וואס פאר א כאפעניש עס וועט ווערען. ווייל אזוי איז די וועלט. זי האט פיינט דעם אמת. זי האט ליעב מ'זאל זי נארען : שווינדעלט, נארט, פוידערט, שמירט, אבי עס זאל ארויסקומען גלאטיג...

ביי יעדען פדיון וואס ער האט געמאכט, האט געמוזט זיין א דרעדעל. א שטיקעל טעות. ביודעים, אדער בלא יודעים. איהם אבנארען האט מען ניט געקענט, מ'האט געמעגט מיט טויזענד קעפ זיין. ער האט זיך אזוי ספעציאליזירט אין דרעהדלאך, אז ער איז געווען א קינסטלער אין דעם פאך. דער מח איז ביי איהם געווען אויסגעדרעהדעלט און האט שנעל געארבייט.

ער דערצעהלט :

איינמאל, קומט צו איהם אריין דער קרעמער ראבינסאן און קויפט ביי איהם סחורה, פאר פינף הונדערט דאלאר מזומן, און באצאהלט איהם מיט א טשעק.

דעפאזיט ער דעם טשעק ביי זיך אין באנק.

אין א פאר טעג ארום, לאזען איהם זיינע בענק ווי־

סען, אז דער טשעק פון מיסטער ראבינסאן, איז געקומען צוריק ניט באצאהלט. „נאט סאפישאנט פאנדס".

דערשמעקט ער באלד אז ראבינסאנס געשעפט שמעקט מיט צדוק הדין. ס'איז ערב באנקראט.

לויפט ער באלד אוועק אין ראבינסאנס באנק, און געפינט אויס אז ער האט דארט א „באלאנס" פון דריי הונדערט מיט זיבעציג דאָלאר. מזומן.

דעפאזיט ער אויף ראבינסאנס חשבון הונדערט מיט דרייסיג דאָלאר און די באנק צאהלט איהם אויס זיין טשעק פון די פינף הונדערט דאָלאר . . .

נאָך דערצעהלט ער:

אמאל, האט ער ביי א נויארקער סוחר, פערציג שטיק סחורה געקויפט, פאר צוויי דאלאר א יארד. צו בע־צאהלען אין זעכציג טעג.

אין משך פון דריי וואָכען צייט, זיינען די פרייזען, אויף פופציג פראָצענט געפאלען.

מיט יענע לייט, האט ער געוואוסט, קען מען קיין דרעהדלאך ניט מאכען; זיינען שלעכטע מענשען און גרויסע „קרוקס."

אזוי פיעל געלד דערלייגען, האט ער נים. און באנק־ראָטירען דורך זיי וויל ער ניט.

וואס טהוט מען?

פאלט ער אויף א שכל, פאהרט אוועק צו יענעם „הויז" און פארקויפט זיי פערציג שטיק סחורה, פון א בעוואוסטען נומער, וואס דער מקח היומי איז געווען צוויי דאָלאר מיט פופציג סענט א יארד פאר צוויי דאָ־לאר.

— ער מוז האבען געלט.

פאקט ער איין די אייגענע פערציג שטיק סחורה און שיקט זיי אוועק.

האט דאס „הויז" ניט קיין שום פערדאכט, איז מקבל די סחורה און שרייבט אונטער די קבלה.

— און אלעס איז פאראיבער . . .

אַט אזעלכע מעשיות פלעגט ער אייך דערציילן, ווען ער איז געווען אוועק פון ביזנעס.

פון צדקה געבען, האט זיך ראפאפארט קיינמאל ניט ענטזאגט. אבער ביי יעדען מאל ווען ער האט עפּעס באדארפט געבען, האט ער באנוצט א דרעהדעל:

— וויפיעל געלט דארף אייער אנשטאלט ?

— הונדערט טויזענד.

— גוט. הייסט עס, מיר האבען א באפעלקערונג פון דריי מאל הונדערט טויזענט מענשען, טראגט אויס דריי און דרייסיג סענט אויף א נפש ? — גוט. אַט איז מיין חלק און נאך פאר צוויי ארימע וואס קענען ניט געבען. — נאט אייך א דאלאר.

האט זיך אנגעהויבען א דעבאטע.

מ'האט זיך געדונגען.

די ענדע איז געווען: — ער האט גענעבען.

קאפיטעל דרייצעהן.

ווערט א הורטאווניק

ראפאפארט'ס ווערטער האבען אויף רודינסקין א גרויסע ווירקונג געהאט. זיינען איהם אריין אין הארצען. ער איז ארומגעגאנגען ווי היפנאטיזירט. ספעציעל האבען איהם געקלונגען אין די אויערען זיינע לעצטע ווערטער: „מען דארף קיין רומל". „מען דארף קיין געלט". „יענער בארגט דיר, בארגסטו יענעם". און — „סחורה וועט ער שיקען וויפיעל מען וועט דארפען".

ער האט עס דערצעהלט דינה'ן.

האט זי אויפגעמאכט מויל און אויערען און אנגעשטעלט אויף איהם איהרע גרויסע, שווארצע אויגען. זיינע ווערטער האבען איהר געקלונגען, ווי א מעשה פון טויזענד און איין נאכט.

— זאל גאט העלפען — האט זי געענטפערט מיט אן ערענסטען פנים, ניט קענענדיג אלעס באגרייפען. — ס'איז שוין צייט מיר זאלען אויפגעריכט ווערען. „ער" אז ער וויל — קען ער.

שפעטער איז רודינסקי געווארען פעסימיסטיש גע־שטימט: — וואס הייסט? ער, רודינסקי, וואס האט ניט גענוג געלט צו פיהרען א לאחדים געשעפט ווי עס געהערט צו זיין, וועט פלוצים, פון דער העלער הויט ארויס, ווערען א הורטאוווניק, צובארגען די סחורה אין פרעמדע הענד, און דערנאך גאט בעטען פאר זיי, זיי זאלען מאריך ימים זיין? . .

האט ער געטראכט, געטראכט, און ווידער געטראכט: יא — ניין, ניין — יא.

און באשלאסען האט ער אויף יא. מען מוז פרואווען מזל.

איז ער אוועק אין דער פינפטער גאס און געדונגען א סטאר צווישען די הורטאוווניקעס. ער האט געלאזט אנשרייבען אויפ'ן פענסטער, מיט גאלדענע אותיות: „בענדזשאמין רודינסקי — שניט סחורה פאר פעדלערס, קרעמערס און מאנופעקטשורערס. און איבערגעפיהרט אהין זיין ביסעל סחורה.

ראפאפארט האט געהאלטען ווארט. דעם ערשטען טראנספארט סחורה וואס ער האט רודינסקי'ן פארקויפט, האט באטראפען איבער טויזענד דאלאר.

רודינסקי איז געווען איבערגליקליך. אזא גרויסען קרעדיט מיטאמאל האט ער דאס ערשטע מאל געקראגען.

איבערמעסטען די סחורה האט ער ניט באדארפט; ווייל ראפאפארט האט איהם גאראנטירט פאר דער מאס

און אז די „טיקעטס” וואָס היינגען אויף דער סחורה מיט די אנגעשריבענע יארדען, קומען גלייך פון דער מיהל, וואו די סחורה ווערט פראדוצירט. און ניט נאר עס פעהלט ניט צו דער מאס, פארקעהרט, צו יעדען שטיקעל סחורה קומט נאך צו.

האָט רודינסקי אבגעמארקט די סחורה צום לייזען און זי ארייגעשטעלט אין די „ראפטען”.

זיינען פארבייגעגאנגען די הורטאוויקעס פון דער פינפטער גאס און האבען באמערקט א ניי געשעפט, האבען זיי אנגעהויבען שמעקען ווער דער נייער קרעמער איז און ווער עס שיקט איהם סחורה.

די בעלאוואסקי בראדערס זיינען געוועזן די ערשטע, וואָס האבען, א דאנק בורצי דעם פארמאן, וועלכער צופיהרט די אָרדערס פון די הורטאווניקעס, דערשמעקט ווער דער העכט איז, און אז ראפאפארט האָט איהם א גאנצען וואגען מיט סחורה ארייגעשיקט.

האבען זיי זיך אין ראפאפארטען מתקנא געווען. ער האָט געוויס ביי איהם א ביינדעל אבגעלעקט.

האבען זיי געשיקט ארייגרופען רודינסקי'ן.

— מיר ווילען אייך עפעס פארקויפען, מיסטער רודינסקי. א נייער שכן דארף זיך איינקויפען אין חברה, —האָט הערי, דער עלטערער פון דער פירמע, צו איהם געזאגט אין א פריינדליכען טאן, אוועק קוקענדיג אין א זייט.

—איך האָב דערווייל גענוג סחורה, איך וועל אויספארקויפען מיינע וועל איך קויפען אנדערע. מען טאָר ניט פליטען. מען דארף פריהער אויסגעפינען וועלכע סחורה מען פאדערט דאָ.

— מיר ווייסען בעסער פון אייך וועלכע סחורה מען פאדערט דאָ. אונזער סחורה פארקויפט מען, מיר האָבען ניט קיין לעגער סחורה, מיט קיין „סטיקערס“ וואס מען קען ניט פארקויפען.

איך קען אבער איבער געוויסע אורזאכען איצט ניט קויפען : ערשטענס האב איך זיך גענוג אנגעקויפט. צווייטענס, וועט איהר מיר ניט בארגען, און קיין מזומן האב איך ניט איצט.

— איהר זאלט מיר ענטשולדיגען, מיסטער רודינסקי, איהר רעדט ווי א קינד. וואָס הייסט איהר האָט גענוג סחורה ? א הורטאוואניק האט קיינמאל ניט גענוג. א הורטאוואניק, וואָס מעהר סחורה ער האָט, מעהר לייזט ער. ער איז ניט קיין לאהדים׳ניק ער זאל לויפען זוכען דאָס שטיקעל סחורה ווען ער דארף עס. א הורטאוואניק מוז קויפען סחורה ווען עס לאזט זיך. גראדע איצט האבען מיר פאר אייך א מציאה. מיר האבען דאָ א „דזשאב“ וואס ניט אלע טאג טרעפט זיך אזעלכעס. און וועגען קרעדיט זאלט איהר זיך ניט זארגען. אז ראפאפארט שיקט אייך, וועלען מיר אייך אויך שיקען.

— פון וואנען ווייסט איהר אז ראפאפארט שיקט מיר ? האָט רודינסקי געפרעגט ערנסט און זיך געפונען געשמייכעלט.

— א דאגה האָט איהר : ווענט האבען אויערען. קוקט בעסער אן די סחורה.

ער האָט איהם אנגעצייגט אויף א בארג מיט סחורה וואָס איז געליגען אנגעווארפען גלייך ווי זי איז נאר וואָס אנגעקומען.

רודינסקי האָט אָנגעהויבען פאַנאַנדערוויקלען איי־ניגע שטיקער סחורה, און זיי באַטראַכט מעשה מבין.

— ווי אַזוי פאַרקויפט איהר די סחורה? ביים יאַרד צי ביים הורט?

— מיר פאַרקויפען די סחורה ביי'ם יאַרד, אָבער איהר מוזט נעהמען דעם גאַנצען הורט. און אַזוי ווי איהר זענט אַן אָנפאַנגער, וועלען מיר אייך געבען אַ „שאָו”, זי וועט אייך קאָסטען פופציג סענט אַ יאַרד.

רודינסקי איז געשטאַנען און האָט בעטראַכט די פאַרשידענע סחורות. איינינע פון זיי האָט ער אַמאָל אין אָקשען געקויפט און באַצאָהלט פאַר זיי אַ סך מעהר.

— וועט איהר מיך לאָזען אויסקלויבען דאָס וואָס מיר וועט געפעלען? — האָט רודינסקי געפרעגט בתמימות.

— ניין, איהר מוזט נעהמען דעם גאַנצען „לאָט” ווי ער געהט, אַזוי איז ער אַריינגעקומען, און אַזוי מוז ער פאַרקויפט ווערען.

און וואָס פאַר אַ טוירמס וועט איהר מיר געבען?

— דאָס ערשטע מאָל וועלען מיר אייך געבען דריי־סיג טעג. דערנאָך וועלען מיר זעהען.

— ניין, אויף קיין דרייסיג טעג קען איך ניט קויפען; אויב איהר וועט מיר געבען זעכציג טעג, קענט איהר מיר די סחורה אַריינשיקען.

— מילא, זאָל זיין זעכציג. איבער אַזאַ קליינינקייט דאַרף זיך קיין שדוך ניט צוגעהן. אַ שכן דאַרף מען געבען אַ שאָו.

— דזשייק! — האָט בעלאַווסקי אַ געשריי געטהון צום פריקאַזטשיק, דער לאָט איז פאַרקויפט גע־

יואָרען צו מיסטער רודינסקי'ן. מען דארף איהם באלד ארויסשיקען!

דער טעלעפאן האָט אנגעהויבען רינגען.

— טעלעפאָן! — האָט מען א געשריי געטהון פון אָפיס.

הערי האָט זיך אנטשולדיגט אז ער דארף ענטפערען דעם טעלעפאן און איז אריין אין אָפיס.

— פאר וויפיעל האסטו איהם פארקויפט די לאָט?

האָט איהם דייוו, דער איינגערער ברודער געפרעגט.

— פאר פופציג סענט.

— וואָס קאסט זי אליין?

דורכשניטליך קאסט די „לאָט" פינף און דרייסיג סענט א יארד.

— האָסט ניט געגומען צופיעל? ער וועט זי דאך ניט קענען פארקויפען?!

— ס'איז „אָללרייט". ער איז א נייער, און אָהן א נאמען. ער קען ערגיץ אנדערש ניט קויפען.

— און טאמער וועט ער אויסגעפינען אז מיר האבען איהם טייער גערעכענט?

ער קען ניט אויסגעפינען: ערשטענס האב איך צוגויפגעשטעלט א „לאָט" אז מען דארף זיין מיט טויזענד קעפ זי אבצושאצען. צווייטענס, איז דאָס אזעלכע אלטע „סטיקערס" אז קיינער וועט זייער ווערטה ניט וויסען.

— ווילען מיר דאך איהם פארלירען פאר א קאס-טאמער?

— נייעקשה: די פעדלערס ווילען עס אויפפרעסען — לאָז עס צו מיר.

„אלראיט", מיסטער רודינסקי ! — האָט הערי אויס־געשריען ארויסקומענדיג פון אָפיס — היינט וועט איהר האבען די סחורה צוגעשיקט. און אויב איהר וועט מיט אונז האנדלען, וועלען מיר אייך שיקען קאסטאמער וואָס וועלען ביי אונז אויף דער סחורה פרעגען.

— איך האָף אזוי. — האט רודינסקי געענטפערט, און איז ארויס א צופרידענער.

די בעלאוּוסקים האבען זיך באלד גענומען „פיקסען" דעם אָרדער. מ'האָט אראבגענומען די „טיקעטלעך" פון דער סחורה און מ'האָט אויפגעהאנגען אנדערע...

רודינסקי האָט באקומען די סחורה ; ער האָט איי־בערגענומען די יארדען נאך די טיקעטס נאך, צי זיי שטימען מיט דער ביל. ער האָט אבגעמארקט די פרייזען צום לייזען און אריינגעשטעלט די סחורה אין די ראפטען.

די בעלאוּוסקים האבען געהאלטען ווארט : אלע זייערע שלעכטע קונים וואָס זיי האבען זיי ניט געוואלט פארקויפען, האבען זיי צו רודינסקין געשיקט. אויך ראַ־פּאָפּארט האט איהם אלע פעדלער וואס ער האט פון בוך אויסגעשניטען, צוגעשיקט.

רודינסקי איז געוואָרען „ביזי".

אויפ'ן ניכטערען הארצען ? איך כאפ דאס פעקעל און וויל אוועקגעהן. כאפט זי מיך אן ביים ארבעל און לאזט ניט. זי וויל איך זאל איהר אומקעהרען די זעקס דאלאר, באשר, איך האב איהר אמאל פערקויפט א שטיקעל סחורה פון זעקס דאלאר, האבען איהר די שכנים געזאגט אז ס'האט מעהר ווי צוויי ניט די ווערטה . . . —און ווי־דער אמאל — „זידזי" — „זידזי" — און „זידזי".

ווער איך אנגעצינדען און טראכט, ווארט, ס'וועט א רוח אין דיין טאטען, דו פוילישע חזיר'טע, וועסטו זיך טשעפען צו א מענשען אומזיסט ?

איך זאג צו איהר :

— הער פאני : האסט געמאכט א טעות. ניט איך האב דאס שטיקעל סחורה פארקויפט, נאר, מיין ברודער מאשקע, ער קוקט אויס פונקט ווי איך. און איך אויב איהם אן שעלטען מיט טויטע קללות פארוואס ער טהוט מיר אומעדום אן צרות, און פערשווארצט מיר דאס פנים. אבער דו פאני — זאג איך צו איהר — זיי ניט אין כעס, איך וועל דיר פאר איהם בעצאהלען, ער איז מיין ברודער און איך דארף פאר איהם ליידען. איצט גראדע האב איך ניט א סענט, כאטש קוילע מיך, איך וועל נאר אנהויבען לייזען וועל איך דיר דיין געלט אומקעהרען.

זאגט די פאני — ניין. זי וועט מיך ניט אוועקלא־זען : איך בין א „זידזי" און וועל זי אפנארען.

זאג איך צו איהר : וויסטו וואס, פאני ? קויף עפעס ביי מיר, וועל איך דיר דיין געלט אריינרעכענען אין חשבון.

זאגט זי „אלערייט".

נעה איך שוין אריין אין שטוב, און צולעג זיך מיט

מיין קרעמעל; געפעלט איהר א שטיקעל פון רודינסקי׳ס אימפארטירטער סחורה . . . פערקויף איך עם פאר אכ־צעהן דאלאר. דאס הייסט צוועלף דאלאר מזומן, מיט׳ן שטיקעל סחורה וואס מיין ברודער מאשקע האט איהר פערקויפט פאר זעקס דאלאר . . .

מאיר׳ל דערצעהלט ווידער :

„דעם ערשטען טאג וואס איך בין געקומען קיין אמעריקא, בין איך באלד ארוים פעדלען. א לאנדסמאן מיינער, א געניטער פעדלער, האט מיר איינגעהאנדעלט צוועלף שטיקער שטרויענע „מעטס", וואס מען לעגט פאר דער טהיר, אבצואווישען די פיס פון דער נעץ,—פאר צוואנציג סענט א שטיק. און האט מיר אנגעזאגט, איך זאל געהן קלאפען טירען און בעטען „טו דאלאר". און נעהמען זאל איך וויפיל מ׳וועט געבען.

דאס ווארט „טו דאלאר" האט ער מיר אנגעשריבען אויף פאפיער.

איך האב גענומען דעם פאק „מעטס", און זיך גע־לאזט מיט איהם אין גאט׳ס וועלט אריין.

איך זעה א רייכע הויז.

קלאפ איך אן אין טהיר.

קומט ארויס א געזונטע שעהנע ערל׳טע.

נעהם איך א שטיק מעט" און לעג עם אוועק פאר דער טהיר און הויב אן דערויף טאנצען, איהר צייגען וואס פאר א וויכער „מעט" דאס איז. טאנץ איך און קוק אריין אין פייפערעל, און שריי „טו דאלארס !" לאכט די ערלית. כאפ איך זי אן ביים ארבעל און שלעפ זי ארויף אויפ׳ן „מעט", זי זאל אויך פיהלען די ווייכקייט. קאט־

שעט זיך די ערל'טע פון געלעכטער און רופט ארויס איהר מאַן, ער זאָל אויך הנאה האָבען.

קומט ארויס אן אנגעפרעסענער ערל און בעטראכט מיך פון קאָפּ ביז פיס.

כאַפּ איך איהם אָן ביים ארבעל און שלעפּ איהם אויף ארויף און שריי „טו דאָלארס!" געפעהלט עס דעם ערל, גיט ער מיר א קלאַפּ אין פּלייצע און דערלאנגט מיר צוויי דאָלאר.

איך שפּאַן ווייטער.

עס קומט מיר אקעגען א אידישער פּעדלער און פרעגט מיך ווי אזוי איך האָב מיך איינגעשטעלט צו פּער־קויפען סחורה צו א „דיסטריקט אטוירני".

וואָס הייסט א „דיסטריקט אטוירני"? פרעג איך איהם ערנסט.

א „דיסטריקט אטוירני", — זאגט צו מיר דער פּעד־לער, — אין א טאָן פון א פאכמאַן — א „דיסטריקט אטוירני" הייסט, א פּראַסוראָר.

איך בין געוואָרען א טויטער" . . .

קאפיטעל ניינצעהן

דער באנקיר

נאָך ניי־יאהר זיינען זיך די פּעדלער אין דער שטיל אויפ'ן „ראוד" צו פאָהרען. יעדער האָט עס געהאלטען בסוד, אז דער צווייטער זאָל חס ושלום ניט געוואויר ווערען וואוהין ער פאָהרט. און דער סוד האָט אזוי לאנג אָנגעהאלטען, ביז זיי האָבען זיך אלע אין איין פּלאץ מיט די פּעקלאך געטראָפען . . .

די היימישע פּעדלער האָבען קיין ביזנעס ניט געטהון. ביזנעס איז בכלל געווען שוואך. די סעזאנען האָבען זיך געביטען. קיין ווינטער סחורה האָט מען שוין ניט געקענט פערקויפען, און פאר זומער סחורה איז נאָך געווען פריה.

ביי רודינסקי'ן איז געווען צרה'דיג, קיין לעבעדיגען מענשען האָט מען אין קלייט ניט געזעהן.

פון דער גרויסער שפע וואָס ער האָט ערשט געהאַט, האָט ער זיינע בילס ניט געקענט בעצאָהלען. ער האָט נאָך באַדאַרפט גוטמאַכען די צוריקגעקומענע טשעקס.

מיט די גרעסערע הורטאָוניקעס איז ער דורכגעקור־מען: ער האָט זיי געגעבען „בענק־נאוטס”, און האָט אָבגעשטופט די צאָהלעכצער אויף דרייסיג טעג שפּעטער. די קלענערע האָבען געוואָלט נאָר מזומן.

אין באנק נאָך אן הלואה האָט ער מורא געהאט צו געהן. עפּעס האט ער זיך געשראַקען פאַר'ן באַנקיר. ער האָט געהאַט א זעהר שטרענגען אויסזעהן, און האָט גע־מאַכט אויף איהם דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געווען א מיטגליד פון א דעטעקטיוו ביורא, וואס ווארפט א חשד אויף יעדען, וואָס קומט מיט איהם אין בעריהרונג.

און געהערט האָט ער דערצעהלען: ווען איינער קומט צו איהם נאָך אן הלואה, לאָזט ער איהם פריהער זיצען אויפ'ן „זאָרג־בענקעל” און גיט איהם צייט ער זאָל זיך קענען איבערדענקען ווי שטארק ער נויטיגט זיך אין דער הלואה. דערנאָך שטעלט ער איהם צום פריזיוו, פרעגט איהם אויס ווי דער טאַטע הייסט, ווי די מאַמע הייסט, ווי אַלע גוטע פרומע לייט הייסען איהם צו גוטען טהון.

דערנאָך מישט ער אויף די גרויסע צוויי „אורים ותמימ'ס”, פון וועלכע ער דערגעהט באַלד דעם גאנצען אמת . . . און אז אלעס איז אין אָרדנונג, בעטראַכט ער ערשט דעם מענשען פון קאָפּ ביז פיס, צי פערמאָגט ער חוץ דעם „רייטינג” א פּאָר דיימאנד רינגס, אָדער עהנליכע מטלטלים וואָס גיבען צו חן און לייטזעליגקייט

צום מענשענ'ס ווירדע. און נאך דער טיעפער חקירה ודרישה, הייסט ער ערשט לאזען דעם „נאוט" צו דער „בארד", וועלכע וועט „מיטען" מארגען, אדער איבער־מארגען, און אפשר גאר אין א וואך שפעטער . . .

פון דעם באנקירס גרויסע פעהיגקייטען אין ביזנעס, האט ער געהערט דערצעהלען אזא מעשה:

איינמאל האט זיינער א דעפאזיטאר מיט'ן נאמען דאברינסקי, בעשלאסען צו פרואווען זיין מזל און בעטען אן הלואה פון טויזענד דאלאר. נאר אזוי ווי דעם ציפער טויזענד האט ער נאך קיינמאל אין לעבען ניט אנגעשרי־בען, האט ער ביים אנשרייבען דעם „נאוט" געמאכט א טעות און צוגעשטעלט אן איבעריגען „נול". דער באנקיר ניט קענענדיג דעם דעפאזיטאר פערזענליך, האט אויסגע־פונען אין „רייטינג בוך", אז דאברינסקי איז „גערייטעט" הונדערט טויזענד דאלאר, און האט איהם ארייננעשרי־בען די צעהן טויזענד דאלאר לצמיתות . . . שפעטער ווען דער „נאוט" איז געגאנגען „פראטעסטעט", האט זיך ארויסגעצייגט אז, אמת, ס'האט טאקע אמאל געלעבט א דאברינסקי מיט א „רייטינג" פון הונדערט טויזענד דאלאר, אבער ער איז שוין טויט איבער א יאהר און דער בחור הזעצער האט איהם פארגעסען מקבר צו זיין . . .

אט אזעלכע און נאך עהנליכע זאכען האט זיך רור־דינסקי וועגען דעם באנקיר אנגעהערט. און ער האט איהם עפעס אזוי ווי געשראקען.

אבער נויט ברעכט אייזען. מ'האט איהם אנגע־הויבען דערקוטשען: געלט! האט ער זיך אנגענומען מיט הארץ, האט אויסגעשטעלט א „נאוט" פאר טויזענד דאלאר, און איז אוועק אין באנק בעטען אן הלואה.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן „זאָרג בענקעל" און געוואַרט, ביז אַן אנגעשטעלטער האָט אַ וואונק געטהון און איהם אָנגעצייגט וואוהין ער זאָל אריינגעהן.

ביי רודינסקי'ן האָט זיך דאָס האַרץ אַ וואַרף געטהון, ער איז הכנעה'דיג אריין צום באַנקיר און אוועקגעלעגט פאַר איהם דעם „נאָוט".

דער באַנקיר האָט אַ קוועטש געטהון אַ קנעפּעל און אַן אנגעשטעלטער איז אריינגעקומען.

רודינסקי'ס „סטייטמענט" מיט'ן „באַלאַנס", — האָט איהם דער באַנקיר שטיל אריינגערוימט.

דער אָנגעשטעלטער איז אריין אין אַ צווייטען צימער און האָט זיך באַלד אומגעקעהרט מיט אַן ענטפער, אַז ס'איז ניטאָ פון רודינסקי'ן קיין „סטייטמענט". און וועגען באַלאַנס, האָט ער איהם אוועקגעלעגט אַ שטיקעל פּאַפּיער מיט אָנגעשריבענע ציפערן.

דער באַנקיר האָט אַ קוק געטהון אויף די ציפערן און צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. דערנאָך האָט ער אַ קוק געטהון אויף רודינסקי'ן און איהם אָבגעמאָסטען פון קאָפּ ביז פיס און פרעגט איהם :

— האָסטו נאָך קיינמאָל ניט געגעבען קיין „סטייטמענט" ?

— ניין, — ענטפערט רודינסקי.

דער באַנקיר שלעפּט ארויס פון צווישען די פּאַפּיערען אַ געדרוקטען פּאַפּיער און צייגט אָן רודינסקי'ן זיך אוועקזעצען נעגען איהם.

— ווי לאַנג שטעהסטו אין ביזנעס ? — האָט איהם דער באַנקיר אַ פרעג געטאָן.

— אַכט יאָהר.

— שטענדיג אין „האָלסייל“?

— ניין, ערשט זעקס מאָנאטען אין „האָלסייל“. פריהער בין איך געווען אין „ריטייל“ ביזנעס.

— וויפיעל קאפיטאל פארמאָגסטו?

— איך ווייס ניט גענוי — האט רודינסקי געענט־פערט צומישט...

— און ערך?

רודינסקי שטעהט און טראכט...

— וויפיעל האָסטו דעפאזיט אין באנק ווען דו ביזט אריין אין די „האָלסייל“ ביזנעס?

— דריי טויזענד דאָלאר.

— אייגענע?

— יאָ.

דער באנקיר פארשרייבט.

— האָסט געמאכט „פראָפיט“ זינט ביזט אין „האָל־סייל“ ביזנעס? — האט דער באנקיר ווידער געפרעגט.

— יאָ.

— וויפיעל?

— איך ווייס ניט.

— און ערך?

רודינסקי שטעהט צומישט . . .

— האָסט „געפעהלט“?

רודינסקי'ן האָט דאס בלוט א זעץ געטאָן אין פנים. ער האָט אָנגעהויבען שטאמלען...

— האָסט „געפעהלט“, צי ניין? — האָט דער בענקער איבערגעפרעגט אומגעדולדיג.

— איך בין ניט שולדיג, כ'האָב געמוזט, מ'האָט...

— האָסט „געפּעהלט", צי ניין? — אָט דאס איז די פראגע!

— כ'האב געמוזט.

דער באנקיר האט א לייכטען שמייכעל געטאן.

— אין וויפיעל האָסטו „געפּעהלט"?

— אין צוויי טויזענד דאָלאר.

— אז דו האָסט געהאט אייגענע דריי טויזענד דאָלאר צו „דעפּאזיטען", צו וואס האָסטו באדארפט „פּעהלען"? — האָט דער בענקער שארף געפרעגט און געקוקט אויף איהם מיט שטעכעדיגע בליקען.

רודינסקי האט זיך פארלוירען . . .

דער באנקיר האט איהם דערלאנגט א „בלענק" און זאָגט צו איהם:

— נאַ דיר א „בלענק", פיל איהם אליין אויס און שיק איהם אריין ביי „מעיל". דעם „נאָוט" לאז איבער צו דער „באָארד".

— „נעקסט"!

רודינסקי איז ארויס פון דאָרט פארפלאָמט און פארשעהמט. ער איז שטיל פארבייגעגאנגען דאס „זאָרג בענקעל", ניט קוקענדיג קיינעם אין פּנים אריין.

דעם גאנצען וועג האָט ער זיך געהאלטען אין איין גריזען. ער האט זיך אליין ניט געקענט מוחל זיין די נארישקייט וואס ער איז באגאנגען, צו זאגען, אז ער האָט אין געשעפט אריינגעלעגט אייגענע דריי טויזענד דאלאר . . . דער באנקיר איז דאך געוועזען גערעכט! אויב ס'איז מיר געבליבען דריי טויזענד דאלאר, צו וואס האב איך געדארפט באנקראטירען אין צוויי טויזענד?

רודינסקי האט פארשטאנען אז ער איז שטארק דורכ־געפאלען. פון א הלואה קריגען איז אפגערעדט. ער האָט נאר ניט פארשטאַנען צו וואס האָט איהם דער באנקיר געהייסען לאזען דעם „נאוט“ ? . . .

קאַפּיטעל צוואַנציג

א סטייטמענט

ווען די נעבעלדיגע מרה שחורה איז זיך פון רודינסקי'ן צעגאַנגען, האָט ער זיך אָנגעהויבען אביסעל בערוהיגען, אז, נאָכאַלעמען דאַרף ער זיך דערפון קיין גרויסע יסורים ניט מאַכען. אמת, ער איז דורכגעפאַלען, און מיאוס דורכגעפאַלען. קיין געלט וועט ער שוין ניט קריגען. אָבער ס'איז ניט געפעהרליך; קיין טראַגעדיע דערפון דאַרף מען זיך ניט מאַכען, וועט מען איהם דעם „נאָוט" אָבשיקען. — איז וואָס ? וועט ער אריין אין אן אנדער באַנק. אלע בענק וועלען זיין געלט צונעמען. אין אן אנדער באַנק וועט ער שוין אזעלכע טעותים ניט מאַכען. ער וועט זיך שוין פריהער באַדענקען וואָס צו זאָגען . . .

אריינקומענדיג אין קלייט אריין, האָט ער אָנגע־שטעלט א שמייכלענדיגען פּנים אז דער ארבייטער, ווי אויך די פּאָר קונים וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען, זאָלען אויף איהם גאָרנישט בעמערקען. ער איז שנעל איבער־געגאנגען די קלייט, און איז אריין אין קאַנטאר.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביים שרייב טיש, אויפ־געמאַכט דעם קרעדיט בוך און זיך גענומען בלעטערן, אום די קונים זאָלען מיינען אז ער איז בעשעפטיגט און וועלען ניט אריינקומען איהם בעאומרוהיגען.

ער האָט דערזעהען א פּאָר „סטייטמענטס" ליגען אויפ'ן שרייב טיש.

ס'איז איהם געקומען אויפ'ן זינען אז ער וואָלט דאָ גאָרניט געהאט וואָס צו פערלירען ווען ער וועט יא אריינשיקען א „סטייטמענט". אמת, ער איז ניין און ניינציג פּראָצענט זיכער, אז מען וועט איהם דעם „נאוט" ניט אריינשרייבען. אָבער וואָס האָט ער דאָ צו פערלי־רען ? אפשר ?

ער האָט צוגעשפּארט די טהיר פונ'ם קאַנטאר אלס א צייכען, אז קיינער קען איצט ניט אריינקומען און ער האט זיך גענומען אויספילען דעם „סטייטמענט."

דער „סטאק" באַטרעפט —

ער האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צו דער קלייט און זיך גענומען אָבשאַצען וויפיעל די סחורה באַטרעפט.

ער האָט זי אָבגעשאַצט אין אכט טויזענד דאָלאר.

„פיקסטשורס" דריי הונדערט דאָלאר.

אין באנק מזומן — צוויי הונדערט מיט צעהן דאָלאר.

אין די הענד מזומן — דריי הונדערט דאלאר.

אין הויז איינגעצאָהלט פינף הונדערט דאָלאר.

סך־הכל — ניין טויזענד דריי הונדערט צעהן דאָלאר.

שולדיג פאר סחורה — דריי טויזענד דאלאר.

פערמאָגט ער: זעקס טויזענד דריי הונדערט מיט צעהן דאָלאר.

פארטיג געווארן מיט׳ן „סטייטמענט" האט ער איהם פאָרזיכטיג אונטערגעשריבען, איהם צונויפגעלעגט צוריק אויף די זעלבע קנייטשען, ארויפגעקלעפּט א מאַרקע און זיך געלאָזט ארויסגעהן פונ׳ם אָפיס, איהם אוועקשיקען דורך דער פּאָסט.

ער האָט א טראכט געטהון אז עס וואָלט גלייבער געווען ער זאָל טאַקע איצט אליין צונעהן מיט׳ן „סטייטמענט", וועט ער שוין וויסען, יא — יא, ניין — ניין. צו וואָס ווארטען אויף מאָרגען ?

ער האָט ארייגעלעגט דעם „סטייטמענט" אין בוזים קעשענע, איז צוריק אריין אין אָפיס, זיך פארריכט די העט, אויסגעגלייכט דעם ברייטען שניפּס ארום האלז, צוגעקעמט די האָר פון קאָפּ, און איז אוועק אין באנק.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן „זארג בענקעל" וואו עס זיינען שוין פאר איהם געזעסען מענשען און געווארט.

די טהיר פון׳ם באנקירס קאנטאר האט זיך אלעמאל אויפגעמאכט און פערמאכט.

רודינסקי איז געזעסען און בעטראכט די אלע ארויסגעקומענע, איהם האט זיך געדאכט אז ער לייענט זיי אלע אויף די פנים׳ער, וואס פאר אן אבשניט זיי האבען געהאט. עפּעס אלע זיינען זיי דורך צופאליטע, ווי נאר וואס

אבגעשמיסענע, און זיי האבען קיינעם אין די אויגען ניט געקוקט . . .

ס'האט זיך אנגעהויבען דערנעהענטערן זיין „נעקסט" ער האט דערפיהלט ער ווערט אומרוהיג ; עפעם שרעקט ער זיך.

אום מ'זאל ניט דערקענען זיין אומרוהיגקייט, האט ער אנגעהויבען טראכטען וועגען פרעהליכע זאכען : וועגען די צוויי טעאטער ביליעטען וואס ער האט פון לאדזש ערהאלטען, פאר זיך און פאר דינה'ן. פונ'ם „קארפאריישאָן" מיטינג וואס דארף מארגען פארקומען, וואו עס וועלען „שטאטפינדען עלעקשאן פאר אפיסערס", און עס וואלט אפשר געווען א פלאן, אז איצט, זייענדיג א הורטאווניק, זאל ער לויפען פאר „טרעזשורי" . . . ער וועט שוין געפינען ווער עס זאל איהם „נאמינירען" . . . ער וועט זיך אביסעל קווינקלען און אננעהמען. דער אלטער „טרעזשורער" האט שטענדיג געלד אהן פראצענט און פארשפארט לייען אין די בענק . . . די „טרעזשורי" האט ער געטראכט — וואלט איהם איצט זעהר צוניצגעקומען. ער האט געטראכט וועגען דעם צושריפט וואס איז ביים לעצטען מיטינג אין לאדזש פערהאנדעלט געווארען וואו איינער בעט מ'זאל איהם מיט הונדערט דאלאר ארויסהעלפען, ער איז אן אייזמאן, איז איהם דאס פערד געפגר'ט, דארף ער דאס געלד צו קויפען א פערד. האט זיך אנגעהויבען א דעבאטע : האט ברודער זעבריש גענומען דאסווארט און געזאגט אז ס'איז ניט נויטיג דוקא א פערד צו קויפען, מ'קען קויפען אן עזעל, עס קאסט א סך ביליגער. האט איהם דער פרעזידענט געהייסען אהיים געהן פרעגען דאס ווייב וויפיעל זי וויל פאר איהם . . . .

רודינסקי האט א שמייכעל געטהון, דער אנגעשטעלטער האט עס בעמערקט. רודינסקי האט זיך פארשעהמט וואס ער לאכט צו זיך אליין. ס'איז איהם געקומען אויפ'ן גע־דאנק אז ער קען זיך נאך וועגען דעם דערמאנען בייס באנקיר אין קאנטאר און זיך אויך צולאכען. האט ער אנגעהויבען טראכטען וועגען טרויעריגס. ער האט גע־טראכט וועגען „נאוט".

— „נעקסט" ! — האט ער דערהערט א רוף פון'ם אנגעשטעלטען.

רודינסקי האט זיך שנעל אויפגעהויבען, מיט שטילע טריט האט ער אריינגעשפאנט אין באנקירס קאנטאר. ער האט זיך העפליך פארנויגט און איהם דערלאנגט דעם „סטייטמענט."

— כ'האב דאך דיר געזאגט זאלסט איהם מיר „מעילען" — האט דער באנקיר געזאגט אומצופרידען.

— וואס איז דער חלוק ? — האט רודינסקי ערנסט געענטפערט.

— פארשטעהסט — האט דער באנקיר געזאגט סארקאסטיש : אז מען שיקט א „סטייטמענט" ביי „מעיל" איז בעסער, ווייל אויב מען זאגט ליגען, האט מען צו טהון מיט יונייטעד סטייטס . . .

רודינסקי האט איהם אנגעקוקט נישט פארשטעהענ־דיג.

דער באנקיר האט צוגענומען דעם „סטייטמענט" און אריינגעגראבען אין איהם די אויגען. האט באלד אויפגעהויבען דעם קאפ, זיך אויסגעגלייכט דעם רוקען, א קוק געטהון אויף רודינסקין, און זאגט :

— „סטאק" האסטו פאר אכט טויזענד דאלאר ?

— יא.
— פונקט אכט טויזענד ?
—— יא.
— אזוי גיך איבערגעמאסטען ?
רודינסקי שטעהט צומישט.
דער באנקיר פרעגט ווידער :
— „פיקטשורס" דריי הונדערט דאלאר ?
— יא.
— וויפיעל האבען זיי געקאסט נייערהייט.
— דריי הונדערט דאלאר.
— האבען זיי נאך אלץ די ווערט דריי הונדערט?
רודינסקי שווייגט.
—און געלט אין באנק האסטו צוויי הונדערט מיט צעהן דאלאר ?
— יא.
— און אין „הענד" האסטו דריי הונדערט דאלאר ?
— יא — ענטפערט רודינסקי פער'עקשנ'ט.
— צו וואס האלסטו דריי הונדערט דאלאר אין „הענד", ווען אין באנק האלסטו נאר צוויי הונדערט מיט צעהן דאלאר ? — האט דער בענקער ציניש געפרעגט — האסט אונז מורא אזוי פיעל געלט צו געטרויען ?
רודינסקי רויטעלט זיך און שווייגט.
— ביסטו איצט, הייסט עס, ווערט זעקס טויזענד דריי הונדערט, מיט צעהן דאלאר ?
— יא.
— האסטו געמאכט הייסט עס, זינט ביסט אין „האלסייל" ביזנעס, ריינעם „פראפיט" דריי טויזענד, דריי הונדערט, מיט צעהן דאלאר. — אמת ?

— אמת, — האט רודינסקי געענטפערט פארביסען, אין א טאן ווי ס'איז איהם שוין קיין חלוק ניט וואס ער וועט זאגען.

— „אללרייט" — האט דער בענקער געזאגט און גע־צויגען די ווערטער — איך וועל עס איבערגעבען צו דער „בארד". מארגען איז א מיטינג.

— „נעקסט" !

רודינסקי האט א שאקעל געטהון מיט'ן קאפ, איז ארויס פון'ם קאנטאר, מיט שנעלע טריט איז ער פערביי־געגאנגען דאס „זארג בענקעל", מורא האבענדיג א קוק טהון צו די מענשען, מ'זאל אויף איהם זיין אומרוהיגקייט ניט דערקענען.

דעם וועג א היים האט ער מורא געהאט די אויגען אויפצוהייבען. עפעס האט ער זיך פאר זיך אליין גע־שעהמט, ער האט זיך אליין ניט געקענט מוחל זיין ווי אזוי ער האט געקענט געבען אזא נארישען „סטייטמענט". דער באנקיר — האט ער געטראכט — האט דאך געהאט רעכט, ווען ער האט איהם געשטעלט די פראגע צי ער האט אזוי שנעל איבערגעמאסטען די גאנצע קלייט, און ווייסט אויף זיכער אז ס'איז דא סחורה פונקט פאר אכט טויזענד דאלאר, ניט מעהר און ניט ווייניגער ? און אין די „הענד" מזומן האב איך דריי הונדערט דאלאר. וואס טהו איך ווען ער זאגט : „דעפאזיט" דאס געלט ? . . . .

ווען ער איז צוגעקומען צו דער קלייט, האט ער איי־ווייניג באמערקט אפאר קונים. האט ער זיך אנגע־שטרענגט, צושלאגען די אומעדיגע געדאנקען. אבער ס'איז איהם ניט געלונגען. ער איז דעם גאנצען טאג ארומגעגאנגען ווי צודרעהט.

ווען ער איז פארנאכט אהיימגעקומען, האט דינה אויף איהם דערקענט אן אומרוהיגקייט. זי האט איהם געפרעגט די אורזאכע וואס ער איז אזוי צעטראגען.

— א צאהן דערקוטשעט מיר זעהר דעם גאנצען טאג, — האט רודינסקי קאלט געענטפערט — און זיך געהאל־טען פאר די שניים. איך האב מורא איך וועל איהם מו־זען ארויסשלעפען . . .

קאפּיטעל איין און צוואנציג

,,נאוטס''

ווען רודינסקי איז דעם צווייטען טאג געקומען גע־וואוירע ווערע וועגען „נאוט“, האט מען איהם נאָך א שטונדע צייט ווארטען אויף׳ן „זארג בענקעל“ — געלאזט וויסען, אז די „באָרד“ וועט ערשט „מיטען“ מארגען.

רודינסקי האט זיך שוין געוואלט הייסען צוריק גע־בען דעם „נאוט“: ער איז געווען זיכער אז נאָך אזא נארישען „סטייטמענט“ וואס ער האט געגעבען, וועט מען איהם דעם „נאוט“ ניט אריינשרייבען. אבער ער האט עס ניט געטהון.

ער איז אהיים געגאנגען פארזארגט און פער׳צרה׳ט. די פּאסט האט איהם היינט גארניט געבראכט. די וואָך דארף ער צאהלען צוויי „נאוטס“ וואס ער האט פאר סחורה געגעבען. ס׳איז גענוג צרות אז מען באצאהלט ניט קיין „ביל“, אבער א „נאוט“? ער ווערט דאָך „פּראָטעס־טעט“ עס שמעקט דאָך מיט צרות.

ער האט א טראכט געטהון, אז היינט וועט מסתמא ראפאפארט קומען צו איהם מיט א בעזוך. אזוי איז שטענדיג: א פאָר טעג בעפאר ער דארף צאהלען א „נאוט“ אדער א „ביל“, קומט ער צו איהם מיט א בעזוך. גלאט אזוי — איהם עפעס צו פארקויפען . . .

ווען ראפאפארט קומט צו איהם אין אזא צייט, קען ער איהם אין די אויגען גלייך ניט קוקען. זיינע בליקען קען ער ניט באגעגנען. ער לייענט פון זיי ארוים חשד, און אומצוטרויען.

די לעצטע צייט האט ער ביי ראפאפארטען גארנישט געקויפט. עפעס איילט ער זיך איהם נישט צו פארקוי־פען. טאמער צייגט ער איהם עפעס א „סעמפל“, איז דאָס נאר צום נארען, ער זאל האבען מעהר חשק דעם „נאוט“ צו בעצאהלען . . . . אין אזא צייט, צייגט ער איהם קיינמאָל ניט קיין סחורה, נאר „סעמפלס“. באטש אין אמת'ן האט ער גאר די סחורה ניט, און וועט קיינ־מאל אויך ניט האבען.

יענער טאג איז אריבער זעהר א מאוס'ער; כמעט אהן א פדיון. אין דרויסען האט זשעלעדיט מיט שווערע פליאכעס שנעע, קיין לעבעדיגען מענשען האט מען אין גאס ניט געזעהען.

ניט זעהענדיג פאר זיך קיין וועג וואו מען קען באַ־קומען דאס געלט צו פערגרייטען פאר די „נאוטס“, האט ער זיך אבגעלאזט אויף דער השגחה.

דעם צווייטען טאג האט די פאסט אויך קיין נייעס ניט געבראכט.

רודינסקי האט באשלאסען געהען אויף דער נאכט אין „קארפאריישאן“ נאך אן הלואה. ער וועט דארט בעטען

אימיצען מ'זאל פאר איהם גוט זאגען. אמת, עס פאסט ניט לויט די געזעצע פון „קארפארייישאן", מוז מען פריהער אבצאהלען דעם אלטען חוב ווען מען וויל א נייעם און אויפ'ן אלטען חוב האט ער ערשט אבגעצאהלט א העלפט. עס געהט איהם שוין ניט אין פּראָצענט, וואס ער פאר־ליערט, ווי אין בזיון!

דעם „נאוט" צוריק פון די בענק האט רודינסקי ניט געקראגען. געהען נאך איהם האט ער ניט געוואלט. — צו וואס געהען? ליידען שאנדע? ווער ער איהם מאר־גען באקומען!

שפּעטער האט ער זיך אויסגערעכענט, ער וועט יא געהן. ער וועט איהם סתם בעטען צוריק.

איז ער אוועק אין באנק, און זיך געזעצט אויפ'ן „זארג בענקעל."

קיין „נעקסט" איז ניט געווען, האט איהם דער אנ־געשטעלטער געהייסען גלייך אריינגעהען.

ער האט זיך אנגעשטרענגט צו בעהאלטען זיין נער־וועזקייט, און איז אריין אין „אפיס."

דער בענקער האט זיך אביסעל פערטראכט, ווי ער וואלט זיך געוואלט דערמאנען זיין נאמען, דערנאך האט ער געזוכט צווישען די פּאפּיערען און ארויסגעשלעפּט פון דארט דעם „נאוט", איהם בעטראכט פון ביידע זייטען און זאגט צו איהם:

„די בארד האט באשטימט מ'זאל דיר דעם „נאוט" אריינשרייבען."

ביי רודינסקי'ן האט דאס הארץ א ציטער געטהון, ער איז געבליבען שטעהן אומבעוועגליך.

— אבער — האט דער בענקער צוגעגעבען, — נאך

א פויזע שווייגען — אזוי ווי דו טראגסט ניט קיין „רייטינג" מוזטו האבען אויף דער צווייטער זייט פון'ם „נאוט" אן „אינדארסער", אזעלכען וואס טראגט א רייטונג.

רודינסקי האט קוים משיג געווען די לעצטע ווערטער. ער איז געשטאנען אויף אן ארט און לאנגזאם צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

דער בענקער האט איהם דערלאנגט דעם „נאוט".

רודינסקי האט זיך פערנויגט און איז ארויסגעגאנגען פון אפיס.

אויפ'ן וועג אהיים איז ער געווען שטארק צעטראגען, ער האט זיך אלע מאל אנגעשלאגען אין א פערבייגעהער און געבעטען ביי איהם ענטשולדיגונג.

אין סטאר האט ער געטראפען א פאר קונים וואס האבען אויף איהם געווארט. זיי האבען איהם געמאכט א קאמפלימענט אז זיי ווארטען ספעציעל אויף איהם, ווייל זיי האבען ליעב נאר ביי איהם צו קויפען. רודינסקי האט מיט א געמאכטען שמייכעל געבעטען, זיי זאלען איהם אנשולדיגען דאס מאל און קויפעןביים „סיילסמען", ווייל ער דארף אויף שנעל עפעס ארויסשיקען. ער איז אריין אין „אפיס", זיך אוועקגעזעצט ביים שרייב טיש, זיך גענומען בלעטערן דעם טשעק בוך און אויסרעכענען ווען די טשעקס קענען אריינקומען אין באנק.

ער האט ארויסגענומען דעם נאוט פון דעם דעפאזיט ביכעל, געקוקט אויף איהם טרויעריג און איבערגעטראכט דעם בענקערס ווערטער: „די באארד האט דעם נאוט געפעסט, נאר מען מוז האבען אן אינדארסער." הייסט עס, איך אליין טויג ניט, נאר ווען אימיצער וואס טראגט

א „רייטינג" וועט „אינדארסען", וואלט איך געקענט קריגען דאס געלט.

— וואו זשע נעהמט מען אן „אינדארסער"? ווער וועט פאר מיר גוט זאגען? דאס הייסט דאך אז מען געטרויעט יענעם, ניט מיר?

ער האט זיך דערמאנט אין דעם „נאוט" וואס ער דארף מארגען ביז דריי דעם זייגער באצאהלען. מען מוז עפּעס טהון — האט ער א טראכט געטהון — איך וועל פּראבירען ארייננעהען צו א שכן איהם בעטען ער זאל מיר דעם נאוט אונטערשרייבען.

אבער צו וועלכען שכן געהט מען? צו גראבויען? ער האט דאך נאך אויף זיין לעבען קיינעם קיין גמילת חסד ניט געגעבען! ער האט גארניט דעם נוירוו צו איהם ארייננעהען. צו פרענקלען? ער וועט איהם אנהייבען שטעלען פארשיעדענע פראגען. צו קרענגלען? — פּי־לייכט: קרענגעל איז ניט קיין שלעכטער מענש. מענ־ליך. קיין פּאטש וועט ער איהם זיכער ניט געבען.

ער האט א קוק געטהון אויפ'ן זייגער: שוין צוועלף. דער טאג שטעהט ניט, ער רוקט זיך, מען מוז עפּעס טהון, מען טאר זיך אויף ניסים ניט פארלאזען. אמת, ער האט נאך א האפענונג אויפ'ן „קארפּארייישאן" אבער טאמער קריגט ער ניט?

ער האט אנגעטהון די העט, איז אין איילעניש דורכ־געגאנגען די קלייט.

קרענגעל איז געשטאנען אויף דער טהיר פון זיין סטאר און געקוקט אויף די פערבייגעהער. אינעווענינ אין סטאר איז קיינער ניט געווען.

— „העללאו" מיסטער קרענגעל.

— „העללאו“ מיסטער רודינסקי.

— וואוהין לויפט מען עם?

— צו אייך.

— צו מיר?

— יא.

— „וואצימעדער“?

— איך וויל אייך בעטען א טובה: איך דארף מארגען צאהלען א „נאוט“ און בין אביסעל „שארט“ אין באנק, וויל איך אייך בעטען . . .

— אוודאי געלט — האט קרעננעל אונטער געכאפט — דערמאנט אפילו ניט, אט דאס שטעה איך דא און טראכט וואוהין מען געהט ערגיץ קריגען געלט. ס'איז ביי מיר היינט אויך צרה'דיג.

— א ניין מיסטער קרעננעל — האט רודינסקי גע־זאגט אביסעל ווי פארשעהמט — ניט קיין געלט, איך האב דא א „געפעסטען“ נאוט פאר טויזענד דאלאר, איך קען גלייך קריגען די געלט, נאר אזוי ווי איך האב נאך דערוויילע ניט קיין „רייטינג“ ווילען זיי האבען אן „איג־דארסער“, וויל איך אייך בעטען איהר זאלט מיר דעם נאוט אונטערשרייבען און אויב איהר דארפט געלט וועל איך אייך קענען געבען א פינף הונדערט דאלאר אויף עטליכע טעג, ווייל עס פעהלט מיר דערווייל נאר פינף הונדערט דאלאר.

קרעננעל איז געבליבען שטעהען אין פערלעגענהייט... בטבע איז ער געווען א ווייכער מענש, און ס'איז איהם שווער געווען יענעם צו ענטזאגען.

—איהר וועט חס ושלום דערפון קיין רעה ניט הא־

בען — האט רודינסקי מיט א געקינצעלטען שמייכעל געזאגט — און געקוקט קרענגלען אין די אויגען.

קרענגעל האט בעטראכט רודינסקין און צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ . . .

— „אללרייט" — האט ער מיט אמאל א זאג געטהון, גלייך ווי ער וואלט גובר געווען אן אינערליכע מלחמה — איך ווייס איהר זענט אן ערענטליכער מענש, איך וועל מסתמא פון אייך קיין רעה ניט האבען. אבער, איך וויל איהר זאלט מיר געבען א געגען נאוט פאר דער זעלבער סומע.

— מיט'ן גרעסטען פארגעניגען — האט רודינסקי געזאגט צושאקלענדיג מיט'ן קאפ — ס'איז ניט מעהר ווי רעכט.

קרענגעל האט איהם ארויסגענומען דעם נאוט פון די הענד, האט איהם בעטראכט און אונטערגעשריבען. רודינסקי האט איהם געגעבען א געגען נאוט אויף דער זעלבער סומע און אויף דער זעלבער צייט.

פון קרענגלען איז רודינסקי גלייך אוועק אין באנק, וואו מ'האט איהם דעם נאוט באלד ארייגעשריבען.

געהענדיג פון דער באנק האט ער געטראכט: מען מוז באקומען א „רייטינג."

ער האט זיך דורכגערעדט וועגען דעם מיט קרענגלען, האט איהם קרענגעל ערקלעהרט: אום צו קריגען א „רייטינג", דארף מען אויספילען „סטייטמענטס" צו די „רייטינג" קאמפאנים און זיי צייגען וואס מען פארמאגט. און אזוי ווי ער זעהט אז ער איז א גרינער אין די ביזנעס, זאל ער ארייגקומען צו איהם, וועט ער איהם דעם „סטייטמענט" אויספיהלען.

האט זיך רודינסקי אוועקגעזעצט און אויסגעשטעלט אויף א שטיקעל פאפיער וויפיעל „סטאק“ ער האט, וויפיעל זיין בוך חובות באטרעפט, וויפיעל מזומן ס'איז דא אין באנק. און אנדערע מטלטלים וואס ער פארמאגט. און וויפיעל ער איז שולדיג פאר סחורה, פאר נאוטס, צו דער באנק, ווי אויך אין „קארפאריישאנס“. און האט אוועקגעגעבן קרענגלען.

האט איהם קרענגעל אויסגעשריבען צוויי שעהנע „סטייטמענטס“, און זיי אוועקגעשיקט צו די „רייטינג קאמפאניס.“

קאפיטעל צוויי און צוואנציג

עס פעהלט צו דער מאָס

דער חודש פעוורואל איז געווען א פרעהליכער, די לאחדים'ניקעס האבען זיך אנגעהויבען צו גרייטען מיט זומער סחורה. די מאנופעקטשורערס האבען באקומען פריהלינג באשטעלונגען, זיינען זיי מיט די „סעמפלס" פון איין קלייט צו דער צווייטער ארומגעלאפען. אויך די פעדלערס האבען אויספארקויפט די מיטגענומענע סחורה, און האבען נייע געארדערט.

ביי רודינסקין איז געווארען „ביזי". מ'האט געמאס־טען, געשניטען און געפאקט.

אין באנק איז ביי איהם אויך לעבעדיגער געווארען. אז מען ארדערט נייע סחורה מוז מען באצאהלען פאר דער אלטער.

רודינסקי האט אבגעצאהלט אלע זיינע בילס וואס

זיינען געווען עובר־זמן און ס'איז איהם נאך פארבליבען אביסעל באלאנס אין באנק.

מיט'ן אנקומען פון'ם חודש מארט, איז געווארען א פראגע פון אנפיהלען די ראפטען. אז די פעדלער וועלען קומען פון דער סאוטה אויף יום טוב, זאלען זיי האבען וואס צו קויפען.

האט זיך רודינסקי אוועקגעלאזט צווישען די גרויסע הארטאווניקעס און איינגעקויפט א היבשען „סטאק“, אלעם מיט דער גרויסער מאס. ער האט אויך ניט פארגעסען אין די אקשענס און אין די פריהעריגע פלעצער. ער האט געקויפט וואו עס האט זיך געלאזט, רעכטס און לינקס.

די סחורה וואס ער האט געקויפט האט ער ניט געמאסטען. ניט ס'איז איהם אויפ'ן געדאנק געקומען און ניט ער האט צייט געהאט דערצו. ער האט נאר איבערגענומען די יארדען צו זיי שטימען מיט דעם „ביל“ און האט זיי אריינגעשטעלט אין די ראפטען.

איז דורכגעגאנגען א „סיילסמאן“ פון מוירפים פירמע און געזעהען א שעהנע אויסגעפילטע קראם, האט ער איהם אויך אביסעל סחורה פארקויפט, און האט רעקאמענדירט זיין פירמע מ'זאל איהם די סחורה שיקען.

האט מען איהם געשיקט.

א פאר וואכען פאר פסח, זיינען זיך די פעדלער צונויפגעקומען.

איז ווידער געווארען לעבעדיג. אלע האבען דערצעהלט וואס פאר א גרויסע גליקען זיי האבען געמאכט, האבען געגעבען צוביסליך געלט, און זיך צוגעגרייט מיט נייע פעקלאך אין וועג אריין.

אין יענער צייט האט מען אנגעהויבען ריידען אז אמעריקא מוז אריין אין מלחמה. האבען זיך די פרייזען א שטארקען הויב געטאן. צו קיין רעגעלע שטיקעל סחורה האט מען ניט געקענט צוטרעטען. האט מען געמוזט קוי־פען מן הבא בידו, אלעס וואס ס'איז צו דער האנד גע־קומען.

אויך רודינסקי האט דעם פרייז אויף זיינע סחורות געהויבען. ביי יעדען יארד סחורה וואס ער האט גע־מאסטען האט ער גוט פארדיענט. און דאס הארץ האט ביי איהם געקוואלען, געוואקסען פון פרייד, וואס סוף כל סוף האט ער זיך גענומען צו א גוטע ביזנעס וואס אלעס איז א סחורה. און ועל כולם, וואס ער וועט זיך ניט דארפען דרעהען דעם קאפ מיט צאהלען „בילס" און „נאוטס."

עס זיינען אוועק א פאר וואכען. רודינסקין איז ווי־דער געווארען ענג אין געלט, ער האט ניט געקענט נאכ־קומען זיינע בילס.

האט ער געצווינגען מיט די אקסלען. לויט זיין **חשבון** האט ער זיך שוין איצט ניט באדארפט דרעהען **דעם קאפ.**

אין יענער צייט, זיינען די ארבעטער ארויס אין סטרייק, און האבען געפאדערט העכערע געהאלט: זיי קענען קיין לעבען ניט מאכען.

איז רודינסקיס ארבעטער אויך ארויס אין סטרייק און פערלאנגט אן הוספה.

רודינסקי האט פערשטאנען אז ער האט רעכט, אבער ער האט איהם די הוספה ניט געקענט געבען.

האט ער אויף זיין ארט אן אנדערן צוגענומען.

אין יענעם טאג האט רודינסקי פיער שטיקער סחורה

אריינגעקראגנען, וואס ער האט ביי די ברידער בעלאווסקי געקויפט.

האט דער נייער ארבעטער צעוויקעלט א שטיק סחורה און זיך גענומען איבערמעסטען.

רודינסקי האט פעריבעל געהאט וואס ער נעהמט זיך צו פוסטער ארבעט, און האט איהם אנגעצייגט אז ס'איז דא אויפ'ן שטיק סחורה א רעגעלע טיקעט, און ניט נאר עס קען ניט פעהלען, נאר עס מוז נאך צוקומען דאס ווינציגסטע א האלבער יארד.

— מילא, כ'האב עס שוין צעווארפען וועל איך עס שוין איבערמעסטען — האט דער ארבעטער געזאגט אביסעל פארשעהמט. לאמיר פאר א צעקאווע זעהען וויפיעל עס קומט צו.

— אז דו ווילסט ארבעטען, ארבעט. — האט רודינסקי ניט ווילענדיג צוגעשטימט. — ועמען ארט עס.

האט דער נייער ארבעטער איבערגעמאסטען דאס שטיק סחורה און אויסגעפונען אז עס פעהלט אכט יארד.

רודינסקי האט איהם אנגעקוקט מיט בטול און גע־טראכט : שוין דעם גוטען ארבעטער אריינגעקראגען, א שטיקעל סחורה קען ער ניט איבערמעסטען.

— מעסט איבער נאכאמאל גרינער, וועט צוקומען ניין יארד — האט רודינסקי געזאגט מיט א שמייבעל.

האט דער גרינער נאכאמאל איבערגעמאסטען און ווידער דאס זעלבע.

האט רודינסקי צוגעכאפט ביי איהם דעם יארד און זיך אליין געשטעלט איבערמעסטען.

האט געפעהלט אכט יארד.

א טעות הפנים פון דער מיהל — האָט רודינסקי געשטאמעלט ווי צעמישט.

איך וועל איבערמעסטען נאָך איינס — האָט דער נייער ארבעטער געזאגט מיט נצחון, און זיך גענומען צעוויקלען נאָך א שטיק סחורה.

— מעסט — האָט רודינסקי מסכים געווען ווי א דורכגעפאלענער.

האָט ער איבערגעמאסטען נאָך א שטיק און געפונען ניין יארד ווייניגער.

רודינסקי איז געווארען אויפגעקאכט און האט נעלאזט וויסען וועגען דעם די בעלאוווסקים.

איז דייוו בעלאוווסקי באלד אריבערגעקומען, מיט נאָך א מענשען און מ׳האָט צוגענומען די פיער שטיקער סחורה צו מאכען אויף זיי א „קאמפליין”, און רודינסקין האָט מען אריינגעשיקט אנדערע פיער שטיקער סחורה...

רודינסקי האָט זיך איצט געכאפט איבערמעסטען אייניגע אנדערע שטיקער סחורה וואס זיינען נאָך גאנץ געווען, און האט אויסגעפינען אז צו יעדען שטיקעל סחורה פעהלט. ער האט קיין איין שטיקעל ניט געפינען וואס עס זאל כאָטש א האלבער יארד ניט פעהלען.

ס׳איז איהם געקומען אויפ׳ן געדאנק, אז עס קען מעגליך זיין אז ס׳האָט די גאנצע צייט געפעהלט צו דער מאס, און דאס זאל אפשר זיין די אורזאכע וואס ער קען זיינע בילס ניט נאכקומען...

רודינסקי איז ארומגעגאנגען א צורודערטער, דער געדאנק האָט איהם ווי א ווארים געטאָטשעט.

האָט ער די מעשה קרענגלען דערצעהלט.

האָט זיך קרענגגעל אנגעכאַפּט ביים קאָפּ : „פאר־וואס האָט איהר געלאזט אפּנעהמען די סחורה — גזלן״ ? אזא העכט לאזט מען ארויס פון די הענד ? די מיהל וואלט דאך זיי אין פריזאן געגעבען ! זיי האַבען דאך די מיהל פאר גנבים געמאכט ! איהר וואלט דאך ביי זיי מיט רעכט דאס פערמעגען צונעהמען געקענט ! ווארום ווער ווייסט וויפיעל זיי האבען אייך שוין בעגנב'עט ? זיי זיינען דאך א באנדע רויבער !

— א טעות. — א טעות האָט רודינסקי צוגעגעבען און געשאקעלט מיט'ן קאָפּ... — פערפאלען.

קאפיטעל דריי און צוואנציג

דער חלוק פונ'ם גרויסען ביז'ן קליינעם דזשאבער

פון יענער צייט אן, האָט רודינסקי אנגעהויבען מעסטען יעדער שטיקעל סחורה וואס איז אין קלייט אריינגעקומען, און האט אויסגעפינען אז צו יעדע שטיקעל פעהלט. קיין איין שטיקעל איז ניט געווען וואס עס זאל כאָטש א האלבער יארד ניט פעהלען.

האט רודינסקי זיך באקלאגט.

איז מען געקומען און מ'האָט איבערגעמאסטען.

האבען זיך אנגעהויבען סכסוכים: רודינסקי האָט געמאָסטען, האָט געפעהלט. האָבען די הורטאָווניקעס איבערגעמאסטען און ס'האָט ניט געפעהלט. פון א האלבען יארד פעהלען האבען זיי זיך אויסגעגלאכט: „מען דארף אביסעל אויסציהען די סחורה ווען מען מעסט" — האבען זיי רודינסקין גע'עצה'ט. און אום צו איבערצייגען אז זיי האבען רעכט, האבען זיי איבערגעמאסטען און ס'איז ביי זיי ארויסגעקומען מיט א האלבען אונץ מעהר . . .

רודינסקין איז נמאס געוואָרען זיך באַקלאָגען אַזוי פיעל מאָל און ער האָט ביי זיך געפּועלט, אויף אַ האַלבען יאָרד ניט צו מאַכען קיין שאלות. ער האָט זיך נאָר באַקלאָגט ווען עס האָט אַ יאָרד געפעהלט.

האָט מען געשיקט אַ מענשען איבערמעסטען, האָט ער געפינען אַז עס פעהלט עפּעס ווייניגער פון אַ האַלבען יאָרד און דאָס איז ניט זייער שולד, עס קומט אַזוי פון דער מיהל.

נאָך אַזעלכע סכסוכים, פּלעגט רודינסקי טראַכטען וועגען חלוק פון׳ם קליינעם ביז׳ן גרויסען „דזשאָבער“: דער גרויסער דזשאָבער אַז ער פאַרקויפט „נעט“ מוז זיין „נעט“. זאָל איינער פּרואווען עפּעס אַראָפּנעהמען, ווערט ער ברוגז און וויל איהם מעהר ניט פאַרקויפען. דער קליינער דזשאָבער מעג הונדערט מאָל פאַרקויפען „נעט“, נעהמט מען ערשט ביים בעצאָהלען אַרונטער צוויי פּראָ־צענט. עס העלפט איהם ניט קיינע פּראָטעסטען. דער קונה איז באַקאַנט מיט די אומשטענדען פונ׳ם קליינעם דזשאָבער, ער ווייסט אַז ער איז שטענדיג געענגט אין געלד, און ער וועט דעם טשעק ניט אומקעהרען... פער־בייסט דער קליינער דזשאָבער מיט די ליפּען, שאָקעלט אונטער מיט׳ן קאָפּ, מאַכט זיך אַ שטילע באַמערקונג אויף יענעמס חשבון און דערמיט איז געענדיגט. צוריק שיקען דעם טשעק וועט ער ניט, זיינע ערפאַהרונגען האָבען איהם שוין געלערנט אַז אויב ער וועט איהם צוריק שיקען, וועט איהם יענער אַזוי לאַנג האַלטען, ביז ער וועט איהם מוזען בעטען צוריק ...

אויף אַזאַ׳ן אופן קומט אויס, אַז פון די צעהן פּראָצענט וואָס ער האָט געדענקט צו מאַכען, בלייבט

איהם שוין נאך אכט, און אמאל נאך זיבען. און אזוי ווי די ביזנעס אליין קאסטען איהם זעלם פראצענט און מעהר, נמצא, אויף א לעבען צו מאכען בלייבט איהם ניט . . .

און אזא טבע האט שוין רודינסקי, אז ער נעמט זיך טראכטען — טראכט ער. טראכט ער ווי אזוי דער קליינער דזשאבער מוז זיין ליבעראל און געבען קרעדיט. ער מוז פערמאכען די אויגען און פארקויפען זיין סחורה צו וועמען עס לאזט זיך. ער קען ניט גלויבען, ווייל די גרעסערע קונים וואס טראגען א „רייטינג" וועלען צו איהם ניט קומען קויפען. זיי קענען זייער סחורה בעקומען פון דער ערשטער האנד, גלייך מיט איהם. און צו מאל אויך דארט וואו דער קליינער דזשאבער קען זי ניט באקומען... און אום דאס געשעפט זאל קענען עקזיסטירען, מוז ער טרייבען די ביזנעס, פערקויפען וואו עס לאזט זיך. און אזוי ארום האט זיין בוך, אין בעסטען פאל, מעהר ווי פופציג פראצענט ניט די ווערט.

דאמאלס איז רודינסקי שטארק מקנא דעם גרויסען וואס קויפענדיג זיין סחורה פון דער ערשטער האנד, קען ער קלויבען זיינע קונים. און אויף אזא'ן אופן קען ער זיי סטראכירען, און אויב איינער באנקראטירט, פערליערט ער ניט מעהר פון צוואנציג פראצענט, ווייל אכציג פראצענט קריעגט ער ארויס פון די אינשורענס קאמפאניס.

מעהר פון אלס, איז רודינסקי מקנא דעם גרויסען, וואס ער האט קיינמאל אין געלד ניט קיין מאנגעל. זיינע טוירמס וואס ער בעקומט פון דער מיהל צו באצאהלען פאר דער סחורה, זיינען פיער חדשים און מעהר. פארקויפען, פארקויפט ער אויף דרייסיג און זעכציג טעג.

צו מאל אויך פאר מזומן, אדער אויף א וועקסעל, וואו ער באקומט באלד פאר איהם דאס געלט אין די בענק. נמצא אז ער האט אומזיסטיג געלט אויף צוויי אדער דריי חדשים, האט ער קיינמאל אין געלד קיין מאנגעל, ער קען טראגען א גרויסען באלאנס און זיין קרעדיט דארט וואקסט. ער ווערט אונאפהענגיג, ער באלאנגט צו צוויי און צו דריי בענק און אמאל אויך צו פיער.

מיט'ן קליינעם דזשאבער איז פונקט פארקעהרט: דער קליינער דזשאבער קויפט זיין סחורה אויף דרייסיג אדער זעכציג טעג, פארקויפען מוז ער נאר אויף זעכציג. צאהלען צאהלט מען איהם אין נייציג, נמצא אז אין בעסטען פאל מוז ער באצאהלען פאר זיין סחורה, מיט דרייסיג טעג פריהער, איידער ער קריגט אריין זיין געלט, איז איהם דערפאר שטענדיג ענג אין געלט, קען ער אין באנק קיין באלאנס ניט טראגען, האט שוין די באנק איבער איהם דעם קאנטראל, רעכענט זי איהם שוין פראצענט וויפיעל זי אליין וויל, וויל זי שוין ניט ליידען ער זאל באלאנגען אין נאך א באנק, דרעהט ער זיך שטענדיג דעם קאפ וואו נעמט מען געלט צו צאהלען בילס, לויפט ער שטענדיג ארום נאך גמילת חסדים גוט צו מאבען די טשעקס.

רודינסקי הייבט דאן אן חלומ'ן צו קריגען זיין סחורה פון דער ערשטער האנד, אום פטור צו ווערען פון די גרויסע „זשאבערס", וועלכע נעהמען ביי איהם אוועס די ערשטע צעהן פראצענט פארדינסט, און מאכען פאר איהם אומעגליך צו באקומען דעם בעסערען קונה.

חלומ׳ט ער. און אזוי חלומ׳דיג ענטוויקעלט זיך ביי איהם א געדאנק, ער זאל פאראינטערעסירען די קליינע דזשאבערס, זיי זאלען זיך פערבינדען אלע אין איין קערפערשאפט, און די איינע קערפערשאפט זאל פאר די אלע קליינע דזשאבערס ארהערען סחורה. דאס הייסט צו גרינדען א קאאפעראטיווע געזעלשאפט . . .

קאפּיטעל פיער און צוואנציג

א קאָאפּעראַטיווע געזעלשאַפט

אז רודינסקי נעהמט זיך עפּעס אריין אין מח, איז איהם שווער זיך עס ארויסשלאגען, טראכט ער וועגען דעם. טראכט ביי טאג, טראכט ביי נאכט. אט געפעהלט איהם יא דער פּלאן, אט געפעהלט ער איהם ניט. היינט איז ער דאפיר און מאָרגען דאגעגען.

איינמאָל, דאָס איז געווען „דעקאָרייישאן דעי". די בענק זיינען געווען פארמאכט. קיין קונים האָבען זיך אין יענעם טאג אויך ניט געדרעהט. די פּאָר „קונים" וואס זיינען יא אריינגעקומען, האט זיי דער ארבעטער אליין געקענט בעדיענען.

האט זיך דרודינסקי פארמאכט אין קאנטאר און האט אויסגעארבעט א פּלאן:

1) מ'זאל גרינדען א קאָאפּעראטיווע געזעלשאַפט פון אלע קליינע דזשאבערס מיט א סומע פון הונדערט טויזענד דאָלאר.

2) די הונדערט טויזענד דאלאר, זאלען פערקויפט ווערען אין שעהרס צווישען די מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט.

3) די שעהר האלדערס זאלען ערוועהלען א באַרד פון דריי, וועלכע זאלען האבען דעם קאנטראל.

4) די באארד זאל אנשטעלען א פעהיגען מענעדזשער צו פארוואלטען דאס געשעפט.

5) אלע שעהרהאלדערס זאלען בעשטעלען זייער סחורה ביי דעם מענעדזשער.

6) די קאאָפּעראטיווע זאל פון אלע באשטעלונגען מאכען איין ארדער ביי דער ערשטער האנד, פאר מזומן. און די סחורה צושיקען צו די וואס האבען זי געארדערט, מיט א פערדינסט פון זעקס פראָצענט.

7) יעדער דזשאבער זאל בעצאהלען פאר זיין סחורה מיט א פיער מאנאטליכען נאוט.

8) די קאאפעראטיווע זאל עפענען א באנק אקאונט און אלע נאוטס פערוואנדלען אין מזומן.

9) דער גאנצער „פארדינסט" נאך די הוצאות, זאל אלע יאהר צוטהיילט ווערען צווישען די שעהר־האלדערס.

פארטיג געווארען מיט די ניין פונקטען, האָט ער זיי פארזיכטיג דורכגעקוקט און איז געווארען פאר זיי שטארק בעגייסטערט. ער איז געוועזן זיכער אז אלע וועלען זיך אין דעם פלאן אנכאפען: ערשטענס, אנשטאט צו צאהלען דעם „גרויסען" צעהן פראָצענט פערדינסט, וועלען זיי צאהלען דער קאאפעראטיווע נאר זעקס. און די זעקס וועלען אויך צו זיי בעלאנגען. צווייטענס, וועלען זיי האבען פיער חדשים צייט זייערע בילס צו באצאהלען און וועלען ניט האבען קיין מאנגעל אין געלט.

דריטענס, וועט די קאאפעראטיווע קויפען אין גרויסע קוואנטיטעטען, און זיי וועלען האבען סחורה ביליגער אפילו פון די „גרויסע", און וועלען זיי קענען קאנקורירען, ווייל די קליינע דזשאבערס האבען ווייניג אנגעשטעלטע, און צאהלען אויך קליינע רענט. פערטענס, וועט די קאאפעראטיווע קענען באשטעלען גרויסע ארדערס וועלען זיך אלע אנשלאגען איהר צו פארקויפען אפילו אויף גרויסע „טוירמ'ס", וויסענדיג אז זי איז געזיכערט איהר סחורה צו פארקויפען, האבענדיג אונטער זיך א גרויסע צאהל קלייטען.

רודינסקי האט אין דעם פלאן געזעהען אן ערלעזער. אן ערלעזער וואס וועט איהם בעפרייען פון'ם גרויסען דזשאבער, און פון'ם שטענדיגען קאפ דרעהעניש. און ער איז מעהר ווי זיכער געווען אז אלע דזשאבערס וועלען איהם אזוי בעטראכטען, און וועלען זיך אין איהם גלייך אנכאפען.

בטבע איז רודינסקי געווען אן אפלעגער: ער האט ליעב געהאט אפלעגען: זאל זיין מארגען, איבערמארגען, עס רעגענט ניט, מען דארף זיך פריער בעטראכטען. איבערדענקען. זאגאר אין באנק אריין האט ער זיך ניט געאיילט, איז שטענדיג געווען דער לעצטער צו מאכען זיין דעפאזיט און האט אפט מאל דערפאר שטארק געליטען און גרויסע צרות געהאט פון די באנק אנגעשטעלטע ווייל זיי פלעגען זיין „דעפאזיט" פארשרייבען מיט'ן מארגענדיגען דאטום, און זיינע טשעקס פלעגען אפט מאל זיך אומקעהרען צוריק, מיט דער בעמערקונג: „נאט סאפישענט פאנדס..." כאטש דאס געלד איז שוין געווען אין

באנק. נאר דער בוכהאלטער האט דערפון ניט געוואוסט אדער ער האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג . . .

זיינען אזוי אוועק א פאר טעג.

רודינסקי האָט געטראכט און געטראכט און ווידער געטראכט, און פעסט באשלאסען אז דער פלאן איז א גוטער, און מען דארף איהם פארווירקליכען.

דאס ערשטע איז ער אוועק צו קרענגלען. ווען ער זאל געווינען קרענגלען — האט ער געטראכט — אויף זיין זייט, וואלט שוין געווען א האלבער געווינס. קרענגעל איז דער גרעסטער דזשאבער צווישען די קלענסטע, און איז אנגענומען פאר אן ארענטליכען מאן. ער איז א בעטראכטער מענש און נעהמט אלעם ערנסט. אויף איהם וועלען אלע לעגען גרויס געוויכט.

אריינקומענדיג צו קרענגלען, האט ער איהם געטראפען זיצען מיט ביידע פיס אויפ׳ן שרייב טיש, לעזען א צייטונג.

קרענגעל האט איהם געבעטען זיצען און געפרעגט וואס ער קען פאר איהם טהון.

האט איהם רודינסקי דערלאנגט זיין אויפגעשריבענעם פלאן.

קרענגעל האט איהם אויפמערקזאם איבער געלעהנט, האט א קאלטען שמייכעל געטהון און געזאגט: „עס טויג ניט.”

— פארוואס? — האט איהם רודינסקי געפרעגט מיט פארוואונדערונג.

— איבער א סך שטערונגען — האט קרענגעל געענטפערט — ערשטען, זאלט איהר וויסען זיין, אז דער קליינער דזשאבער מאכט א לעבען נאר פון קאנקורענץ.

ער כאפט אמאל ערגעץ א מציאה׳לע אזוינס וואס דער שכן האט ניט און קאנקורירט איהם. צווייטענס, דארפט איהר ניט פארגעסען, אז די גרעסטע צאהל קליינע דזשאבערס האבען ניט קיין צו גרויסע קאפיטאלען. ניינציג פראצענט פון די קליינע דזשאבערס האבען גאר קיין קאפיטאל ניט. און זיי לעבען נאר אין זכות פון׳ם ביסעל קרעדיט וואס זיי קריגען פון פערשיעדענע הייזער: קרעדיט צו וועלכען זיי זיינען ניט בארעכטיגט. זיי קריגען איהם נאר דערפאר וואס איינער קוקט אויפ׳ן צווייטען און נעהמט א „טשענס" מיט עטליכע דאלאר. און א קאאפעראטיווע געזעלשאפט, וועט זיי מוזען געבען דעם נאנצען קרעדיט וואס זיי קריגען פון אלע „טשענסעס" נעהמער . . . . און ווער וועט גאראנטירען זייער קרעדיט? אמת איך גיב צו אז דער פלאן איז א גוטער, ער קען ברענגען גרויסע נוצען, אבער ווען? — ווען אלע זאלען זיין עהרליכע מענשען, זיינען דאך אבער ליידער דא מענשען וואס האבען ליעב צו לעבען אויף יענעם׳ס חשבון און איהר דארפט ניט פארגעסען אז איין באנקראט אזעלבער, קען מאכען א חורבן אין אלע פערדינסטען . . . .

רודינסקי איז געזעסען און געקוקט אויף קרענגלען, ער האט געביסען די אונטערשטע ליפ, און זיך איינגעהערט אין זיינע רייד. ער האט זיך אליין צוגעגעבען אז קרענגעל האט רעכט. לויט דעם כאראקטער ווי די קליינע דזשאבערס פיהרען אן זייערע ביזנעס, איז אזא פעראייניגונג אומעגליך. . .

קאפיטעל פינף און צוואנציג

אין פעראיין

די גייסטיגע חיונה, מיט וואס רודייסקי האט זיך געשפייזט, איז געווען זיין פעראיין, אין וועלכען ער איז געווען איינער פון די ערשטע גרינדער.

איינמאל אין צוויי וואכען האט ער געמוזט צו א מיטינג געהען. דארט, ביים מיטינג, האט ער זיך געפיהלט ווי א פיש אין וואסער. ער האט זיך שטארק ליב געהאט צו קהל'ן און נעהמען אווארט אין יעדער דעבאטע. און שטענדיג איז ער געווען אויף דער זייט פון נצרך. האט זיך איינער געמאלדען קראנק: האט רודינסקי דער ערשטער א געשריי געטהון: „אויסצאהלען“! האט זיך איינער געמאלדען נאך שטיצע: א פערד איז איהם געפגר'ט, אדער דער וואגען האט זיך איהם צעבראכען, האט רודינסקי שוין „געקעמפט“ אז יענער זאל געהאלפען ווערען און טאקע מיט דער פולער מאס.

און אז רודינסקי האט גענומען „קעמפּען“, האט ער אימער „אויסגעקעמפּט.“ שטענדיג האט ער געהאט די גרעסערע צאהל אויף זיין זייט. אלע האבען איהם גע־קענט פאר א „גוט־באַי“, פאר א מענשען אָהן א גאל: וואס זידעלט ניט און באליידיגט ניט. דאס שטארקסטע זידעל ווארט זיינס איז געווען ווען ער האט יענעם גע־זאגט — „פויער“. אי דאס האט ער עס געזאגט מיט א שמייכעל אז יענער האט אין דעם זאג קיין שום באליי־דיגונג ניט געפיהלט.

האט זיך רודינסקי דערפאר דערווארבען א סך פריינד. אלע זיינען געווען צו איהם ווי צוגעקלעפּט. און דערפאר, אז ס'איז געקומען צו „עלעקשאן“, האט רודינסקיס נאמען געשוועבט אין דער לופט. פאר אלע עמטער האָט מען איהם פארגעשלאגען: פאר פּרעזידענט, וויס־פּרעזידענט, סעקרעטער, טרעזשורער און אפילו פאר „אינער — און אויסער — וואכע“. און אזוי ווי רודינסקי האט שוין געוואוסט אז מ'וועט איהם צו יעדען אמט נאמינירען האט ער שוין ניט געווארט ביז אנדערע וועלען עס טהון און ער האט זיך אליין נאמינירט . . .

די ענדע איז געווען אז רודינסקי האט זיך שוין פון קיין אמט ניט אויסגעדרעהט, אלע האבען זיך ענטזאגט אין זיין „פייוואר“ און ער איז ביים אמט געבליבען.

אוועקגעהענדיג פון מיטינג, האָט זיך ביי רודינסקי'ן די שטימונג געביטען. א טרויער האט זיך באַזעצט אין זיין נשמה. עס איז איהם געקומען אויפ'ן געדאנק אז ער האנדעלט ניט ריכטיג. ס'איז ניט עדעל פון זיין זייט צו לאָזען דינה'ן מיט דריי קליינע קינדער זיך מוטשען

דאָרט אין דערהיים און אליין זיצען אין פעראיין און פארברייגען צווישען פריינד.

אזוי האט רודינסקי געטראכט און זיין געוויסען האט איהם אנגעהויבען פלאגען; כאָטש דינה האט איהם קיינמאל קיין פארווירפע ניט געמאכט. זי האט געוואוסט אז דער פעראיין איז זיין גאנצער גייסטיגער פארגעניגען וואס ער האט, געגען אזוי פיעל צרות וואס ער האט פאר זיך אויסצושטעהען. און א סך מאל פלעגט זי איהם גאר דערמאנען געהען צום מיטינג.

קומענדיג אהיים, פלעגט ער טרעפען די קינדער שלאפען, דינה איז געזעסען ביים פענסטער און געדריימעלט.

רודינסקי האט זיך געפיהלט קליינליך און שולדיג און ער האט אנגעהויבען האלב פארשעהמט צו געפינען אויף זיך א זכות.

—פארשטעהסטו מיך דינה — האט ער אנגעהויבען מיט א מינע ווי ער וואלט וועלען ביי איהר אביסעל מיטלייד צו זיך דערוועקען. — פארשטעהסטו מיך: כ'האב היינט געמוזט געהען אין פעראיין; געדיינקט דארט קריגען א גמילת חסדל ביי א גוטען ברודער. כ'האב אזוי פיעל בילס צו צאהלען אז די האָר זיינען ניט מיינע. און דו קענסט דאָך מיינע קרעדיטארען: אזוי זיינען זיי בלומר'שט צו מיר גוטע פריינד, נאר אז איך דארף זיי צאהלען א ביל מארגען, לאזען זיי מיר וויסען מיט צוויי טעג פריהער . . . נו האב איך גראדע דעם מאן ניט געטראפען. האב איך געווארט. און זיך ניט געקענט דערווארטען.

אזוי האט געזאגט רודינסקי מיט הכנעה און געקוקט אויף דינה'ן ווי א פארשולדיגטער. און ס'האט זיך איהם אויסגעדאכט אז א אומצופרידענער פארדאכט האט זיך אין איהר באזעצט.

האט ער ווידער גערעדט מיט התנצלות:

„בכלל ווייסטו דאך, דינה, אז דער פעראיין איז ביי מיר דער איינציגער גייסטיגער פארגעניגען וואס איך האב אין מיין איצטיגען לעבען. אין פעראיין זעה איך ניט די שטעכיגע אויגען פון דער ביזנעס וועלט וואס קוקען אי־מער מיט חשד . . . אלע קוקען דארט צו מיר ליבליך און פריינדליך. כמעט אלע זיינען לאנדסלייט. היימישע חברים וואס האב מיט זיי אין איין חדר געלערענט. זיי זאגען מיר „דו“, און איך שמעלץ זיך אין נחת. איך ווער פרעהלאך, מונטער, איך פארגעס אז איך האב „טשעקס“ גוטצומאכען. עס צייגט זיך מיר אוים אז איך בין נאך דער זעלבער זארגלאזער שטיפער ווי אמאל. מיר פלאפ־לען דארט פון היימישע ענינים. מיר דערמאנען זיך פון „חטאות נעורים“, ווי גליקליך מיר זיינען אמאל געווען: קיינע „בילס“, קיינע „נאוטס“, קיינע ביינק; מיר פלע־גען צוזאמען ארומלויפען איבער די גרינע פעלדער און זיך אפשפיעלען דארט די טעג.

„און אפילו ביים מיטינג אליין פיהל איך זיך עפעס אנאנדער מענש. איך ווער דארט ניט געשאצט נאך מיינע קליידער. מען קוקט דארט ניט אויף מיין אידישער נאז. איך האב דארט מיין אידישע סביבה. איך דארף ניט זיין קיין גרויסער בעל־דברן. עיקר מען דארף זיין א מענש מיט א גוט הארץ. מיטפיהלען יענעם'ס קרעכץ. און וואס זאל איך פאר דיר לייקענען, דינה, עפעס אז איך קום אין

פעראַיין דערמאַן איך זיך אין צייטען ווען איך האָב גע־לעבט גליקליך און צופרידען, אין צייטען ווען איך האָב געלעבט א שעהנערען, העכערען און גייסטיגערען לעבען. איך ליב דעם פעראַיין, איך האָב הנאה פון איהם, איך פיהל נאר שלעכט וואס דו בלייבסט דאָ מיט די קינדער און קענסט מיין פארגעניגען ניט מיטטהיילען.

— עפּעס פארענטפערסטו זיך היינט פאר מיר גלייך ווי איך וואלט דיר געשטערט געהן צו א מיטינג! פאר־קעהרט: איך בין באמת צופריעדען וואס כאָטש דו קענסט זיך אמאל ארויסרייסען פון דער וואך אפּפרישען דאס לעבען; אבער איך לעב מיט בטחון אז גאָט וועט העלפען די צייט וועט זיך פארבעסערען און מיר וועלען קענען צונעהמען א „מענשען" וועל איך דאמאלס אויך מיט דיר מיטגעהען.

אזוי האט געזאגט דינה — און געקוקט צו איהם מיט ליבע און פארגעבונג.

אבער רודינסקי האט זיך פארט ניט געפיהלט גוט; עפּעס האט ער זיך געפיהלט שולדיג און געזוכט זיין שולד צו רעכטפערטיגען.

האט ער ווידער גערעדט:

„און איך מוז דיר זאגען, דינה, אז נאך מיין מיינונג נאך, איז דער פעראַיין סתם א נויטוועדיגע זאך. דער פעראַיין איז אונזער גייסטיגער צענטער, וואו מיר לעבען אוים אונזער געזעלשאפטליך לעבען. נאכאלעמען טהוען מיר דאך אויף מיט אונזער פינאנציעלער שטיצע א סך גוטע זאכען: מיר העלפען א מענשען אין א נויט; מיר רעטען א סך לעבענס פון דער ווייסער פּעסט; מיר שטע־לען אויף צוריק געפאלענע פריינד; מיר שטיצען שטאד־

טישע אינסטיטוציעס: בית יתומים׳ס, מושב זקנים׳ס, תלמוד תורות, פאלק־שולן, האספיטעלער, און וועלכע אינ־סטיטוציעס שטיצען מיר ניט? ס׳איז דאך כמעט נאך קיין איין אינסטיטוציע פון אונז ניט אוועקגעגאנגען וואס מיר זאלען זי ניט שטיצען! פארשטעהסט? דאס הייסט דאך געארבייט פאר דער „קאמיוניטי,“ פארן כלל, פאר דער מענשהייט!

אזוי האט זיך רודינסקי אליין פארטהיידיגט און דער־פיהלט עפעס א לייכטערונג אויפ׳ן הארצען, געגען דער אומגערעכטיגקייט וואס ער באגעהט געגען דינה׳ן.

קאפיטעל זעקס און צוואנציג

„סטאק''

אין אנפאנג פון חודש יוני, האט רודינסקי דערהאל־טען געדרוקטע „סטייטמענטס", פון דער באנק און פון די „רייטינג" קאמפאניס, מיט צוגעלעגטע ידידי בריוועלעך, וואו מ'האט איהם העפליך געבעטען ער זאל זיי אויספי־לען מיט די ציפערן פון זיין לעצטער „אינוועטארי."

האט זיך רודינסקי אוועקגעזעצט און אויסגעפילט די „סטייטמענטס", און אנגעוויזען, אז פון לעצטען סטאק נעהמען, ביז איצט, האט ער אבגעשפארט ריינעם פאר־דינסט, פינף טויזענט דאלאר. און אט די „סטייט־מענטס" דורך פאסט צושיקט.

זיין חשבון איז געווען א גוטער: אז ער וועט אנ־ווייזען אז ער פארמאגט מעהר, וועט ער קענען קריגען א „רייטינג", און אז ער וועט האבען א „רייטינג", וועט ער קענען פאהרען קיין ניויארק וואו ער דענקט צו קענען קריגען סחורה ביליגער.

עטליכע טעג נאכדעם, וואס רודינסקי האט די „סטייטמענטס" ארויסגעשיקט, איז איהם געקומען אויפ'ן זינען, אז ער וואלט באדארפט אמאל „נעהמען סטאק" פאר זיך אליין, און וויסען אויף אן אמת'ן וואס ער פארמאגט.

קיין גרינגע ארבייט איז עס פאר איהם ניט געווען. האט ער עס דערווייל אבגעלעגט אויף שפעטער, אויף מארגען און פון מארגען אויף איבערמארגען.

איינמאל, ווען ס'איז קיינער אין קלייט ניט געווען, און אויפ'ן הארצען האט איהם שטארק גענודיעט, האט ער זיך מיט אמאל אכאפגעטהון מעסטען די סחורה.

א פאר טעג האט ביי איהם געדויערט איבערמעסטען דעם גאנצען „סטאק". דערנאך האט ער זיך אוועקגעזעצט אין קאנטאר, צוגעשלאסען די טהיר, און אויסגערעכענט וויפיעל מ'איז איהם שולדיג, וויפיעל ער איז יענעם שולדיג, און —

ער האט אויסגעפונען, אז ער איז דארונטער מיט איבער פינף טויזענד דאלאר.

האט רודינסקי ניט געגלויבט און געטראכט, געווים א טעות.

האט ער נאכאמאל איבערגערעכענט, און ווידער דאס זעלבע.

האט ער גע'בטל'ט חלומות: נאכ'ן חשבון נאך ווייסט ער, זינט ער איז אריין אין ביזנעס, האט ער הונדערט און פופציג טויזענד דאלאר געלייזט. דורכשניטליך מאכט ער צעהן פראצענט. — זאל זיין אכט, זאל זיין זיבען, איז אויך צעהן טויזענד דאלאר. לויט זיין בוך האט ער געהאט אויסגאבע, ארום און ארום, זעקס טוי-

זענד דאלאר. דארף בלייבען פיער טויזענד, זאל זיין דריי טויזענד — אבער וויפיעל ער האט פארדיענט האט ער דאָך נים פארלעבט!

האט ער נאכאמאל גענומען „סטאק", און מיט נער־וועזע פארזיכטיגקייט איבערגעמאסטען יעדעס שטיקעל סחורה. איבערגערעכענט די אויסגאבע מיט דער איינאַמע, וויפיעל מ'איז איהם שולדיג, וויפיעל ער איז יענעם שולדיג און —

עס פעהלט פינף טויזענד דאָלאר.

וואס זאל ער טהון? דער'הרג'ענען זיך קען ער נים. פערפאלען. ער איז דארונטער מיט פינף טויזענד דאלאר. אלעס וואס איהם האט געשראקען איז דאס וואס ער האט ארויסגעשיקט „סטייטמענטס". אויב ער וועט מוזען באנקראָטירען, וועט מען דאָך פון איהם פערלאנגען דין וחשבון!

ביי דעם געדאנק אז ער וועט מוזען באנקראטירען, האט איהם דאס בלוט א זעצגעטהון אין פנים. ער האט זיך פארשעהמט פאר זיך אליין.

ער האט א כאפ געטהון די פאפיערען מיט די חשבונות, פון'ם גענומענעם „סטאק". און האט זיי בע־האלטען אין א פארשטעלט ארט, גלייך ווי ער וואלט מורא געהאט אימיצער זאל זיי נים קומען זוכען . . . .

ער האט זיך אויפגעשטעלט, אבגעווישט פון זיך דעם שוויים, אנגעהויבען שפאנען הין און צוריק. און גענומען ערשט ריכטיג בעגרייפען וואס ער האט דאָ אבגעטהון. ער האט אליין נים געקענט פארשטעהען ווי אזוי ער איז געווען אזוי אומפארזיכטיג און ארויסגעשיקט „סטייט־מענטס" נים נעהמענדיג פריהער קיין „סטאק."

אבער פערפאלען, צוריק כאפּען קען מען נים, די „סטייטמענטס" זיינען ארויסגעשיקט געווארען.

רודינסקי האט געפיהלט שלעכט, ער איז געווען צע־טומעלט. וועגען באנקראטירען, איז קיין ריידע ניט, ווען ער זאל שוין אפילו וועלען.

אין יענעם טאג האט רודינסקי גאר ניט געטראכט. ער האט ניט געהאט וואס צו טראכטען. ער האט פאר זיך קיין שום וועג ניט געזעהען.

ווען ער איז אהיימגעקומען, איז איהם דאס פּנים גע־ווען פֿארענדערט. ער האט צו קיינעם אווארט ניט אויס־גערעדט. דינה האט אין זיינע בליקען איבערגעלייענט אז, עפּעס א שווערקייט פּרעסט איהם ביי דער נשמה, האט זי זיך צו איהם צוגעזעצט ער זאל איהר זאגען וואס מיט איהם קומט פאר.

האט ער איהר דערצעהלט.

האט זי זיך פון איהם אויסגעלאכט: זי האט איהם באמערקט, אז די לעצטע צייט איז ער געווארען שטארק נערוועז, און איהר מאמע האט איהר געזאגט, אז די טבע פון נערוועזע מענשען איז, צו זעהען אלעס שווארצער ווי אין דער ווירקליכקייט, זיי שרעקען זיך פאר זייער אייגע־נעם שאטען. ס'איז ניט געפעהרליך, גאָט וועט העלפען. זיי האבען שוין ערגערע צייטען דורכגעלעבט, וועלען זיי דאך אויך דורכלעבען.

זי האט איהם געמאכט א פארשלאג, אז נאכ'ן עסען זאלען זיי געהן אין א „מואווי" וואו ער וועט אביסעל פארגעסען אין די ביזנעס און זיך בארוהיגען די נערוועז. זי האט איהם פארזיכערט אז מארגען וועט ער פיהלען בעסער און וועט זעהן אלעס אין אן אנדער ליכט.

רודינסקי האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאָפּ און גע־טראכט אז זי בעגרייפט ניט די לאגע.

אין דערפריה, האט רודינסקי באשלאסען, אז וואס עס זאל מיט איהם ניט פּאסירען, וועט ער ניט באנקראַ־טירען: ניט ער וויל און ניט ער טאר. ער וועט ווידער דרעהען דאס ריידעל. כל זמן מ'איז ניט געשטארבען, קען גאָט העלפען. ער וועט מוזען שווערער ארבייטען און אפּמאכען דאס פארלוירענע. ער פארשטעהט שוין איצט מעהר די ביזנעס ווי פריער.

עס איז איהם געקומען אויפ'ן געדאנק אז עס קען זיין אז דער גאנצער לאָך נעהמט זיך דערפון וואס ער האט די גאנצע צייט די סחורה ניט געמאסטען . . . . . נאר פערפאלען, אויף ווייטער וועט ער שוין מעהר שכל האבען.

שפּעטער, האָט ער זיך געדענקט, אז „סטייטמענטס" וואלט ער סאי ווי באדארפט, און געמוזט שיקען. ווייל באנקראטירען וויל ער ניט. און ווען ער וואלט ניט שי־קען קיין „סטייטמענטס", וואלט דאך געהייסען אז ער האט זיך ענטזאגט צו געבען א „סטייטמענט", וואלט מען זיך דאָך גלייך געכאפּט אז עפּעס איז ניט גלאטיג; וואלט מען דאָך אויפגעהערט שיקען סחורה, די מכה וואלט זיך ענטדעקט, און דאס ריידעל וואלט זיך אבגעשטעלט.

און אויב איך וואלט סיי ווי געמוזט שיקען א „סטייטמענט", וואלט איך דאָך סיי ווי דארט געמוזט שרייבען אז איך האב געשפּארט געלט; אז מ'איז דארונ־טער קען מען דאָך אין „סטייטמענט" ניט שרייבען?!

דער געדאנק אז ער וואלט סיי ווי געמוזט דעם

סטייטמענט שיקען, האט איהם כמעט איינגאנצען בארו־היגט.

איין זאך וואס ער האט נאר ניט פערשטאנען: וואו אזוי וועט ער איצט דרעהען דאס ריידעל מיט א לאך פון פינף טויזענד דאלאר? ער וועט דאך מוזען ווערען נאך „סלאוער” אין מארקעט. די קרעדיטארס וועלען דאך דערשמעקען.

שפעטער, האט ער די שאלה אליין פארענטפערט:

— וואס הייסט? די פינף טויזענד דאלאר פעהלען מיר דאך ניט פון איצט! זיי פעהלען דאך פון פריהער, איז ווי איך האב ביז איצט געדרעהט, וועל איך ווייטער אויך דרעהען . . .

קאפיטעל זיבעץ און צוואנציג

זומער פלעצער.

דער זומער האט זיך צושפיעלט.

א כוואליע פון היץ האט זיך איבער׳ן לאנד פארשפרייט. איין טאג איז שרעקליכער פון׳ם צווייטען געווען. דער טערמאמעטאָר האט זיך צו דער הויך פון הונדערט גראד דערהויבען.

האבען זיך די רייכע דערשראקען און זיך געלאפען אויסבעהאלטען אין די זומער פלעצער.

זיינען צעהנדליגער מענשען צום טויט געפאלען:

און דער אכזריות׳דיגער וועטער־נביא, האט נאך זאלץ אויף די וואונדען געשיט און געסטראשעט מיט גרעסערע היצען.

האט די זון אויסגעלאזט איהר גליענדיגען צארן צו די ארימע.

כמעט אלע „דזשאבערס" פון דער „פיפטער" האבען זייערע פאמיליעס אוועקגעשיקט.

געבליבען אין דער היים איז נאר די פאמיליע רו־
דינסקי.

איז איהם געוואָרען שלעכט: אוועקשיקען די פא־
מיליע, שמעקט מיט געלט. אכט טאג אויסצוהאלטען א
פאמיליע אין א זומער פלאץ, קאסט הונדערט דאלאר.
דער קאפ איז אזוי אויך פארדרעהט. ניט פאהרען —
האט ער מורא אין דער ביזנעס־וועלט קען עס אויסגע־
טייטשט ווערען צו שלעכטען . . .

האט ער געטראכט, געטראכט, און ווידער געטראכט.
און ניט געקענט זיך באשליסען וואס צו טהון.

איינמאל, ווען ער איז פארנאכט אהיים געקומען
האט ער געטראפען דינה'ן ליגען אויף דער ערד, אבגע־
שוואכט, און ארום איהר די קינדערלעך.

ס'האט איהם פארקלעמט ביים הארצען.

ווען דינה האט זיך גענומען גרייטען צו טיש, זאגט
ער צו איהר:

— הערסט דינה וואס איך וועל דיר זאגען: איך
דענק אייך אוועקשיקען אויף א פאר וואכען צום ים.

דינה האט איהם אנגעקוקט מיט פארוואונדערונג.

— וואס קוקסטו מיך אזוי אן? איך מיין עס גאנץ
ערנסט.

— וואס זשע, ביזט רייך געוואָרען?

— אלץ איין קבצן, דינה, דער קאפ דרעהט זיך אזוי
פיעל, וועט ער זיך דרעהען נאך אביסעל.

— צוליעב מיר דארפסטו זיך ניט אנשטרענגען,
מיר איז גרינגער פאר דיר, פאהר דו מיט די קינדער.

— איך פאהרען? ניין, איך קען ניט, איך מוז
דרעהען דאס ריידעל, עס זאל זיך ניט אבשטעלען. מיט

געלט־זאכען קען מען זיך אויף קיין ארבעטער ניט פאר־לאזען.

— וואש זיך דערווייל אפ דאס פנים מיט קאלטע וואסער און געה עסען, מיר וועלען זיך נאך וועגען דעם באדענקען.

רודינסקי האט זיך אפגעוואשען און זיך געזעצט צום טיש.

ער האט ניט געקענט עסען.

— פארוואס עסטו ניט ?

— איך וויים אליין ניט פארוואס. עפעס עסט זיך ניט, הפנים איבער דער היץ.

ער האט זיך אויפגעהויבען פון'ם טיש און זיך אוועק־געלעגט אויף דער סאפע.

— וואס האסטו זיך אוועקגעלעגט ? וועסט נאך אנשלאפען ווערען, און ביינאכט ניט קענען שלאפען.

— איך וויל זיך נאר אביסעל אויסרועז, עפעס בין איך היינט מיעדער ווי שטענדיג.

ער האט אנגעהויבען איינדרימלען.

— דינה האט איהם געוועקט :

— בענזשעמין, בענזשעמין, געה ארויף, טהו זיך בעסער אויס, וועסט אזוי צושמאלצען ווערען, מיר געהען באלד אויך ארויף.

רודינסקי האט זיך פארשלאפען ארויפגעדראפעט צום שלאף צימער.

די היץ איז ביינאכט געווען אונערטרעגליך. רו־דינסקי האט זיך געדרעהט אויף אלע זייטען.

דינה האט געהערט ווי ער דרעהט זיך. זי איז גע־לעגען אונבעוועגליך אום ער זאל מיינען אז זי שלאפט.

רודינסקי האט א קוק געטהון צו דינה'ן און האט ביי דער שיין פון דער לבנה באמערקט אז זי האלט די אויגען אפען.

— שלאפסט, דינה?

— ניין.

— הײם.

— יא.

— מארגען פאהרט איהר קיין ווײלדוואוד.

— אהן דיר פאהר איך ניט.

— איך וועל קומען זונטאג. בעפאר זונטאג איז ניט מעגליך. איך וועל זעהן, אפשר וועל איך קענען איינארדענען איך זאל דארט קענען בלייבען אויף א פאאר טעג.

— גוט.

די נאכט איז שוין געווען א צודרעהטע. דינה האט נע'חלום'ט פון ים, און רודינסקי פון געלט.

אין דער פריה איז דינה געווארען באשעפטיגט, זי האט זיך אנגעהויבען פאקען אין וועג אריין.

ווען רודינסקי איז פארנאכט אהיים געקומען האט ער שוין געפונען דינה'ן פארטיג צו דער רייזע. האט ער צונערופען א „טעקסי", אריינגעפאקט אהין די זאכען, ארויפגעזעצט דינה'ן מיט די קינדער, און האט זיי באַגלייט צו דער סטאנציע.

— קום כאטש אויף שבת — האט דינה זיך ביי איהם געבעטען.

— איך וועל אנווענדען אלע מעגליכקייטען, אבער איך ווייס ניט אויף זיכער צו איך וועל קענען אויספיהרען. אויב יא וועל איך דיר שרייבען. אויב איך

וועל ניט קענען קומען פריהער, וועל איך זונטאג, מיט דער ערשטער „טריין" קומען.

רודינסקי האט ניט געשריבען.

זונטאג אין דער פריה, איז דינה אויפגעשטאנען פריהער ווי געוועהנליך, האט אויסגעפוצט די קינדערלאך, און איז אוועק צו דער „טריין" רודינסקי'ן מקבל פנים זיין.

רודינסקי האט זי כמעט ניט דערקענט: זי איז געוועזן פרעהליך, מונטער, מיט אן אבגעברענטען פנים וואס האט זיך געראַ׳עלט. זי האט איהם דערמאָהנט אן די יאָהרען פון פאר דער חתונה.

אריינגעהענדיג אין האָטעל, האט דינה זיך גע־פיהלט גליקליך. די אנדערע פרויען וואס זיינען גע־זעסען אויפ'ן „פאָרטש", האבען איהר מקנא געוועזן, וואס צו איהר איז איהר מאן יא געקומען.

— קודם כל וועלען מיר זיך געהן באדען — האט רודינסקי צו איהר געזאגט — מען דארף פון זיך אראפ־ווארפען דעם שטאדטישען שמוץ. און אויב דו ווילסט, וועלען מיר געהן צוזאמען, וועט זיין פרעהליכער.

— גוט — האט דינה צופרידען געענטפערט — וועלען מיר עבען געשמאקער.

זי האט איהם ארויפגעפיהרט צו זיך אין צימער, צוזאמען מיט די קינדערלאך. זי האט פריהער אנגע־טהון די קינדערלאך אין די „ביידינג סוטס", זיי ארויס־געשיקט ווארטען אויף דער וועראנדע; דערנאך האבען זיי זיך אויך אנגעטהון אין די „ביידינג־סוטס" און צו־זאמען מיט די קינדערלאך זיינען זיי אוועק צום ים.

דער טאָג איז געווען זעהר א הייסער, דער ים איז געווען שווארץ פון מענשען; מ'האָט זיך געשפריצט, געטונקען, געשוואומען און געליארעמט. האלב נאקעטע מיידלאך מיט בחורים זיינען געליגען אין קופּעס און זיך געגראבען אין זאמד. אייניגע זיינען גלאט אזוי געלעגען האלב נאקעטע אנגעשפּארט איינע אויפ'ן צווייטען און גע'חלומ'ט.

רודינסקי האָט זיך אויך אוועקגעלעגט אויפ'ן זאמד, נענען דער זון, דינה לעבען איהם.

די קינדערלאך האבען זיי מיט זאמד פארשיט.

דערנאך זיינען זיי אריין אין וואסער. דינה האָט איהם ניט אבגעלאזט, זי האָט מורא געהאט ער זאל ניט אוועקשווימען. האָט איהר רודינסקי צוליעב געטהון און זיך געטונקען מיט איהר ביים ברעג.

נאכ'ן באדען, האָט מען גענעסען פרישטיק, און מ'האט זיך אוועקגעלאזט אויפ'ן „באָרדוואָק", כאפּען א שפּאציער.

דינה האָט איהם געוואלט פרעגען צי ער וועט פארבלייבען אויף א פּאָר טעג, אבער זי האָט מורא געהאט דעם שמועס אנצוהויבען, אום ניט צו צושטערען די גליקליכע שטימונג. רודינסקי האָט איהר אויך די גאנצע צייט דערפון ניט באמערקט.

פארנאכט, ווען זיי זיינען זיך געגאנגען אנטהון די „ביידינג-סוטס" זיך נאכאמאָל צו באדען, האָט ביי דינה'ן געפּלאצט דער געדולד . . .

— וועסט מסתמא בלייבען דאָ א פּאָר טעג ? — האָט זי איהם גוטמוטיג געפרעגט.

— ניין דינה — האָט איהר רודינסקי מיט פאר-

בארגענעם טרויער געענטפערט — איך מוז נאך היינט צוריק פאהרען. ניין א זייגער אין אבענד „מיטעט" דער „קארפארייזשאן". איך מוז האבען געלט, דיר א טשעק צו שיקען, ווייל איך קען דיר איצט גארנישט לאזען.

— און אז דו וועסט אין „קארפארייזשאן" ניט קענען קריגען קיין געלט, ווי וועט זיין ?

— וועסטו מוזען בלייבען אויף נאך א וואך — האט רודינסקי געזאגט מיט א געמאכטען שמייכעל און געקוקט דינה'ן אין די אויגען צי האט זי פארשטאנען וואס ער מיינט.

דינה האט פארשטאנען אז דער שפאס קען זיין אן אמת, נאר זי האט אנגעשטעלט א פנים גלייך ווי זי נעהמט עס ניט ערענסט. זי האט געוואלט ער זאל גוט פיהלען.

ביים באדען האבען זיי זיך אביסעל צוגעאיילט. ער האט נאך געוואלט מאכען די פינף א זייגער „טריין".

— זעה איינארדענען אזוי, אז זאלסט כאטש קענען קומען מיטוואך אין דער פריה אונז אהיים נעהמען און זאלסט כאטש קענען שטעהן דא דעם גאנצען טאג, האט זיך דינה ביי איהם געבעטען.

— איך וועל פרובירען . . . .

דינסטאג אין דער פריה, האט דינה באקומען צו־געשיקט א בריעף, מיט א „טשעק" אויף הונדערט דאלאר, אויך האט איהר רודינסקי געשריבען, אז אין שטאדט זיינען די היצען אונערטרעגלאך, און אז ער האט בא־שלאסען זיי זאלען זיצען דארט איבער שבת. פרייטאג

פארנאכט, פינף אזייגער, וועט ער אויך קומען און וועט פארבלייבען דארט ביז זונטאג אין דער פריה.

דעם „טשעק” האָט ער איהר געהייסען האלטען ביז ער וועט קומען, און אויב זי וועט איהם מוזען אוועק־געבען זאל זי איהם לאזען וויסען . . .

דינה איז געווען איבערגליקליך : זי האָט גע־צעהלט די טעג, די שטונדען, די מינוטען. עפּעס איז ער איהר איצט ליעבער געווען ווי אלעמאָל.

פרייטאג פארנאכט, ווען דינה האָט שוין געהאט אויסגעפוצט די קינדערלאך און זיך אליין שוין אויך גע־נומען אנטהון אקעגען געהן דער „טריין” הערט זי מען קלאפּט אין טיהר.

— ווער איז ?

— איך.

ווער איך ?

— בענהזשאמין.

דינה איז געוואָרען צוטומעלט, זי האָט ארויפגעוואר־פען אויף זיך דעם מאנטעל און געעפענט.

— האסט מיך געוואלט הפנים „סורפּרייזען” ? האָסט דאך געשריבען אז דו וועסט קומען אזייגער פינף ?

— כ׳ווייס, כ׳האָב פארלוירען דאָס געדולד — האָט רודינסקי געזאגט מיט א שמייכעל.

דינה האָט זיך נערוויטעלט . . .

קאפּיטעל אכט און צוואַנציג

„ט ש ע ק ס״

דער „וואַקיישאָן״ איז אַריבער. די יום טוב׳דיגע שטימונג האָט זיך געענדיגט. דאָס וואָכעדיגע לעבען האָט זיך ווידער אָנגעהויבען.

מאָנטאָג אין דער פריה, ווען רודינסקי איז געקומען אין קלייט אַריין, האָט ער אין בריעף־קעסטעל גאָרנישט געפונען, חוץ אַ פּאָר „סטייטמענטס״ מיט עטליכע ברוגז בריוולאַך.

רודינסקי האָט דורכגעקוקט די „סטייטמענטס״ און האָט איינגעזעהן אַז זייער רוגזה איז באַרעכטיגט: די „בילס״ זיינען שוין אַריבער די ניינציגער.

איז ער געוועזן צורודערט.

יענע וואָך איז געוועזן זעהר אַ שלעכטע: די עט־ליכע קונים וואָס האָבען זיך געדרעהט, האָבען געבאָטען קאָסט־פּרייז, און זיי זיינען אַלע אַוועקגעגאַנגען ניט געקויפט. און ביז צו דער ענדע פון דער וואָך האָט

ער ניט געהאט קיינע פּריונות צו פאַרצייכענען. האָט עס איהם זעהר געערגערט און ער האָט געטראַכט אַז ער האט זעהר שלעכט געטהון, וואס ער האט די קונים אוועקגעלאזט. ס'איז איהם בעסער געווען צו לייזען אין קאסט־פּרייז, איידער זיך אזוי דעם קאָפּ צו דרעהן, און ניט צו האבען קיין „בילס" צו צאהלען.

פרייטאג פארנאכט, ווען ער האָט שוין געהאלטען ביים שליסען די קלייט, איז טשארלי בראנז פון דער פירמע בראנז־בראַדערס, אריינגעקומען.

מיט די בראנז־בראַדערס איז ער געווען בעקאנט נאר אלס שכנים: גוט מאָרגען, גוט יאָהר. ער פּלעגט זיך צומאל אויך טרעפען מיט זיי אין רעסטאראן, ביים עסען מיטאג. קיין געשעפטען האָט ער מיט זיי קיין־מאָל ניט געהאט. אבער ער ווייסט אז זיי זיינען גוט־אָפּ, טראגען א היבשען „רייטינג", און טהוען גרויסע ביזנעס. דעם גאנצען טאָג האלט מען דארט אין איין פּאקען.

— העלאָו.

— העלאָו.

— ווי גייטס ?

—נאָט זיין דאנק : מ'עסט קאשע מיט יוך.

— הייסט עס מען מאכט א לעבען ?

— ניט צום פארזינדיגען, עס קען זיין ערגער.

— איך זעה איהר האלט שוין ביים צומאכען די קלייט ; מיר טראכטען נאך גארניט וועגען דעם.

— יא, איך האב זיך עפּעס היינט, פריה אפּארעט. עפּעס קאלאמוטנע אין דרויסען, עס נודיעט אויפ'ן הארצען.

— מילא, פארוואָס נישט, אַן עהרליכער איד פאַר־מאכט פריהער : פאָרט ערב שבת.

— איז וואס ? איז דען א פעהלער ? איך גלויב עס וואלט געווען א יושר מ׳זאל טאקע האלטען שבת גע־שלאסען. זאל כאטש דער מח איין טאָג אין וואָך רוהען.

— פארוואָס זשע האלט איהר טאקע ניט געשלאסען?

— דערפאר וואָס איהר האלט אָפען.

— אָלרייט" : פועלט ביי די בענק זיי זאָלען האלטען די טשעקס ביז מאנטאג, וועלען מיר זיין די ערשטע צו האלטען די סטאר געשלאסען.

— וואָס זשע לאכט איהר ? ווען די אידישע „דע־פאזיטארס" זאלען וועלען, קענען זיי ווירקען אויף זייערע בענק זיי זאלען זיי באפרייען שבת פון ביזנעס.

— און אז די בענק וועלען ניט וועלען ?

— זאלען זיי זיך אנשליסען אין אזא באנק וואס וועט יא וועלען. און גלויבט מיר אז א באנק וועט דער־שמעקען אז זי פארלירט דערפאר דעפאזיטארס, וועט זי עס נעהמען אין אנבעטראכט . . .

— אנטשולדיגט, מיסטער רודינסקי, איהר רעדט מיר עפעס זעהר ניט פראקטיש ; קיין באנק וועט ניט מאכען קיין אויסנאהמע מיט קיין אידישע „דעפאזי־טארס".

— וועט זיך געפינען א באנק וואָס וועט שלאגען דערפון קאפיטאל, און עס מאכען פאר אן „אישו".

— מעגליך, קען זיין איהר האָט רעכט, עס וועט זיך געפינען אזא באנק וואָס וועט דאָס טהון. אבער דאָס איז נאך ניט דער עיקר, פארגעסט ניט, אז איהר דארפט

צאָהלען שבת א „נאוט”, האָט איהר א רעכט איהם צאָהלען מאנטאג. און מיר שיינט, אז שבת שיקט מען קיין טשעקס אויך ניט צוריק. און ווען עס זאָל זיך נאר ווענדען אין די בענק, וואלט מען זיך שוין געקענט געבען אן עצה. די צרה אבער שטעקט ניט אין די בענק, נאר אין די קונים. זיי, די קונים לאזען ניט רוהען, ניט שבת, און ניט זונטאג.

— אז זיי וועלען אבער וויסען אז שבת פארקויפט מען ניט, וועלען זיי ניט קומען.

— מעגליך די גויעשע, אבער ניט די אידישע. און ווידער, ווער וויל דען האלטען שבת פארמאכט ?

— זאָל זיין זונטאג, אבי א טאָג רוה.

— זונטאג קען מען ניט האלטען פארמאכט : זונ־טאָג קומען די פעדלערס פון די קאנטרים איינקויפען זייער סחורה פאר דער וואך, און דורך זיי אליין קען מען ניט האלטען די סטארס פארמאכט.

— נו, זאלען זיי קומען מאנטאג ?

— מאנטאג ? לאמיר זיך ניט נארען, מיסטער רודינסקי, מאנטאג וועלען זיי ניט קומען, מאנטאג איז זייער בעסטער ארבייטס־טאָג, זיי וועלען זונטאג פאָהרען קיין נויארק, און וועלען זיך דארט זייער סחורה איינ־קויפען. און אזוי ארום וועט אונזער „טרייד” אוועק־געצויגען ווערען קיין נויארק, און עס וועט זיין נאך גרעסערע צרות . . .

— נאר וואָס האבען מיר זיך גענומען פלוצלינג דעבאטירען ? איהר ווייסט, מיסטער רודינסקי, וואָס איך בין געקומען צו אייך ? איך וויל איהר זאלט מיר געבען טויזענד דאלאר א גמילת חסד אויף א פאָר טעג.

מיר נויטיגען זיך מאנטאג פריה אין געלט, ווילען מיר זיך מארגען צוגרייטען.

— איך וואָלט אייך בפירוש געגעבען אפילו פינף טויזענד דאלאר — האָט רודינסקי געענטפערט — פיה־לענדיג זיך געשמייכעלט וואָס די בראנז בראָדערס רע־כענען איהם פאר א שטיקעל נגיד, וואָס מ׳קען ביי איהם נעהמען אָ גמילת חסד פון טויזענד דאָלאר — ליידער בין איך איצט אליין „קורץ" אין די בענק.

— אויב אזוי, בייט זשע מיר איבער א טשעק.

— וואָס מיינט איהר ?

— דאָס וואָס איך מיין : נאָט אייך מיין טשעק פאר טויזענד דאלאר אויף מאנטאג, און גיט מיר אייערען אויף דער זעלבער סומע.

— וואס זשע וועט זיין ?

— וועט זיין „אָלרייט" : וועלען מיר ביידע הא־בען געלט.

— ווי אזוי ?

— אָט אזוי : איהר וועט „דעפאזיטען" מיין טשעק, און איך אייערען.

— איך פארשטעה נים.

— וואס איז דאָ נישטא וואָס צו פארשטעהן ? ביז די טשעקס געהן דורך די „פעדעראַל־רעזוירוו" און קומען אריין אין די בענק, נעהמט דערוויילע צוויי טעג.

— הייסט עס, קען איך אייער טשעק מאנטאג אין דערפריה „דעפאזיטען" ביי מיר אין באנק ?

— „שור" !

רודינסקי׳ן איז די מעשה געפעלען. הייסט עס, מיט׳ן מאנטאָגדיגען „נאוט" וואָס ער דארף צאהלען, איז

ער שוין פארזארגט. פאר שפעטער מיט צוויי טעג זאל זיך נאט זארגען.

האט איהם רודינסקי איבערגעביטען דעם טשעק: ער האט איהם געגעבען זיינעם, און גענומען ביי איהם א נעגען טשעק אויף דער זעלבער סומע.

דער זונטאגדיגער טאג איז געווען א גוטער. ער האט געלייזט מעהר מזומן ווי אויף קרעדיט.

די מאנטאגדיגע פאסט איז אויך ניט געווען קיין שלעכטע, ער האט געקראגען א פאר טשעקס מיט עטליכע ארדערס פון דער סאוטה.

רודינסקי האט דעם טאג א גרויסען „דעפאזיט" געמאכט.

מיטוואך אין דער פריה, איז בראנז ווידער געקומען: געבראכט א פרעמדען טשעק, און געבעטען רודינסקי'ן ער זאל איהם איבערבייטען אויף זיינעם.

— וואס זשע וועט זיין? — האט רודינסקי ערנסט געפרעגט, ניט קענענדיג אזוי שנעל באגרייפען דעם היוצא לנו מזה.

— וועט ווידער זיין גוט — האט בראנז געזאגט מיט א מינע פון א פראקטישען מענשען — וועט איהר האבען צו באגעגענען דעם מאנטאגדיגען טשעק, און איך מיינעם.

— נעהמט עס — האט רודינסקי צופרידען געזאגט נאך א פאר מינוט טראכטען.

פון דאמאלס אן, האט רודינסקי אנגעהויבען מאכען גרויסע דעפאזיטס. בראנז האט איהם אלע טאג געבראכט אנדערע טשעקס פון פארשידענע „דזשאבערס", און רודינסקי האט זיי איהם פארביטען אויף זיינע.

ס'איז איהם געווארען לייכטער . . .

קאפּיטעל ניין און צוואַנציק

קיין נויאָרק נאָך סחורה

די ימים־טובים האָבען זיך דערנעהנט. מ׳האָט ער־וואַרטעט די פּעדלערס אויף יום־טוב.

אויך די לאַחדים׳ניקעס האָבען אָנגעהויבען אַרומ־געהן און שמעקן.

האָט מען געמוזט צוגרייטען אַביסעל „סטאַק" — צו פרישען.

האָט זיך רודינסקי אַרויסגעלאָזט זוכען מציאות.

אָבער וואוהין ער איז געקומען האָט ער זיך אָנ־געשלאָגען אָן שוועריגקייטען : די פּרייזען האָבען אומ־געהייער געשטיגען. זייַנען די גרויסע געוואָרען שטאַרק „אינדעפּענדענט", צו די וואָס האָבען זייערע בילס אין צייט ניט געצאָהלט, האָט מען בכלל ניט געוואָלט פאַר־קויפען. האָט מען זיי פאַרשידענע תירוצים אָנגעגעבען. אייניגע האָבען גלאַט געוואָלט מיט זייער סחורה ספּע־קולירען און האָבען זי באַהאַלטען. אויף וואָס מ׳האָט געפרעגט איז ניט געווען.

רודינסקי׳ן איז געקומען אויפ׳ן געדאנק, אז עס וואלט געווען א יושר ער זאל זיך אריינכאפען קיין ניו יארק נאך סחורה. אין ניו יארק וועט ער קענען קויפען ביליגער, און אז ער וועט האבען סחורה ביליג, וועט ער לייזען מעהר.

אז ער וועט קענען קויפען אין ניו יארק סחורה, איז ביי איהם קיין ספק ניט געבען : ערשטענס צאהלט ער די לעצטע צייט זיינע בילס אין צייט, וועלען זיינע „רעפרענס" געווים זיין גוטע. צווייטענס, וועט ער צו די גרויסע הייזער ניט געהען : די ג ר ו י ס ע הייזער פאדערן „סטייטמענטס", ווייל זיי שיקען זייער סחורה דורך בענקערס, און די בענקערס פרעגען תיכף צו מ׳האט באנקראטירט . . . ער וועט געהן צו די קלע־נערע „דזשאבערס" : די קלענערע „דזשאבערס" ווי די עלדריטש סטריטער, קויפען זייער סחורה אין אוקשען, אדער פון באנקראט־פירמעס, צומאל פארקויפט גאר איי־נער צום צווייטען ווייל ער דארף געלט אדער א „נאוט", און אנשטאט צו מאכען ביי איהם, פארלירט ער גאר. און דערווייל קען מען ביי זיי קויפען סחורה ביליג.

יא, איך פאהר קיין נויארק — האט רודינסקי צו זיך אליין געזאגט, — ס׳איז געווען גענוג נאריש פון מיין זייט צו שטעהען אזא צייט אין ביזנעס און ניט צו פאהרען קיין ניו יארק נאך סחורה.

— איך פאהר מארגען קיין ניו יארק, דינה, — האט רודינסקי צו איהר געזאגט ווען ער איז אין אבענד אהיים געקומען.

— וואס עפעס פלוצלינג קיין ניו יארק ?

— ווייל דא איז שוין אונמעגליך עפעס צו קויפען,

די הורטאָווניקעס זיינען געווארען שטארק פאַריסען, זיי בעטען אַזעלכע פּרייזען אַז ס'איז אַ שרעק.

— ביזט דען זיכער, אַז מ'וועט דיר דאָרט וועלען פאַרקויפען ?

— וואָס מיינסטו ?

— איך מיין צי מ'וועט דיר וועלען באַרגען.

— „וועל", מ'דאַרף פּרואווען, קיין פּאַטש וועט מיר קיינער ניט געבען. און ווידער, פאַרוואָס זאָל מען מיר ניט פאַרקויפען ? איך צאָהל די לעצטע צייט מיינע בילס ניט שלעכט. וועל איך ניט געהן אין די גרויסע הייזער, וועל איך געהן צו די קליינע. די קליינע נעהמען מן הסתם אויך „טשענסעס" פּונקט ווי מיר.

— איך ווייס ? אויב דו דיינקסט אַזוי, פאָהר : זאָל זיין מיט גליק. מעהר ווי הוצאות וועסטו דאָך ניט פאַרלירען !

מאָרגען אין דערפריה איז רודינסקי געפאָהרען קיין ניו יאָרק.

דאָס ערשטע האָט ער זיך אָבגעשטעלט אין עלדריטש סטריט, און זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין לאַנדסמאַן וואָס שטעהט דאָרט אין די „דזשאָבינג ביזנעס", אונטער דער פירמע „ראָזען ענד לעסטער".

אַריינקומענדיג אין קלייט אַריין, איז ער געבליבען שטעהן ביי דער טיהר און זיך אָבגעהאַלטען פון צו געהן ווייטער, ס'האָט זיך איהם אויסגעציינט אַז ער איז אַריין אין אַ „רעגס־שאָפּ" : די ראַפּטען זיינען געווען צו־דרעהט, דער „קאַנטאָר" פאַרלעגט, אויף דער פּאָדלאָגע איז געלעגען אַנגעוואָרפען סחורה און מ'האָט אויף איהר געטראָטען. לעבען דער טיהר איז געשטאַנען אַ שרייב

טיש פון וואנען עס האָט ארויסגעקוקט א קאָפּ פון א „בוכקיפּערין", א יונגע שווארץ חנ'עוודיגע מיידעל.

ניט זייענדיג זיכער צי ער האָט געטראָפען אין ריכ־טיגען פּלאץ, האָט ער זיך שוין געלאזט ארויסגעהן, אבער אין דער מינוט האָט ער דערזעהן ראזענען און ער האָט זיך געלאזט צו איהם צוגעהן.

ראזען האָט איהם דערקענט און איהם אבגעגעבען דעם ברייטען שלום עליכם.

ראזען האָט צו איהם געזאגט :

— איך געדענק ניט ווער ס'האָט מיר געזאָגט, אז דו וואוינסט אין פילאדעלפיא און שטעהסט דארט אין ביזנעס. איך האב מיך שוין עטליכע מאָל געקליבען ארייננפאהרען זיך מיט דיר זעהן, נאר ס'האָט זיך עפּעס ניט געלאזט.

— אויב אזוי — האָט רודינסקי געזאגט — דארפסטו מיר אומקעהרען א האלב הוצאות, איך האב דיר פארשפּארט אן ארבייט.

— צו יעדער צייט — האָט ראזען מיט א גוט־מוטיגען שמייכעל געענטפערט.

רודינסקי האָט איהם דערצעהלט אז ער שטעהט אין ביזנעס, און אז ביז איצט האָט ער געקויפט נאר פון די היימישע הורטאוויניקעס ; איצט איז ער געקומען קיין ניו יארק וואו ער דענקט אז ער וועט קענען קויפען א סך ביליגער.

— א שאלה אביסעל, צי מען קען אין ניו יארק קויפען ביליגער — האָט ראזען געזאגט און געקוקט צו איהם מיט ביטול, וואָס ער רעדט גאר אזא נארישקייט

— וואו קויפען דען אייערע גרויסע, אויב ניט אין ניו יארק ?

— אויב אזוי — האט רודינסקי געזאגט — וועל איך דיך בעטען זאלסט מיר זאגען וואו איך וועל קענען קויפען אביסעל ביליגע סחורה.

— געווים, געווים וועל איך דיר זאגען. איך וועל דיר אליין אויך פערקויפען אביסעל סחורה זאלסט קענען אין איהר מאכען א פאר סענט, אז עס זאל זיך דיר שטענדיג גלוסטען קומען קיין ניו־יארק. אט זעהסטו, אט דא א ליגט א „זשאבל" פון פופציג שטיקליך סחורה וואס זיינען נאר וואס אריינגעקומען, איך האב זיי אבגעקויפט פון איינעם וואס שמעקט מיט „צדוק־הדין", פערשטעהסט ? היינט מארגען געהט ער אין קעסטעל אריין. אט האסטו די ביל. כ'האב איהם פאר דער סחורה בעצאהלט מיט מזומן. אבער פון דיר פאדער איך חס ושלום ניט קיין מזומן; ביי א צווייטען וועל איך אונטער צוואנציג פראצענט פערדינסט ניט נעמען, ווייל ס'איז א גרויסע מציאה, איך האב זיי געקויפט מיט פופציג פראצענט ווענינער פונ'ם טאגעס־פרייז. דיר וועל איך זי פערקויפען מיט צעהן פראצענט פארדינסט, מאך דו דאס איבעריגע, און ווייס אז דו ביסט געוועז אין ניו־יארק ביי א גוטען ברודער. שטעל זיך אוועק און קוק זי דורך. כאטש דו האסט ניט וואס צו קוקען אפילו, קענסט זי קויפען אויף מיינע מבינות. און אויב דו ווילסט זיך איבערצייגען אין מיינע רייד, רוף איך באלד אריין א „דזשאבער" פון סטריט, און קריג ביי איהם גלייך צוואנציג פראצענט אויף דער ביל.

רודינסקי איז געשטאנען און געקוקט ראזענען גלייך אין די אויגען און צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ, ווי ער גלויבט

איהם אלעס וואס ער זאגט. ער קען ראזענען פון דער היים, אלס א דורכגעטריבענעם סוחר; פון זיינע אויגען קוקט ארויס א חכם, שטענדיג שמייכעלט ער, און מאכט א גוטען איינדרוק. דא האט ער ביי איהם אויסגעזעהן אז ער איז שטארק אויסגעוואקסען . . . אבער ער האט געמאכט אויף איהם דעם איינדרוק ווי ער איז ניט אויסען דעם פדיון, נאר ער וויל איהם פשוט געבען א „שאו".

רודינסקי האט זיך אוועקגעשטעלט און איבערגעקוקט די סחורה. זי איז פאר איהם באמת געווען א מציאה.

— אללרייט — האט רודינסקי געזאגט — זי איז מיינע.

ראזען האט איהם געצייגט נאך איינינע ארטיקלען. רודינסקי איז געווען אין פערלעגענהייט: ער האט מורא געהאט מעהר קויפען, עס זאל ניט ווערען א צו גרויסע ביל, און ער קען זיך נאך הייסען געבען א ביסעל מזומן... ראזען האט עס פערשטאנען און האט איהם האלב אין שפאס געזאגט אז ער קען קויפען וויפיעל ער וויל, זיין קרעדיט איז ביי איהם גוט.

רודינסקי האט נאך געקויפט.

דערנאך זיינען זיי געגאנגען עסען מיטאג.

ביים עסען האבען זיי זיך צורעדט פון דער פערגאנגענהייט: פריהער פון זייער שטעדטעל, דערנאך פון זייערע איבערלעבונגען דא אין אמעריקע.

רודינסקי האט איהם דערצעהלט וואו און ביי וועמען ער קויפט סחורה. ווער עס בעהאנדעלט איהם גוט און ווער שלעכט. דערנאך האט ער איהם דערצעהלט אז צוריק מיט א פאר יאהר האט ער געהאט אן אומגליק: די שערסקים זיינען איהם בעפאלען און האבען ביי איהם די

סחורה צוגענומען, און דאס האט איהם ניט וועניג צרות פערשאפט. רודינסקי האט עס איהם בכיון דערצעהלט, ער האט געוואוסט אז סיי ווי וועט ער זיך אויף איהם פרעגען, זאל ער שוין זעהן וואס פאר אן איינדרוק עס וועט אויף איהם מאכען.

אויף ראזענען אבער האט עס קיין שום איינדרוק ניט געמאכט, ער האט עס שוין פון פריהער געוואוסט. ווען רודינסקי האט איהם די טרויעריגע מעשה דערצעהלט, איז ער זיך געזעסען רוהיג און געשמייכעלט. דערנאך האט ער איהם געטרייסט, ער זאל זיך ניט נעמען שטארק צום הארצען, ווייל אזעלכע מעשיות טרעפען זיך יעדען טאג, און קיין ביזנעסמאן איז פון באנקראט ניט בעווארענט, סיידען ער שטארבט פאר דער צייט . . .

נאכ'ן עסען האט ראזען געגעבען רודינסקין איינינע אדרעסען וואו ער קען קויפען ביליגע סחורה. רודינסקי האט אומעדום געקויפט גרויסע מציאות, און האט זיי געגעבען „רעפרענס” צו פילאדעלפיער הורטאָווניקעס, מיט וועמען ער האנדעלט שוין פון יאהרען.

זעקס א זייגער אין אבענד, האט ער גענומען די „טריין” און איז אהיימגעפאָהרען א צופרידענער פון די גרויסע מציאות וואס ער האט איינגעהאנדעלט. ער איז זי־כער געווען אז איצט וועט איהם קיינער ניט קאנקורירען.

קאפיטעל דרייסיג

די סחורה קומט ניט . . .

עס זיינען אוועק עטליכע טעג.

קיין סחורה פון ניו־יארק איז ניט געקומען, חוץ ראַזען און לעסטערס.

האט רודינסקי געטראכט: געוויס דארף נעמען עטליכע טעג: ביז מען שיקט נאך „רעפרענס", און ביז די „רעפרענס" קומען, מוז נעמען צייט.

איז אריבער א וואך און די סחורה איז ניט געקומען.

רודינסקי האט זיך געערגערט: די פעדלער הייבען שוין אן קומען אויף פסח, און קיין סחורה איז ניטא. וואלט ער ארומגעגאנגען צווישען די היימישע הורטאווניקעס עפעס קויפען, האט ער מורא טאמער קומט דערנאך אן די סחורה פון ניו־יארק וועט ער שוין האבען א צו גרויסען „סטאק". צווייטענס שמעקען איהם שוין ניט די פרייזען פון די הינע הורטאווניקעס.

איז ער אוועק קיין ניו־יארק אויסצוגעפינען די סיבה.

דעם ערשטען וויזיט האט ער געמאכט זיין לאנדס־מאן ראזען.

— אהא! — האט ראזען געזאגט טריאומפירענד, ווען ער האט איהם דערזעהן — האב איך דיר ניט געזאגט אז ניו־יארק ציהט ווי א מאגנעט? אז מען פארזוכט ניו־יארק, קען מען שוין ערגיץ אנדערש ניט קויפען.

— איך בין אבער איצט ניט געקומען קויפען.

— וואס דען ביסטו געקומען?

— איך בין געקומען אויסגעפינען די סיבה פאר וואס מען שיקט ניט דאס געקויפטע.

— ניט געשיקט די סחורה?

— ניט געשיקט.

— קיינער נישט?

— קיינער נישט, חוץ דיר.

— נו, איז וואס פאר א נייעס? כ'האב פריהער געוואוסט אז מען וועט ניט שיקען.

— וואס מיינסטו?

— אט דאס מיין איך.

— הער זיך איין רודינסקי — האט זיך ראזען צו איהם אנגערופען מיט אן ערנסטען שמייכעל. — א גוטען ברודער דענק איך דארף מען זאגען דעם אמת: ווען דו ביסט אוועקגעפאהרען פון דאנען, האב איך פאר א צע־קאווע זיך געוואלט אנפרעגען אויף דיר ביי די לייטע מיט וועמען דו האנדעלסט, איך האב געוואלט הערען וואס זיי וועלען אויף דיר זאגען: אויב דו ווילסט זעהען זייער ענט־פער, וועל איך דיר צייגען, אבער דו מוזט מיר זאגען אויף

דיין עהרענוואָרט אַז קיינער וועט דערפון ניט וויסען, ווייל דאָס איז „קאָנפידענציעל״ . . .

ראזען האט ארויסגענומען א פעקעל בריעף און זאגט צו איהם:

— מיט ראפאפארטען האסטו געזאגט האנדעלסטו שוין עטליכע יאָהר און ער בארגט דיר איבער צוויי טויזענד דאלאר? — זעה וואס ער שרייבט: ער קען דיך — שרייבט ער — ניט לאנג, ער בארגט דיר צוויי הונדערט דאָלאר און ביסט זעהר „סלאו״. מיט בעלאווסקי׳ן האָסטו געזאגט האנדעלסטו, פון זינט דו ביזט א „דזשאבער״ געווארען, און ער בארגט דיר וויפיעל דו ווילסט? — זעה וואס ער שרייבט: האסט ביי איהם געקויפט די ערשטע ביל, אויף אַ וועקסעל, און דו האסט דאס וועקסעל באניימ. זילבערמאן זאגסטו קען דיך נאך פון זינט דו ביסט געווען אין די לאחדים ביזנעס — זעה וואס ער שרייבט: ער פארקויפט דיר נאר — שרייבט ער — פאר מזומן.

— נו, וואס האסטו וואס פאראיבעל צו האבען אויף זיי? וואלסטו עמיצען אויף אזעלכע „רעפרענס״ עפעס געשיקט?

רודינסקי איז געבליבען שטעהן צומישט. דאָס בלוט האט איהם א זעצגעטהון אין פנים פאר וועהטאג און שאנדע. העגד און פיס האבען איהם אנגעהויבען ציטערן פון אויפרעגונג און כעס, ער האט ראזענען אין די אויגען קוקען ניט געקענט.

ראזען האט איהם פערשטאנען און געזאגט צו איהם שמייכלענדיג:

— אין דעסען רודינסקי, עס דיר ניט אפ דאס הארץ. כאטש אזוי, זעהסטו דאך, האב איך דיר די סחורה גע־

שיקט, און האב ניט קיין מורא געהאט אז דו וועסט ביי מיר צונעמען. און ווייסטו פארוואס? ווייל ביי מיר זיינען אזעלכע רעפרענס קיין נייעס ניט.

לאם איך דיר ערקלעהרען רודינסקי: לויט איך זעה ביסטו נאך גרין אין די ביזנעס.

— זאלסט וויסען פריינד לעבען, אז קיינער גיט ניט קיין אמת'ע „רעפרענס". דער שכל דערפון איז דאס: אויב דער קונה איז א שלעכטער און עס קומט ביי איהם געלט, מוז מען געבען גוטע „רעפרענס" בכדי אנדערע זאלען איהם בארגען סחורה, וועט זיין גרינג פון איהם ארויסצוקריכען . . . ווען אבער דער קונה איז א גוטער, ווייל מען דאך ניט ער זאל קויפען ביי א צווייטען, גיט מען אויף איהם שלעכטע „רעפרענס" אז מ'זאל איהם ניט בארגען, וועט ער מוזען קויפען נאר ביי זיי. פארשטעהסט? . . . ס'איז א מאוס'ער אמת, אבער אן אמת...

איך וועל דיר דערצעהלען וואס מיט מיר אליין האט פאסירט:

איינמאל, האט מיר געפעהלט א שטיקעל סחורה. בין איך אוועק אין א געוויסען סטאר און האב עס געקויפט. האט מען מיך געפרעגט אויף „רעפרענס".

האב איך געגעבען רעפרענס צו א דזשאבער מיט'ן נאמען זילבערקאסטען. וועלכען איך בין דאמאלס שולדיג געווען איבער צוויי טויזענד דאלאר.

— עס געהט אוועק א טאג, צוויי, דריי, ניטא דאס שטיקעל סחורה. מען שיקט ניט.

קען איך עס ניט פערשטעהן: א שטיקעל סחורה וואס בעטרעפט סך הכל זיבעציג דאלאר זאל מען מיר ניט שיקען? היתכן?

געה איך אוועק צום קרעדיט מאן פון יענעם הויז און פרעג איהם פארוואס ער האט מיר דאס שטיקעל סחורה ניט געשיקט.

ווער איך דארט געוואויר בסוד, אז מיסטער זילבער־קאסטען, צו וועמען איך האב „רעפרענס" געגעבען, האט געענטפערט אז ער פערקויפט מיר נאר פאר מזומן.

האט עס מיך געקענט פערדריסען?

וואס זשע מיינסטו האב איך געטהון? בין איך אוועק צו מיסטער זילבערקאסטען און געבעטען ביי איהם א „סטייטמענט", וויפיעל איך בין שולדיג.

האט זיך מיסטער זילבערקאסטען דערפרעהט און געמיינט אז איך בין געקומען איהם אבצאהלען די בילס און מיר געגעבען א „סטייטמענט".

האב איך גענומען דעם „סטייטמענט" און האב איהם געציינט יענעם קרעדיט מאן . . .

פארשטעהסט? אזוי פיהרט זיך די ביזנעס וועלט, אזוי פיהרען זיך די גרויסע, און גאר די גרויסע. די גרעס־טע פירמעס געבען ניט קיין אמת'ע „רעפרענס". און פון זיי לערנען זיך די קליינע . . . ס'איז ניט יושר'דיג, אבער אזוי איז דאס. איך אליין בין אויך ניט בעסער. איך טהו אויך דאס זעלבע.

פארשטעהסט? . . .

קאפּיטעל איין און דרייסיג

ווייל ניט באנקראטירען קיין היימישע.

רודינסקי איז ווידער געצוואונגען געווען קויפען ביי די היימישע. ער האָט געמוזט צוגרייטען „סטאק”. אויב ניט, האָט ער געוואוסט איז צרות: די פּעדלער וועלען קיין געלט ניט געבען. די פּאר לאחדים'ניקעס, מיט די מאנו־פעקטשורערס וואס דרעהען זיך ביי איהם זיינען אויך ניט בעסער: ווען זיי זעהען אז זיי האבען ניט וואס צו „נע־מען” געבען זיי ניט קיין געלט . . .

אבער דאס מאל איז איהם דאס קויפען אנגעקומען שווערער ווי אלע מאל. די הורטאוו'ניקעס האבען זיך צו־ריק געהאלטען איהם עפּעס צו פערקויפען. „עפּעס פרעגט

מען אויף איהם צו פיעל פון ניו־יארק״ . . . איינינע האבען זיך גלאט געקליגערט אויף זיין חשבון : — „מיר האבען געהערט איהר לויפט שוין קיין ניו־יארק נאך סחורה: עפּעס ניט קיין גוטער סימן״ . . .

רודינסקי האט געזעהן פאר זיך שווארצע טעג. ראזענס ווערטער האבען איהם אין די אויערען געקלונגען : „קיין ביזנעסמאן איז ניט גאראנטירט פון באנקראטירען סיידען ער שטארבט פאר דער צייט״ . . .

ס'איז איהם געקומען אויפ'ן זינען אז סוף כל סוף וועט ער מוזען באנקראטירען. און ער וואלט זעהר ניט וועלען באנקראטירען די היימישע, מיט וועמען ער דארף זיך אלע טאג בעגעגענען. ער האט זעהר גוט געקענט זיין שוואכען כאראקטער, אז ווען עמיצער נעמט ביי איהם צו געלט, קען ער יענעם אין די אויגען ניט קוקען . . . א פשיטא שוין ווען ער וועט צונעמען ביי יענעם . . . אָבער ווי אזוי דאס קען געשעהן זעהט ער ניט קיין וועג. דאס בעסטע, ווייסט ער, וואלט געווען, ער זאל אויפהערען קויפען ביי די היימישע דזשאבערס און קויפען נאָר ביי פרעמדע. ביי אזעלכע וואס ער וועט דערנאך ניט דארפען זעהען. דערלאזען זיי דאָך אבער ניט אז פרעמדע זאלען איהם עפּעס פערקויפען. זיי ווילען דאָך איהם קיין „רעפערענס״ ניט געבען. אויב אזוי, וועט ער דאָך, ניט ווילענדיג, נאָר זיי מוזען באנקראטירען ? און וועמעס שולד וועט עס זיין, אויב ניט זייער איינענע ? . . .

מיט דעם געדאנק אז עס וועט זיין זייער איינענע שולד, האט ער אין דער מינוט דערפיהלט א בעפרידיגטע נקמה. איהם האט נאר געערגערט וואס די נקמה וועט מוזען דורכגעפיהרט ווערען פון איהם אליין . . .

צו ראפאפארטען האט ער דאס מאל ניט געוואלט אריינגעהן. ער האט איהם ביי זיך אין הארצען ניט געקענט מוחל זיין, פאר די שלעכטע „רעפרענס" וואס ער האט אויף איהם געגעבען. ער, ראפאפארט, וואס מאכט שטענדיג דעם אנשטעל אז ער איז זיין בעסטער פריינד, און טהוט אלעס נאר פאר זיין טובה וועגען, זאל ער אויף איהם אזעלכע „רעפרענס" געבען?

שפעטער האט ער געביטען די מיינונג. נאך דער שלעכטער אויפנאמע וואס ער האט ביי די „דזשאבערס" געהאט, האט זיך זיין שטאלץ אביסעל געבראכען. — ער מוז דאך האבען סחורה! האט ער זיך אראפגערוקט דאס היטעל און געמאכט א שוויג.

— העללאו רודינסקי! — האט ראפאפארט פריינדליך אויסגעשריגען ווען ער האט איהם געזעהן אריינקומען — א גאסט, א לאנגע צייט שוין ניט געזעהן. — וואס איז דער מעהר? אזוי איז שוין הפנים: אז מען ווערט רייך, הויבט מען זיך אן שעהמען מיט ארימע קרובים! מילא, זאל דיר גאט העלפען, ווי דו ווינטשסט דיר אליין. איך בין דיר געוויס ניט קיין שונא. א סימן, אז מ'האט געפרעגט פון ניו־יארק „רעפרענס" אויף דיר, האב איך געזאגט דאס בעסטע וואס איך ווייס. ווילסט אפשר זעהען וואס איך האב געענטפערט? קען איך דיר ווייזען א קאפיע.

רודינסקי איז געווארען אנגעצונדען. אזא חוצפה האט ער שוין ניט געקענט אריבערטראגען. אבער ער האט זיך צוריקגעהאלטען און געשמייכעלט. ער האט פערשטאנען אז עס ליגט שוין מן הסתם אנגעגרייט א קאפיע איהם צו ציינען . . .

— א דאנק, ס׳איז ניט נויטיג — האָט רודינסקי גע־זאגט מיט א פערבעהאלטענער שנאה — איך ווייס איהר ווערט אויף מיר קיין שלעכטס ניט זאגען.

— ניין, איך וויל טאקע זאלסט זעהען: טאמער ווי א זאך מאכט זיך, מ׳ווערט דיר די סחורה ניט שיקען זאלסטו מיך דערנאך ניט חושד זיין. ווייל איך האב גע־טהון מיין פליכט.

— גאָט בעהיט! — האָט רודינסקי אויסגעשריען מיט א געמאכטער ערענסטקייט — אייך זאָל איך חושד זיין? א שעהן פנים וואלט עס געהאט, כ׳לעבען, מיין בעסטען פריינד זאל איך חושד זיין אין פעררעאט; פאר אזא נאר האלט איהר מיך?

— אויב אזוי ביסטו א גוטער ברודער. דערצעהל זשע מיר וואס עס טהוט זיך אין ניו־יארק: האסט עפּעס א גרויסען „סטאק" איינגעהאנדעלט?

— ניט קיין גרויסען: איך האב מיך ניט געוואלט „אנהאטען" מיט סחורה.

— הייסט עס, קען איך דיר נאך אויך עפּעס פער־קויפען?

— פאר וואס נישט: אבי ביליג, בין איך א קונה.

אויב אזוי, איז אללרייט: רעדסטו ווי א מענש. איך האב היינט גראדע פאר דיר א ביסעל מציאות.

ער האט איהם אנגעהויבען ציינען פערשיעדענע סחורות, און געזאגט פרייזען.

רודינסקי איז געשטאנען און געטראכט וויפיל פּראָ־צענט ער דארף איבערצאהלען לויט די פרייזען וואס מ׳האט ביי איהם אין ניו־יארק פערלאנגט. און דאס הארץ האָט איהם וועה געטהון אזוי פיעל איבערצאהלען.

ווען ער איז שוין געשטאנען ביי דער טהיר אוועקצוגעהן ניט געקויפט, האט ער זיך דערמאהנט אז די ראפטען זיינען ליידיג און ער מוז זיי אנפיהלען: אז די פערלערס וועלען זעהען אז די ראפטען זיינען לײדיג, וועלען זיי פונ׳ם וועג אויך גאר ניט ארדערען. זיי וועלען מורא האבען שיקען טשעקס טאמער וועט ניט זיין קיין סחורה צו שיקען . . . און ער האט געטראכט, אז ער מוז אצינד קויפען אפילו ווען ער וועט איבערצאהלען. ס׳איז איהם בעסער צו פערקויפען די סחורה אין „קאסט־פרייז״ אבי צו מאכען דעם „אבאראט״ . . .

ער האט זיך אומגעקעהרט, און מ׳כלומר׳שט זיך גענומען דינגען. ער האט מורא געהאט צוצושטימען צו די פערלאנגטע פרייזען אום ראפאפארט זאל איהם אין עפעס ניט חושד זיין, און באקומען „קאלטע פיס״ . . .

ראפאפארט האט איהם איבערגעלייענט, אז ער מוז האבען די סחורה, און האט ניט געוואלט נאכלאזען.

האט זיך רודינסקי ווידער געלאזט געהען . . .

און זיך ווידער אומגעקעהרט . . .

קאפיטעל צוויי און דרייסיג

א „מארטגיידזש"

דער „ספרינג" סעזאן איז געווען ניט קיין שלעכטער, דאס ביליגע ביסעל סחורה וואס רודינסקי האט ביי ראזינען געקויפט, האט איהם א סך ארויסגעהאלפען. די פעדלערס האבען זי צעכאפט ווי מצה־וואסער. חוץ דעם האבען די פרייזען געהאלטען אין איין שטייגען, צו קיין רעגעלע שטיקעל סחורה האט מען ניט געקענט צו טרעטען זיינע רודינסקים „סטיקערס" אויך געווען א סחורה.

מיט'ן אנקומען פון'ם זומער זיינען אין דער ביזנעס־וועלט קיין שום ענדערונגען ניט געקומען. די פרייזען זיינען געשטאנען אין איין שטאנד, חוץ א פאר אויסגעשריגענע ארטיקלען וואס האבען אביסעל געשטיגען. פאר רודינסקין אבער איז די לאגע געווארען שווערער: דעם נייעם סטאק וואס ער האט ביי די היימישע הורטאווניקעס איינגעקויפט, איז שוין בעשטאנען פון גאר הויכע פרייזען, די פארדינסטען זיינען געווען קליינע, און בילס

האט ער באדארפט צאהלען גרויסע. חוץ דעם האט ער געמוזט געבען גרעסערע קרעדיטס: דאס זעלבע ביסעל סחורה וואס דער פעדלער האט פריהער געארדערט פאר הונדערט דאלאר, האט איצט שוין געמוזט באטרעפען צוויי הונדערט. און אזוי ווי זיינע בילס האט ער באדארפט באצאהלען פריהער, איידער ער האט ארייינגעקראגען דאס געלט פון די קונדען האט ער זיך באדארפט נאך מעהר דרעהען דעם קאפ. האט ער געמוזט נאך מעהר בייטען „נאוטס", און דרעהען מיט טשעקס . . . .

דער אסיען איז אנגעקומען מיט רעגענס און נאסע קעלטען.

רודינסקי'ן איז געווארען קאלאמוטנע אויפ'ן הארצען. די ביזנעס זיינען איינגאנצען אבגעהאקט געווארען, מ'האט קיין קאסטאמער אין די אויגען ניט געזעהען, חוץ א פאר מאנופעקטשורערס מיט שטיקלאך סעמפלס צו „מעטשען א סטייל"...

איז רודינסקי געווארען נאך מעהר בעשעפטיגט: דעם ערשטען האלבען טאג איז ער ארומגעלאפען בייטען טשעקס אום גוט צו מאכען די באנק, און דעם אנדערען האלבען האט ער זיך געדרעהט דעם קאפ וואו מען נעמט געלט אויף מארגען.

אויפ'ן חודש יאנואר האבען זיך איהם אבגעשטעלט אלע „נאוטס" צום צאהלען. ווי אזוי ער וועט זיין קענען באגעגענען, האט ער קיין שום בעגריעף ניט געהאט. אז מען לייזט, האט מען כאטש אן האפנונג אז דאס געלט וועט אמאל ארייינקומען. אבער אז מען לייזט ניט, איז דאך קיין האפנונג אויך נישטא!

אזוי טראכטענדיג, איז איהם געקומען אויפ'ן זינען צו פערגרעסערן דעם „מארטגיידזש" אויף דער הויז. הייזער האבען די לעצטע צייט שטארק געשטיגען, און עס קען זעהר מעגליך זיין ער זאל קענען פערגרעסערען דעם צווייטען „מארטגיידזש" מיט א פינף טויזענד דאלאר מעהר. ער ווייסט אז די פינף טויזענד דאלאר וועלען איהם קאסטען טייער, ער וועט חוץ די רעגעלע זעקס פראצענט נאך מוזען צאהלען א „באנוס", אבער אז מען דארף, העלפט דאך ניט ! ער מוז דאך איין מאל פאר אלע מאל פערפיהלען דעם לאך פון די פינף טויזענד דאלאר. אזוי צו לעבען איז דאך אונמעגליך !

האט ער א פאר טעג געטראכט וועגען דעם, האט אפגעלענט פון איין טאג אויפ'ן צווייטען. זיך גע'עצה'ט מיט דינה'ן, ביז —

ער איז אוועק צו א „ריעל עסטייט מאן".

— קען איך קריגען ביי אייך א „מארטגיידזש" אויף מיין הויז ? — האט רודינסקי געפרעגט אביסעל פערשעהמט.

— געוויס קענט איהר קריגען — האט דער ריעל עסטייט מאן, א איד מיט א רויט בלוטיגען פנים געזאגט, ארויסנעמענדיג דעם גראבען סיגאר פון מויל — געוויס קענט איהר קריגען, דאס איז דאך אונזערע ביזנעס !

— איך וויל האבען א „מארטגיידזש" פון פינף טויזענד דאלאר אויף מיין הויז וואו איך וואוין.

— א ערשטען צי א צווייטען ?

— זאל זיין אפילו א דריטען, אבי געלד.

— וויפיל „מארטגיידזש" האט איהר איצט ?

— ערשטען, פיר טויזענד און צווייטען צוויי טוי־זענד.

— האלטען זיי איצט ביים אויסגעהן, צי איהר ווילט זיי פארגרעסערען ?

— פארגרעסערען.

— הייסט עס איהר ווילט בייטען ביידע „מארט־גיידזשעס" ?

ניין, נאר דעם ערשטען.

דאס קען מען ניט. אז מען וויל פערגרעסערען דעם ערשטען, מוז מען אבצאהלען אויך דעם צווייטען.

מוז מען.

וויפיל קען נאך דינען דער ערשטער „מארטגיידזש"?

— צוויי יאהר.

— וועט איהר מוזען פארליערען דעם אינטערעס וואס איהר האט איינגעצאהלט פאר די צוויי יאהר.

— וואס הייסט, צוויי יאהר אינטערעס פון פיער טויזענד דאלאר בעטרעפט דאך עפּעס פיר הונדערט מיט אכציג דאלאר ? איך גלויב ניט צי אזעלכע רייכע לייט וועלען וועלען בעראבעווען א געמיינעם מאן וואס זוכט זיך צו ראטעווען מיט נעמען א „מארטגיידזש" אויף זיין אייגענער היים.

— זיי וועלען וועלען, וויל פון די גערויבטע געל־דער מאכען זיי א לעבען... זייער טענה איז : זיי האבען מורא דאס געלט וועט ליגען און זיי וועלען ניט האבען וואו עס צו פערטהון.

— וואס זשע איז די עצה ?

— די עצה איז, צו נעמען א דריטען „מארטגיידזש": א דריטער וועט קאסען ביליגער.

— זאָל זיין א דריטער.

— לאָזט מיר דעם אדרעס וואו איהר וואוינט וועל איך א קוק געבען אויף דער הויז און קומט מארגען פריה וועל איך אייך געבען אן ענטפער.

ווען רודינסקי איז מארגען אין דער פריה געקומען האָט איהם דער ריעל עסטייט מאן געלאָזט וויסען אז ער האט בעטראכט די „הויז" און ער דענקט אז מעהר ווי פיער טויזענד דאָלאר קען ער איהם ניט געבען.

וויפיל זשע וועלען מיך קאסטען די פיער טויזענד דאָלאר פאר א יאהר ?

זיי וועלען אייך קאסטען פיער און צוואנציג פּראָ־צענט „באָנוס", דאס הייסט : ניין הונדערט מיט זעכ־ציג דאָלאר, חוץ די רעגעלע באנק פּראָצענט.

רודינסקין האָט דאס בלוט א זעץ געטוהן אין פּנים. ער איז געבליבען זיצען ווי פערשטיינערט.

— קען מען עפּעס פון דעם געלט אבדינגען ? — האָט רודינסקי סתם אזוי א פרעג געטהון האלב אין שפּאס.

— קיין איין סענט ניט, דאס זיינען די אלגעמיינע „באָנוס" וואס מיר רעכענען.

רודינסקי האט גענומען די העט און זיך געלאָזט ארויסגעהן.

— איהר קענט זיך בעדענקען — האט דער ריעל עסטייט־מאן געזאגט אין א רוהיגען טאָן. רעדט זיך איבער.

— „אָל־רייט" — האָט רודינסקי ווי צומישט גע־ענטפערט, און איז פּאמעלאך ארויסגעגאנגען.

ער איז געבליבען שטעהן פון דער זייט טהיר און

זיך איינגעהערט צי מען רופט איהם צוריק. ער האט זיך דערמאנט אז ער דארף אין א פּאר טעג ארום צאהלען א נאוט אין באנק, און לויט דעם קליינעם באלאנס וואס ער טראָגט דארט די לעצטע צייט, קען זיין מ׳זאל איהם דעם נאוט איבערבייטען.

ער איז פּאמעלאך צוריק ארייננעגאנגען און געזאגט דעם ריעל עסטייט מאן, אז ער האט זיך באדענקט צו נעמען א דריטען „מארטגיידזש”.

— גוט — האָט דער ריעל עסטייט מאן געענט־פערט צופרידען — היינט נעהם איך זיך צו דער אר־בייט, קומט אין א פּאר טעג ארום וועלען מיר מאכען א „סעטעלמענט.”

אין א פּאָר טעג ארום האָט רודינסקי געקראָגען די פיער טויזענד דאָלאר, פון וועלכע מ׳האָט אראָפּגענומען די „באָנוס”, מיט די רעגעלע בענק פּראָצענט, און נאָך איינינע צונעפאלענע קליינינקייטען. . .

קאפיטעל דריי און דרייסיג

נ י י ע ה ל ו א ה

ניי יאָהר איז געקומען.

די פעדלערס זיינען זיך צונויפגעקומען.

ביי רודינסקין האָט זיך ווידער געררודערט. ער האָט אריינגעקראָגען א היבשע סומע מזומן, מיט א סך גע־„דייטעטע" טשעקס, צו דעפאזיטען מיט א פּאָר וואָכען שפּעטער.

רודינסקי איז געווען פרעהליך, אויפגעלעגט, און האָט געשניטען סחורה רעכטס און לינקס.

איצט איז איהם די לאגע געוואָרען א סך בעסער: די מזומן, וואָס ער האָט איינגעלייזט, אויך פון די טשעקס, וואָס ער האָט שוין ניט ווילענדיג געמוזט „בייטען", האָט ער געטראָגען אין באנק א היבשען באלאנס, און דער באלאנס האָט געקענט אָנהאלטען א פּאָר וואָכען, וויל פאר די לעצטע „בילס", וואָס ער האָט איינגעהאנ־דעלט, האָט ער ערשט באדארפט צאָהלען שפּעטער.

האָט ער אָנגעהויבען טראַכטען, אַז איצט איז די צייט צו בעטען אין באַנק א גרעסערן קרעדיט.

האָט ער אויסגעמאַכט פאר דער באַנק א נייעם סטייטמענט, און אָנגעגעבען, אַז ער פאַרמאָגט אייגענעם קאַפּיטאַל איבער צוואנציג טויזענד דאָלאַר, און האָט דעם סטייטמענט אוועקגעשיקט דורך פּאָסט. שפּעטער האט ער אויך צושיקט „סטייטמענטס“ צו די „רעיטינג“ קאָמ־פּאַניעס.

אין יענעם אָווענד איז רודינסקי געווען שטאַרק אויפ־געלעגט: ער האט זיך געשפּיעלט מיט די קינדער, און זיך גע׳חכמה׳ט פאר דינה׳ן.

— מאָרגען, דינה, געה איך אין באַנק בעטען געלד. א נייע הלואה פון גאַנצע צוויי טויזענד דאָלאַר.

— שוין, ווידער געלד? — האט דינה פאַרוואונ־דערט געפרעגט. — האָסט דאָך ערשט אַריינגעקראָגען אַזוי פיעל געלד? און וויפיעל איז דען זינט דו האָסט דעם „מאָרטגיידזש“ געקראגען?

— שרעק זיך ניט, מיין טייערע, איך דאַרף איצט קיין געלד ניט. איך וויל נאָר זעהן צי וועל איך קענען קריגען געלד נאָך דעם, וואָס איך טראָג א גרויסען „באַ־לאַנס“.

— צו וואָס זאָלסטו צאָלען איבעריגע פּראָצענט ווען דו דאַרפסט ניט? — האָט דינה אַן ערנסטע גע־פרעגט.

— עס מאַכט ניט. ס׳איז כדאי עס זאָל קאָסטען עטליכע דאָלאַר, אום זיך אַרויפצואַרבייטען א קרעדיט. און אויב איך וועל ניט קריגען, וועל איך אַריין אין אַן אַנדער באַנק. איצט איז די צייט. ניט שטענדיג קען איך

עס אויספיהרען. ניט שטענדיג האָב איך א „באַלאַנס".

— איך וויים? — האָט דינה רוהיג געענטפערט. — פארשטעהסט דאָך די ביזנעס בעסער פאר מיר. אויב דו דענקסט אזוי, טהו ווי דו פארשטעהסט.

— בלייבט עס אזוי. געה איך, הייסט עס, מאָרגען אין באַנק. און אז איך קריג געלד, געהען מיר מאָרגען אין טעאַטער.

— זאָל דיר גאָט העלפען, — האָט דינה געזאָגט מיט א שמייכעל. — ווער עס פארגינט דיר ניט, זאָל אליין ניט האָבען.

אינדערפריה האט רודינסקי אויסגעפילט צוויי נאָטעס צו טויזענד דאָלאר און איז אוועק מיט זיי אין באַנק.

דער באַנקיר האט א קוועטש געטאָן א קנעפּל און אן אָנגעשטעלטער האָט איהם אריינגעבראַכט רודינסקי'ס סטייטמענט מיטן „באַלאַנס".

ער האָט איהם די „נאָוטס" אריינגעשריבען.

רודינסקי איז ארויס פון דאָרט איבערגליקליך.

אריינקומענדיג אין קלייט אריין, האָט ער געטראָפען דאָרט א מאַן, וואָס געהט ארום מאַכען נייע „דעפּאָזי־טאָרס" פאר א באַנק, וואָס האָט זיך ניט לאַנג געעפענט.

דער מאַן האָט איהם פאָרגעשלאָגען ער זאָל ווערען א דעפּאָזיטאָר אין דער נייער באַנק.

— איך באַלאַנג אין א באַנק — האָט איהם רודינ־סקי מיט א נוטען שמייכעל געענטפערט, און זיך געפּו־נען געשמייכעלט וואָס מ'איז געקומען איהם בעטען.

— איז וואָס, טאָרט איהר ניט באַלאַנגען נאָך אין א באַנק?

— מיין באַנק באַהאַנדעלט מיך ניט שלעכט און איך האָב ניט קיין אורזאכע צו באַלאַנגען נאָך אין א באַנק.

— פון וואנען ווייסט איהר, אפשר וועט אייך אונזער באַנק נאָך בעסער באַהאַנדלען? צווייטענס, איך הייס אייך ניט ארויס פון אייער באַנק, איהר קענט באַלאַנגען איןביידע און קריגען אין ביידע ווען איהר וועט דארפען.

— ס'איז אָבער עפּעס ניט שעהן צו באַלאַנגען אין צוויי בענק.

— וואָס מיינט איהר ס'איז ניט שעהן?

— איך ווייס?...

— ענטשולדיגט, מר. רודינסקי, וואס איך נעהם זיך דאס רעכט אייך זאגען, אז איהר זייט ניט קיין גוטער ביזנעסמאַן. א גוטער ביזנעסמאַן באַלאַנגט נאָר צו צוויי בענק. איהר דארפט ווייסען אז א באַנק איז ניט קיין צדקה־אנשטאלט. א באַנק וויל אין אייך פארדיענען. פון די זעקס פּראצענט וואס זי באַקומט פאר איהר געלט, קען זי ניט עקזיסטירען. פארלאַנגט זי פון אייך איהר זאָלט האלטען א „באַלאַנס“ פון צוואנציג פּראצענט. דאָס הייסט: אויב איהר באָרגט פיער טויזענד דאָלאַר, טאָרט איהר פון זיי מעהר ניט נוצען ווי דריי טויזענד, צוויי הונדערט, און אכט הונדערט דאָלאַר מוזט איהר האלטען באַלאַנס. אויב ניט הייסט איהר א שלעכטער „אקאונט“, און די באַנק וועט אייך קיין געלט ניט באָרגען, און וועט אייך אויך ניט געבען קיין קרעדיט אויף אייערע טשעקס וואס איהר וועט דעפּאזיטען. און וואס טהוט איהר אז ביזנעס ווערען שוואך און איהר קענט קיין באַלאַנס ניט האלטען? איז לא

די וואס עס קומט אייך קיין געלט ניט אריין פון קונ־דען ציהט נאך די באנק צוריק איהר קרעדיט, און איהר זענט „קאפוט". דערפאר זאג איך, אז א גוטער ביזנעסמאן דארף באלאנגען אין צוויי בענק, איהר קענט האלטען דאן א גרעסערען באלאנס. און אז איהר האלט א גרעסערען באלאנס קריגט איהר געלט ווען איהר דארפט.

— איהר פארשטעהט ?

— אבער וואס וועט מיין באנק זאגען ווען זי וועט אויסגעפינען אז איך באלאנג נאך אין איינער ? האט רודינסקי מיט א האלבען ערנסט געפרעגט.

— נאך בעסער : ווען זי וועט וויסען אז איהר קענט זיך העלפען, וועט זי האבען פאר אייך מעהר דרך ארץ... און נאך א זאך : אלס ערפאהרענער מאן אין בענקינג ביזנעס, וויל איך אייך זאגען, אז ס'איז פאר אייך שטענ־דיג בעסער אז די זעלבע סומע וואס איהר זענט שולדיג אין איין באנק זאלט איהר שולדיג זיין צו צוויי. זי וועט אויף אייך ווייניגער קוקען... ווייל אז עס קומט איהר ביי אייך א גרעסערע סומע, טראכט זי וועגען אייך מעהר... פונקט ווי איהר טראכט מעהר פון אייערען אן אקאונט, ווען עס קומט אייך פון איהם א גרעסערע סומע...

— הייסט עס אז אייער באנק וועט מיר געבען אזוי פיעל קרעדיט וויפיעל איך האב אין מיין באנק ?

— געוויס, — אויב ניט מעהר.

— דאס הייסט, אז איך האב היינט צו טאג אין מיין באנק א קרעדיט פון פינף טויזענד דאלאר, וועט מיר אייער באנק אויך געבען פינף טויזענד, אויב ניט מעהר ?

— אזוי דענק איך ; אבער פארגעסט ניט וואס

איך האָב אייך געזאָגט: אז אפילו ווען איהר זאָלט אין ביידע בענק קריגען נאָר פינף טויזענד דאָלאַר, איז פאַר אייך אויך בעסער אין צוויי בענק צו באַלאַנגען. איהר זענט מעהר געזיכערט.

— א ל ר א י ט! — האָט רודינסקי געזאָגט ציד־ הענדיג די ווערטער — איך וועל מיך באַדענקען.

— איך גלויב איהר האָט זיך ניט וואָס צו באַ־ דענקען. נעהמען געלט דאַרף מען ניט דענקען — האָט דער מאַן געזאָגט מיט א קלוגען שמייכעל — איבעריגנס איך וועל זיין דאָ מאָרגען.

— גוט־באַי!

ווען רודינסקי איז אויף דערנאַכט אהיים געקומען, איז ער געווען שטאַרק פרעהליך. ער האָט דערצעהלט דינה'ן אז ער האָט געקראָגען אין באַנק די צוויי טויזענד דאָלאַר, און אז מען בעט איהם צו באַלאַנגען נאָך אין א באַנק, וואו ער וועט קענען קריגען נאָך פינף טויזענד דאָלאַר.

וואָס הייסט? — האָט דינה געפרעגט מיט פאַר־ וואונדערונג.

— אָט דאָס הייסט: ס'האָט זיך געעפענט א נייע באַנק, און מען זוכט „דעפאָזיטאָרס".

— נו, וועסטו באַלאַנגען אין צוויי בענק?

— יא.

— וועסטו דאָך דאַרפען מאַכען צווייערליי „דע־ פאָזיטס"?

— וועל איך מאַכען.

— לייזט דען אזוי פיעל, צוויי „דעפאָזיטס" צו מאַכען?

— און אז איך לייז ניט אזוי פיעל, איז וואָס ? בייט מען איבער א טשעק און מען דעפּאזיט. און וואו צו בייטען טשעקס דארף מען ניט זוכען, די לעצטע צייט לויפען אלע „הזשאבערס“ ארום בייטען טשעקס, אז ס'איז מיר שוין נמאס אין מיין באנק אזוי פיעל פרעמדע טשעקס צו דעפּאזיטען. אבער איך קען מיר ניט העלפען, איך קען זיי ניט ענטזאגען, ווייל זיי בייטען מיר אויך איבער ווען איך דארף.

— וועט דיך דאך קאסטען א סך פּראצענט ?

— בלאטע : אז איך וועל קויפען סחורה פאר מזומן, וועל איך מאכען פינף מאָל אזוי פיעל וויפיעל עס וועט מיך קאסטען דער פּראצענט.

— טאמער וועט אבער דיין באנק געוואויר ווערען אז דו בעלאנגסט נאך אין א באנק און וועט דיר אב־שניידען דעם קרעדיט ?

— אויך גארניט. ערשטענס וועט זי ניט וויסען. איך בין ניט מחויב איהר דערצעהלען. צווייטענס, האָט מיר דער מאן פון דער באנק געזאגט אז די באנק וועט האָבען פאר מיר מעהר דרך ארץ ווען זי וועט וויסען אז נאך א באנק לייעט מיר געלט. דריטענס, וואָס האב איך דאָ וואָס אנצואווערען ? דעם קרעדיט וואָס איך קריג ביי מיר אין באנק, גיט מען דאך מיר דאָ באלד ! איך קען נאר פארלאנגען מ'זאל מיר די פינף טויזענד דאלאר באלד ארייענשרייבען. אויב ניט, איז ניט. נאר דאָס וועלען מיר זעהען מארגען, איך וועל מיך נאך באַ־רעכענען, דערווייל גיב עסען, אי דאס שנעל. פאר־געס ניט, איך האב דיר צוגעזאגט צו טראקטירען מיט טעאטער.

נו, און די קינדער ? וואס וועלען מיר טהון מיט די קינדער ?

— הא ? — מיט די קינדער ? — כ'האָב גאר וועגען דעם ניט געטראכט !

קאפיטעל פיער און דרייסיג

אמעריקא ערקלעהרט מלחמה דייטשלאנד

דעם זעכצעגנטען אפריל, האָט אמעריקא ערקלעהרט דייטשלאנד מלחמה.

איז אין לאנד געוואָרען אן איבערקעהרעניש: א גרויסע צאהל יונגווארג האָט מען אוועק גענומען צו רע־גיערונגס ארבייט, און א גרעסערע צאהל האָט מען אויף די שלאכט פעלדער אוועקגעשיקט.

די פרייזען אויף סחורות האבען זיך א שטארקען הויב געטהון: וואָל סטריט האט אנגעשטעלט איהר גאנצען צייטונגס אפאראט, און זיי האבען גע„בומט" אז סחורה וועט בראנד טייער ווערען.

זייער נבואה האבען זיי באגרינדעט אויפ'ן פאקט, וואָס מען נעהמט די יונגווארג אוועק פון דער ארבייט און דאָס לאנד וועט ווערען פאראליזירט, עס וועט ניט זיין וואס צו פארקויפען.

האבען מענשען געגלויבט און זיך פארגרייט מיט סחורה. מ׳האָט געצאהלט וויפיעל מ׳האָט געפאדערט, מ׳האָט געוואוסט אז וואלל סטריט נעהמט זיך „בומען" וועט שוין ווערען טייער.

אויך רודינסקי איז געוועזן פון די גלויביגע.

קיין מאנגעל אין געלט האָט ער ניט געהאט, ער האָט שוין איצט אין צוויי בענק קרעדיט געהאט.

האָט ער געקויפט : אביסעל פאר מזומן, און דאָס איבעריגע אויף בארג. און אז די היימישע הור־טאווניקעס האבען דערשמעקט אז מ׳קען איצט מיט רו־דינסקי׳ן טהון ביזנעס, האבען זיי איהם אנגעהויבען צו־שטעלען מציאות. ער האָט די גאנצע קלייט מיט סחורה פארלייגט.

און אז מען האָט סחורה, מוז מען פארט לייזען, ווי שלעכט עס זאל ניט זיין. און אז מען לייזט אפּ הונדערט דאלאר, קויפט מען פאר צוויי.

האָט רודינסקי געלייזט און געקויפט.

מיט אמאָל האָט זיך צעטראגען א נייעס, אז אלע מיהלען ווערען פארמאכט, ס׳האָט זיי ניט ווער צו באַ־ארבייטען.

האבען די גרויסע אויסבאהאלטען זייער סחורה, האָ־בען גארניט געהאט וואָס צו פארקויפען...

האבען די קליינע דערווייל געטהון ביזנעס.

אויך רודינסקי האָט גוטע געשעפטען געמאכט.

די צייט פון דריטען „מארטגיידזש" האָט זיך גע־ענדיגט. און רודינסקי האָט ערהאלטען א פאדערונג דאָס געלט צו באצאהלען.

פון די גרויסע ספעקולאציעס וואָס מענשען האבען

געמאכט, און פון די גרויסע הלוואות וואָס דאָס לאַנד האָט קיין אויסלאַנד ארויסגעגעבן, איז געוואָרען אן ענג־שאַפט אין געלט.

האבען די „מארטגיידזשירס" געשינדען א הויט.

איז רודינסקי געצוואונגען געווען צאָהלען נאך א גרעסערען „באָנוס" . . .

ווינטער איז געקומען.

מ'האָט אָנגעהויבען ריידען, אז ביז פינף און פערציג יאָהר וועט מען מוזען געהן אין מלחמה.

איז אין דער קרעדיט וועלט געוואָרען א מהומה. מ'האָט זיך אָנגעהויבען צוריקהאַלטען מיט קרעדיט.

אויך די בענק האָבען די קרעדיטען צוריקגעצויגען.

אין „מארקעט" האָט זיך אָנגעהויבען פיהלען א שוואכקייט. ס'האָט זיך אָנגעהויבען צייגען סחורה. די, וואָס האָבען באַדאַרפט געלד, זיינען געצוואונגען געווען צו פארקויפען זייער סחורה אונטערן פרייז.

רודינסקי'ס קרעדיט איז געווען גוט. ער האָט גע־צאָהלט זיינע בילס אין צייט.

האָט מען זיך אָנגעשלאָגען איהם סחורה צו פאר־קויפען.

האָט ער געקויפט און פארקויפט, און האָט גוטע פארדינסטען געמאַכט.

דעם פינף און צוואַנציגסטען דעצעמבער האָט רו־דינסקי גענומען „סטאָק", און ער האָט אויסגעפונען, אז ער האָט דעם יאָהר געמאַכט אַכט טויזענד דאָלאַר, חוץ אַלע הוצאות.

איז ער געווען איבערגליקליך, דאָס הארץ האָט זיך

אין איהם געפרעהט. דער לאָך פון די פינף טויזענד דאָ־לאַר איז שוין געווען אויסגעפילט, און ער האָט נאָך פּארמאַנט אייגענע דריי טויזענד דאָלאַר.

דעם ערשטען יאַנואר האָט ער ערהאַלטען „בלייַנקס“ פון די בענק און זיי האָבען איהם געבעטען ער זאָל זיי אויספילען מיט זיין לעצטער „אינוועטאַרי“.

האָט רודינסקי אויסגעפילט די „סטייטמענטס“ און האָט אָנגעצייגט, אז ער האָט דאָס יאָהר געמאַכט צוועלף טויזענד ניינציג דאָלאַר מיט זעכציג סענט ריינעם פּאר־דינסט, און זיין קאַפּיטאל באַשטעהט איצט פון צוויי און דרייסיג טויזענד צוויי הונדערט דאָלאַר מיט אכציג סענט און האָט די „סטייטמענטס“ דורך פּאָסט אװעקגעשיקט.

די זעלבע „סטייטמענטס“ האָט ער אויך צושיקט צו די „רייטינג“ קאָמפּאַניס.

אין א פּאָר וואָכען אַרום איז געקומען איינער פון א „רייטינג“ קאָמפּאַני און האט איהם פאַרגעלעגט ער זאָל קויפען ביי זיי א בוך.

— וויפיל קאָסט א בוך?

— הונדערט מיט פופציג דאָלאַר.

רודינסקי איז געבליבען שטעהן א צודרעהטער: ער האָט געמיינט א בוך קאָסט פינף דאָלאַר, האָט ער איהם געוואָלט געבען א „שאו“ פּילייכט וואָלט ער איהם געגעבען א „רייטינג“.

— איך וועל זיך איבערדענקען, — האָט רודינסקי געענטפערט אביסעל צומישט.

ער האָט זיך דורכגערעדט וועגען דעם מיט קרענג־לען, האָט איהם קרענגעל געראַטען נעמען א בוך.

— פאַרשטעהסט, אז מען נעמט א בוך איז מען א

„קאַסטאָמער". . .און א קאַסטאָמער שענקט מען מעהר אויפמערקזאמקייט. . .

רודינסקי האָט איהם נעפאַלגט.

יענעם וויינטער האָט ער געקראָגען א „רייטינג" פון צוואנציג ביז פינף און דרייסיג טויזענד דאָלאר.

איצט האָט ער שוין געקענט קויפען סחורה אין די גרעסטע הייזער.

דער זומער איז געווען א שלעכטער. דאָס אוועק־נעמען אזא גרויסע צאָל מענשען פון לאנד, האָט שטארק געווירקט אויף די ביזנעס. ס'איז ניט געווען וועמען קיין סחורה צו פארקויפען. ווען איינער האָט שוין געוואָלט עפּעס קויפען, האָט מען איהם מורא געהאט צו געטרויען, מ'האָט איהם געצעהלט די יאָהרען. . .

אויך ביי רודינסקי'ן זיינען די ביזנעס ווי אפגעהאקט געוואָרען. א סך פון זיינע קונים זיינען צום פראָנט גע־שיקט געוואָרען, און א סך האָבען ערווארטעט מ'זאָל זיי רופען און האָבען קיין בילס ניט געצאָלט.

דאָס ערשטע האָבען דאָס די בענק דערפילט, האָבען זיי נעלאָזט וויסען די גרויסע „דעפּאזיטאָרס" זיי זאָלען זיך צוריקהאַלטען מיט קרעדיט.

האָבען די דעפּאזיטאָרס פארשטאנען, אז מען ער־ווארטעט א קריזיס.

האָבען זיי זיך ארויסגעלאָזט פארקויפען זייער „סטאָק", און האָבען אָנגעהויבען איינריידען דעם עולם, אז סחורה מוז טייער ווערען. . . ממה נפשך: וועט די מלחמה אָנהאַלטען, מוז דאָך זיין טייער, וועט די מלחמה זיך ענדיגען, וועט דאָך אודאי זיין טייער, ווייל עס ווע־

לען א גרויסע צאָהל מענשען צוריקקומען און וועלען דאַר־
פען קליידער.

האָבען די קלענערע געגלויבט און געקויפט.

אויך רודינסקי איז געווען פון די גלויביגע, און האָט זיך מיט א סך סחורה פאַרזאָרגט. אלעס, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט פון זיי, איז געווען, מ'זאָל איהם געבען א לענגערע צייט צום באַצאָהלען.

האָט ער געקראָגען.

דער „אַסיען" האָט זיך געשטעלט א וואָרימער, האָט די וואָרימקייט די שפּאַנישע אינפלוענציא פאַרשלעפּט. ס'האָט זיך פאַרשפּרייט א „פלו". מענשען זיינען ווי פליגען געפאַלען. היינט האָט ער גערעדט מיט'ן שכן און מאָרגען איז מען צו זיין לויה געגאַנגען.

פון קיין ביזנעס האָט מען ניט גערעדט, זיינען קיינעם אין זינען ניט געליגען.

זיינען די ביזנעס אינגאַנצען פּאַראַליזירט געוואָרען.

מ'האָט ניט געקויפט.

מ'האָט ניט פערקויפט.

און מ'האָט קיין בילס ניט געצאָהלט.

קאפיטעל פינף און דרייסיג

מלחמה געענדיגט.

דעם עלפטען נאוועמבער ניינצען הונדערט און אכט־צען, דריי א זייגער פארטאג, האט א שטורמישער אויפ־ברויז פון א פייפעריי, און גלאקען קלינגעניש, אנגעזאגט די פרעהליכע בשורה, אז די וועלט־מלחמה האט זיך גע־ענדיגט.

איז די מענשהייט מיטאמאל פערשכורט געווארען, און האט אין אן עקסטאז פון פרייד אויסגעבראכען. מ'האט זיך געהאלזט און געקושט, געוויינט און געטאנצט, געזונגען און געשפרונגען.

דערנאך האבען זיך אלע אין א „מארטש" אוועקגע־לאזט. פארווערטס איבער די גאסען זיינען אן אויסמי־שעכץ פון מענשען מיט פאהנען געגאנגען, ניט וויסענדיג אליין וואוהין. פון אלע נאציאנען איז איין נאציאן געווא־רען.

— מזל טוב! מזל טוב! מזל טוב! ...

דער מאנאט יאנואר איז געקומען.

די מענשהייט האט זיך צוביסלעך בערוהיגט און זיך צוריקגעקעהרט צו דער טעגליכער ארבייט. די „פלו” האט זיך אויך איינגעשטילט. די שטארקע פרעסט וואס האבען מיטאמאל א זעץ געטהון, האבען זי פונ׳ם לאנד פערטריבען.

רודינסקי האט ווידער בעקומען „סטייטמענטס” מיט ידידי ברייוולאך, וואו מ׳האט איהם געבעטען ער זאל זיי אויספיהלען.

האט ער זיי אויסגעפיהלט און אנגעוויזען אז ער פערמאגט איצט אן איינענעם קאפיטאל פון פינף און דרייסיג טויזענד זיבען הונדערט, ניין און זיבעציג דאלאר, מיט צוועלף סענט.

קיין „סטאק” פאר זיך האט ער ווידער ניט גענומען: ס׳איז געווען פאר איהם א צו גרויסע ארבייט, און ס׳האט געדארפט צונעמען א סך צייט. און צו וואס האט ער עס באדארפט? דעם חשבון האט ער געוואוסט אויף אויסענווייניג. נאך דעם לעצטען „סטאק” נעמען, האט ער פערמאגט איינענע דריי טויזענד דאלאר. די ערשטע זעקס חדשים זיינען געווען ניט קיין שלעכטע. אפילו ווען ער האט קיין געלט ניט געמאכט, אויפגעגעסען האט ער אודאי ניט. די לעצטע צייט איז אפילו ניט געווען אזוי פויגעלדיג, איז וואס? האט ער אויפגעגעסען טויזענד דאלאר, פערמאגט ער נאך אלץ צוויי טויזענד. און אז עס זאל איהם אפילו פעהלען צוויי טויזענד, איז וואס? ער וועט דען געהן באנקראטירען? אלעס וואס ער דארף איז, ער זאל האבען צו בעצאהלען די בילס מיט די נאוטס.

האט ער זיך אוועקגעזעצט און האט אויסגעסארטירט אלע בילס מיט די נאוטס און אויסגערעכענט וויפיל געלט ער וועט דארפען פאר'ן מאנאט יאנואר.

כמעט אלע נאוטס און בילס האבען זיך ווידער אב־געשטעלט אויף יאנואר צו באצאהלען.

ס'איז איהם מיטאמאל ניט גוט געווארען. ער האט דערפיהלט ווי ס'האט איהם עפעס געגעבען א האק אין קאפ.

ער האט איבערגעלאזט די בילס מיט די נאוטס אויפ'ן שרייב טיש, און איז ארויס פון אפיס.

אין סלייט זיינען געווען א פאר קונים. רודינסקי האט זיי בעגעגענט מיט א שמייכעל. זיי האבען צו איהם גע־רעדט. ער האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ ניט וויסענדיג אליין אויף וואס.

שפעטער האט ער זיך אביסעל בערוהיגט, און זיך ווידער אוועקגעזעצט ביים שרייב טיש.

ער האט זיך ווידער גענומען קוקען אין די בילס און טראכטען מיטלען ווי אזוי דורכצומאכען דעם קריזיס.

צו זיך אליין האט ער געזאגט:

— דעם זיבעטען דארף איך צאהלען ראפאפארטס א נאוט פאר צוועלף הונדערט דאלאר.

שלעכט: מיט ראפאפארטען וועל איך גארנישט קע־נען מאכען. אזוי מאכט ער דעם אנשטעל פון א גוטען ברודער, אבער אז עס קומט צו ביזנעס האט ער נאר זיך אין זינען. און עפעס איז ער צו פיעל חושד . . . איהם וועל איך מוזען געבען א טשעק, כאטש אויף פינף הונ־דערט דאלאר, און איהם בעטען ער זאל דעם נאוט „רע־ניוען" אויף עטליכע טעג. און אויב ער וועט ניט וועלען,

וועל איך איהם א סטראשע טהון אז איך וועל ביי איהם מעהר ניט קויפען . . . און דאס וועט ער ניט וועלען, ווייל פונ'ם ביזנעס שטאנדפונקט וועט זיך עס איהם ניט לוינען, ער האט דאס יאהר ביי מיר מעהר פון צעהן טויזענד דאלאר געלייזט.

דעם נײנטען דארף איך צאהלען די נאקמאנס א נאוט פון נײן הונדערט דאלאר.

ביטער: דאס ערשטע מאל וואס איך האב ביי זיי געקויפט. מען זאגט זיי זיינען ניט קיין גוטע מענשען. איך וועל האבען פון זיי צרות. איך קען דאך מיר אבער ניט העלפען? איך וועל איהם געבען הונדערט דאלאר, און „רעניוען" דעם נאוט אויף דרייסיג טעג. זיי וועלען עס מוזען טהון, זיי זיינען קליינע מענשעלאך און קענען ניט דערלאָזען דער נאוט זאָל געהן „פראטעסטעט", ווייל די באנק וועט דעם נאוט אראבנעהמען פון זייער „אקאונט" . . . און אויב זיי וועלען זיך טאקע עקשן'ען, וועל איך זיי א סטראשע טהון אז איך וועל זיי די סחורה צוריקשיקען. און דאס וועלען זיי ניט וועלען.

דעם צעהנטען דארף איך צאהלען א באנק נאוט, פאר פופצען הונדערט דאלאר:

— דער באנק מוז מען צאהלען, אבער איך קען זיך ניט העלפען, וועל איך מוזען „רעניוען". איך וועל זיי געבען א טשעק פאר פינף הונדערט דאלאר, מיט א נאוט פאר טויזענד. איך וועל זיי ערקלעהרען די לאגע, אז צוליעב דער „פלו" איז קיין געלט ניט אריינגעקומען. און זיי וועלען איהם מוזען אריינשרייבען. אין יענעם טאג וועל איך קיין „באלאנס" ניט האבען, וועלען זיי ניט האבען פון וואס דעם נאוט אראפנעמען . . . אמת, איך האב

עס נאך קיינמאל ניט געטהון, אבער איך מוז דאך! און ס'איז טאקע ניט געפעהרליך אויך: א סך מענשען טהוען עס. א סך מענשען צאהלען קיינמאל זייערע נאוטס ניט אב. זיי צאהלען נאוטס מיט נאוטס. לייגען אריין א נייעם און נעמען ארויס דעם אלטען. די בענק ארט עס ניט. אבי דער מאן איז גוט.

דעם עלפטען דארף איך צאהלען א ביל מוירפין, פאר זעקס הונדערט דאלאר.

— שלעכט; מוירפי איז זעהר „סטריקט". ער שליעסט באלד צו דעם אקאונט.

סאיז איהם נעקומען אויפ'ן זינען ער זאל מאכען א „קאמפליין", אז עס פעהלט איהם צו דער מאס . . . סיי ווי פעהלט איהם צו יעדען שטיקעל סחורה צו האלבע, און צו דריי פערטעל יארד. ביי מוירפי מוז שטענדיג פעה־לען. ס'איז דערווייל פופציג שטיקלאך סחורה, דאס הייסט ביי דרייסיג יארד ווייניגער. אז עס פעהלט ביי איהם צו דער ביל צעהן סענט, שיקט ער דעם טשעק צוריק. זעהר א „סטריקטער" מאן, אבער נאר פאר יענעם . . .

— יא, איך וועל מאכען א „קאמפליין". איך ווייס ס'וועט מיר גארנישט העלפען, ער וועט שיקען א מאן אי־בערמעסטען, און דער מאן וועט אויסציהען די סחורה און צייגען אז ס'פעהלט ניט, אבער דערווייל וועל איך גע־וואונען צייט . . .

דעם צוועלפטען און דרייצעהנטען לויפען אן ברוינ־שטיינ'ס צוויי בילס פאר אכטצען הונדערט דאלאר. פאר ברוינשטיינען האב איך קיין מורא ניט. אויב איך וועל קענען וועל איך איין ביל באצאהלען. אויב ניט איז אויך ניט געפעהרליך. ברוינשטיין איז א גוטער

מענש, און אחוץ ביזנעס, איז ער אויך א גוטער ברו־דער. קיין שלעכטעס וועט ער מיר געוויס ניט טהון.

דעם פערצעהנטען: ווידער א באנק נאוט. וועל איך איהם ווידער „רעניוען״.

פון פופצעהנטען ביז׳ן צוואנציגסטען, לויפען אן איינינגע בילס פון די קליינע „דזשאבערס״: — ניט גע־פעהרליך. זיי קען איך אבציהען. קיין אומגליק שטעהט דא ניט. וועלען זיי מיר מעהר ניט פערקויפען. איך מאך פון זיי פיי ווי קיין לעבען ניט.

דעם צוויי און צוואנציגסטען און דריי און צוואנ־ציגסטען: שערסקים צוויי נאוטס. וועל איך זיי „רעניוען״. ניט קיין אומגליק. זיי האבען אין מיר שוין גענוג געמאכט.

דעם דרייסיגסטען: א באנק נאוט — „רעניוען״.

אין אוקשען דארף איך צאהלען דעם ערשטען. און אויב ניט, איז דעם אנדערן ערשטען....

די איבעריגע נאוטס זיינען „איבערגעטשענדזשע־טע״ — ביי גוטע פריינד וועל איך זיי ווידער „טשענד־זשען״ . . . .

בלייבען נאר די „קארפארייזשאנס״. וועל איך זיי דעם חודש ניט צאהלען. וואס קען זיין דער אומגליק? זיי וועלען רעכענען פענים... טאקע א גרויסער פראצענט, אבער . . .

רודינסקי האט זיך אביסעל אויסגעגלייכט און פריי אפגעאטעמט. הייסט עס, אז קיין געפאהר איז נישטא, ניט מעהר, איך וועל האבען קאפדרעהעניש. איז וואס? איז עס ביי מיר א נייעס? איך בין דאך שוין דערצו געוואוינט! און חוץ דעם זעה איך דא ניט קיין גרויסע

קאפדרעהעניש. נאָכ'ן חשבון נאך דארף איך דעם חודש קיין סך געלט ניט האָבען. סך הכל עטליכע טויזענד דאָלאר. אזא סומע וועט דאך מיר געוויס אריינקומען? און ווי וועל איך עפּעס ניט לייזען אביסעל מזומן?

רודינסקי'ס פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט. ער האָט צוריק בעקומען זיין געוועהנליכען שמייכעל.

קאפיטעל זעקס און דרייסיג

וואָל סטריט

אין א פּאר טעג ארום, ווען רודינסקי האט אויפ־שטעהענדיג פון געלעגער א כאפּ געטאהן די מארגען צייטונג, דורכקוקען ווי געוועהנליך די קעפּלעך פון די לעצטע נייעסען, האָט זיך איהם געווארפען אין די אויגען אן אויסערגעוועהנליך גרויס צייטונגס קעפּעל „וואָל סטריט".

דער נאמען וואָל סטריט איז ביי איהם געווען א צויבערליך ווארט. עפּעס האָט ער א שוידער אין דעם נאמען געפיהלט. דער שוידער איז איהם נאָך פון אייראָפּא פערבליבען. נאך דארט, ווען ער פלעגט דערהערען דאס וואָרט וואָל סטריט, פלעגט איהם דורכגעהן א גרויל דורכ'ן לייב. זיין נשמה האָט זיך א צאפּעל געטהון. זיין פאנטאזיע האָט איהם געמאָהלען וואל סטריט פאר אַ בייזער חיה וואס מאכט ציטערען א וועלט, און

דיקטירט אלעמען זיינע געשעפטען. וואָל סטריט האט ער געוואוסט, קען הויבען און ווארפען די פרייזען פון דער גאנצער וועלט, קען מאכען פון ארים רייך, פון גליקליך אומגליקליך. מיט וואָל סטריט'ס כח קען זיך איינער לעגען א קבצן, און אויפשטעהן אן עושר. און פארקעהרט. און וועה איז צו דעם וואס וואל סטריט איז נעגען איהם . . .

זיין בעל הבית, אין אייראפא, וועלכער האט געהאנדעלט מיט לייוועגט פלעגט אלע טאג געהן אין פאסט אריין זיך נאכפרעגען ביי די קאמיסיאנערען וואס וואל סטריט זאגט, און האט ער געהערט אז וואָל סטריט זאגט א פערטעל סענט נידריגער, האָט ער זיך דערשראָקען און האט קיין איין קונה נים געלאזט אוועקגעהן נים געקויפט. האט ער געהערט אז וואָל סטריט זאגט א פערטעל סענט העכער, האט ער פעריסען דעם נאָז ביז צום הימעל, מ'האָט יענעם טאָג צו איהם ריידען נים געקענט.

ווען רודינסקי איז געקומען קיין אמעריקא, איז ער דאס ערשטע אוועק זעהן וואָל סטריט. א מאגנעטישע קראפט האט איהם אהין געצויגען, ער האט מיט זיינע אייגענע אויגען געוואלט זעהען די בייזע חיה וואס מאכט ציטערן א וועלט און האלט יעדען אין שרעק.

איז ער אוועק אהין מיט זיינעם א פריינד וואָס האט אויך אמאל פון וואל סטריט די מפלה געקראגען, און איז איצט דאָרט אן אפטער באזוכער. ער וויל דארט אפגעווינען דאס פארלוירענע . . .

זיינען זיי צוגעקומען צו א פלאץ וואו טויזענדער מענשען זיינען געשטאנען אין מיטען גאס, פעררימען די

קעפ צו די „הימעל קראצערס”, און האָבען עפּעס געציינט אויף די פינגער, אויף דער נאז און אויפ׳ן שטערן און געמרוקעט ווי די בהמות, אין אן אומפארשטענדליכער שפּראך. און קולות! ממש צום דול ווערען.

רודינסקי איז געבליבען שטעהן פארציטערט. ער האָט שוין אין זיין לעבען גענוג משוגעים געזעהן, ביי זיי אליין אין שטעדטעל זיינען דריי משוגעים געווען. אבער א גאנצע נאס מיט משוגעים האָט ער נאך קיין מאל ניט באגעגענט. און ס׳איז איהם געקומען אויפ׳ן געדאנק, אז דא האט מען געמוזט ארויספיהרען די משוגעים פון א גרויסען דול־הויז אויף דער פרישער לופט....

— דאס איז וואָל סטריט — האט איהם זיין פריינד ערקלעהרט: דאס זיינען וואָל סטריטער סוחרים, מעקלערס, אגענטען, ספּעקולאנטען, און בראקערס. זיי שרייען ארויף אהין אין די פּענסטער, וואו עס געפינען זיך זייערע קאָנטאָרען, און געבען זיי פינגער, נאז און שטערן צייכענס. דאס איז א מין סודות שפּראך פאר דען פון זיי אז דער אנדערער זאל עס ניט פערשטעהן. און אין יעדען פענסטער זיצט א בראָקער וואס איז, דורך עלעקטרישע דראָטען, פערבונדען מיט דער גאנצער וועלט, און לאזט דארט וויסען אין זייערע קאנטארען אלעס וואס דא ווערט אפּגעטאָהן. וויפיעל צענטעל עס איז ארויף, און וויפיעל אראָפּ...

א סך יאָהרען זיינען שוין אוועק זינט רודינסקי האָט יענע וואָל סטריטער פּאנאראמע געזעהן, און דאָך שטעהט איהם נאָך יענע בילד פאר די אויגען.

רודינסקי האט דערזעהן דעם נאָמען וואָל סטריט און דאס הארץ האָט ביי איהם א ציטער געטאהן.....

ער האָט נערוועז איבערגעלייענט די גרויסע אותיות אונטער'ן סעפעל: „אין וואָל סטריט איז א מפלה, סטאָק געפאלען אויף פופציג פראָצענט“

א פאר מינוט איז ער געבליבען שטעהן אומבאוועגליך, דערנאָך האָט ער אנגעהויבען שפאנען איבער דער שטוב, הין און צוריק.

ער האָט דערפיהלט א שטארקע נערוועזיטעט, און ער האָט מורא געהאט אז דינה זאָל זיך פאר איהם ניט דערשרעקען, ווען זי וועט אראָפקומען. ער האט אויף שנעל אנגעטהון דעם ראק מיט דער העט און זיך ארויסגערוקט.

ער איז אריינגעקומען אין קליינט און האָט אונטער זיך פארשלאָסען די טיר. ס'איז נאך געווען זעהר פריה און ער האָט געוואלט בלייבען מיט זיך אליין, קיינער זאָל איהם ניט שטערען אין טראכטען.

ער האט א קוק געטאָהן אויפ'ן „סטאק“. ער האָט זיך איהם דאס מאָל אויסגעוויזען גרעסער ווי אימער. ער האט איהם א שאַצ-געטהון אין פערציג טויזענד דאָלאר.

ס'איז איהם געקומען אויפ'ן זינען, אז דאָס מאָל איז ער רואינירט. דער סטאק האט שוין נאָר די ווערט צוואנציג טויזענד. דאס הייסט, ער האט מיט אמאָהל פערלוירען צוואנציג טויזענד דאָלאר פרעמד געלט. און עס קען נאך פאלען. ווייל א סך ארטיקלען וואס קאסטען איצט א דאָלאר א יארד, האָבען פאר דער מלחמה געקאָסט נאָר דרייסיג סענט.

איצט איז ביי איהם קלאָהר געווארען ווי דער טאָג, אז ער קען מעהר אין ביזנעס ניט שטעהן. מיט א לאך

פון פינף טויזענד דאָלאַר, האָט ער אויך דעם טאָג מיט ניסים דורכגעמאכט, און ווי וועט ער קענען דרעהען מיט א לאָך פון צוואנציג טויזענד און מעהר?

וואס זאל ער איצט טהון? אלעס ארענטליכער מענש וואלט ער בעדארפט צונויפרופען די קרעדיטארען און זיי אלעס אוועקגעבען. וועלען זיי האָבען פופציג פראָצענט. האָט ער אבער מורא דאָס צו טאָהן און די ערשטע קרעדיטארען וואס ער וועט זיי לאזען וויסען, זאַלען ניט קומען שלעפען סחורה פון די ראפטען... געהן צו א לאָיער? האָט ער מורא, עס וועט קיינעם גאָרנישט בלייבען . . .

און וואָס וועט ער דערנאָך טאָהן? ער וועט דאָך בלייבען אהן א סענט. ער וועט דאך ניט האבען קיין מיטלען צו ערנעהרען זיין פאמיליע? ער קען דאך די קרעדיטארען; אז זיי וועלען וויסען אז ער בלייבט אהן א סענט וועט מען איהם קיין שטיקעל סחורה ניט וועלען באָרגען. ער וועט דאך שוין הייסען צוויי מאָל א באנקראָטירטער?

ער האט זיך ארומגעדרעהט אין קלייט צוטומעלט. ער האט ניט געוואוסט וואס ער זאל פריהער אנהויבען צו טהון. ער האט פאר זיך קיין אנדער וועג ווי באנקראָטירען ניט געזעהן. ער האט ביז איצט געטהון דאס בעסטע וואס ער האט געקענט, ער זאל די שאנדע ניט באגעגענען, אבער אומזיסט. דער באנקראט איז אומפארמיידליך. ער מוז געהן . . .

דער פאסט טרעגער איז צוגעקומען און האט דורך דעם לאָך פון דער טיר אריינגעווארפען די בריעף. נאָך איהם איז דער ארבייטער צוגעקומען.

רודינסקי האָט אויפגעשלאָסען די טיר, האט אריינגעלאזט דעם ארבייטער, און אליין איז ער אריין אין קאנטאָר און זיך גענומען דורכקוקען די בריעף.

ס'האט זיך איהם געווארפען אין די אויגען צוויי בריעף פוןביידע בענק וואו ער בעלאנגט.

דאס הארץ האט זיך איהם א ווארף געטהון . . . .
וואס עפעס פלוצלונג פון די בענק? אפשר זיינען טשעקס צוריקגעקומען? נאך דאס פעהלט איצט.

מיט שרעק האט ער אויפגעריסען איין בריעף און געפינען א „הודעה" אז א דזשאבערס א טשעק וואס ער האט איהם צוריק מיט א פאר טאג „געביטען" איז צוריקגעקומען. ער האט אויפגעמאכט דעם צווייטען בריעף: די באנק וויל איהם זעהען . . .

וואס זאל מיך פלוצלונג די באנק דארפען? — האט רודינסקי זיך אליין געפרעגט — נייעס, ניט גלאטיג.

אין א שטונדע ארום איז רודינסקי געזעסען אויפ'ן „זארג בענקעל" און געווארט.

דער אנגעשטעלטער האט איהם געהייסען אריינגעהען.

דער באנקיר האט איהם גע'עצה'ט ער זאל פארקלענערען דעם סטאק; ער זאל איהם שניידען אויף העלפט. ווייל אין די קומענדע עטליכע חדשים, וועט די באנק פארקלענערען די קרעדיטען פון איהרע דעפאזיטארס.

— יא, מיין ענדע איז געקומען — האט רודינסקי צו זיך אליין גערעדט ווען ער איז פון באנק ארויס . . . .

קאפיטעל זיבען און דרייסיג

פארקלענערט דעם סטאק

יענעם טאג איז רודינסקי ארומגעגאנגען א צעטראָגענער, ער האט קיין שום באגריף ניט געהאט וואס ער זאל אנהויבען טהון. באנקראָטירען קען ער ניט, ווען ער זאל שוין אפילו ווע‏לען: ער האט ערשט ארויסגעגעבען א „סטייטמענט” אז ער פארמאגט פינף און דרייסיג טויזענד זיבען הונדערט ניין און זיבעציג דאָלאר מיט צוועלף סענט, אייגענעם קאפיטאל. ער וועט דאָך דארפען אפגעבען חשבון וואו דאס געלד איז, אפילו ווען מען וועט רעכענען דעם סטאק ווי ער קאסט. שטעהען אין ביזנעס איז דאָך אזאך פון דער אומעגליכקייט. די סחורה דארף מען פארקויפען מיט פופציג פראצענט דעם דאָלאר, און די בילס דארפען צאהלען נאנצע הונדערט.

האָט ער דעם גאַנצען טאָג כמעט פערבראַכט ביי זיך אין קאַנטאָר, ער האָט זיך באַנעגענען מיט קיין מענשען ניט געוואָלט. די ביזנעס האָט ער איבערגעלאָזט צום אַרבעטער און האָט איהם אָנגעזאָגט ער זאָל איהם וואָס ווייניגער דולען, ווייל ער דאַרף איבער רעכענען איינינע חשבונות.

האָט ער געטראַכט און געטראַכט און גאָרניט געקענט אויסטראַכטען. איין זאַך איז איהם געווען קלאָר, אַז ער מוז פאַרקויפען סטאָק, ווייל אַז עס הויבט אָן פאַלען, וועט שוין פאַלען. איז גלייכער פאַר איהם, לכל הדעות, ער זאָל פאַר איהם וואָס גיכער אָפּלייזען, און איהם מאַכען צו געלט. און אַז ער וועט האָבען געלט וועט ער זיך קענען דרעהען אַ שטיק צייט. און פּילייכט וועט ער זיך קענען אַזוי אַריבער דרעהען די זעקס חדשים וואָס ער איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר'ן „סטייטמענט", עס זאָל איהם כאָטש ניט דראָהען קיין פּריזאָן . . . .

דער אַרבעטער איז אַריינגעגאַנגען אין אָפיס און האָט איהם געזאָגט אַז ס'איז דאָ אַ קונה וואָס ער וויל נאָר ביי איהם קויפען, אויב ניט געהט ער אַוועק, ניט געקויפט. רודינסקי האָט זיך אויפגעהויבען, האָט אָנגעשטעלט אַ שמייכעלדיגען פּנים, און איז געגאַנגען באַנעגענען דעם קונה. דאָס איז געווען אַ קליינער מאַנופעקטשורער, וואָס ביי יעדען מאָל וואָס ער האָט געקויפט, האָט ער זיך באַריהמט, אויב מען וועט איהם אַראָבגעבען פינף פּראָצענט פון דעם ביל, צאָהלט ער מזומן. רודינסקי האָט עס קיינמאָל ניט געטהון ער האָט גענומען ווי דאַרפען געלט — ס'איז איהם פּשוט ניט אָנגעשטאַנען.

ס'איז איהם געקומען אויפ'ן זינען אז דאס מאל זאל ער איהם א גרויסע ביל פארקויפען און איהם אראָבגעבען פינף פראָצענט פאר מזומן.

ער האט איהם אנגעהויבען ציינען פארשיעדענע ארטיקלען מיט ביליגע פרייזען און האט געלייזט ביי איהם איבער טויזענד דאָלאר.

דער מאנופעקטשורער האט באמערקט אז די ביל ווערט א גרויסע — האט ער איבערגעטראכט רודינסקי זאל זיך ניט הייסען געבען האלב מזומן.

פינף פראָצענט אראָפּ פון דער ביל צאהל איך „קעש" — האט דער מאנופעקטשורער א זאג געטהון אום זיך צו הויבען דעם קרעדיט . . .

— נעהט עס — האָט רודינסקי אויף שנעל איהם אין זוארט געכאפּט. דאס מאל נעהם איך אייך אויף. איך דארף זעהר נויטיג געלט. אבער איך וויל אייך בעטען קיינער זאל דערפון ניט וויסען.

— אָלרייט — האָט דער מאנופעקטשורער געזאָגט צוטומעלט, און האָט אָנגעהויבען נאָכאמאָל דורכקוקען די סחורה.

רודינסקי איז געשטאַנען און געקוקט ווי ער באַטראכט די סחורה, און דאס הארץ האָט איהם געזאָגט אז ער וועט חרטה האבען.

— איך האָב חרטה אויפ'ן געשעפט, — האָט דער מאנופעקטשורער געזאָגט אראָפּקוקענדיג צו דער סחורה.

— ס'איז ניט אזא גרויסע מציאה איך זאל צאהלען מזומן.

רודינסקי האָט געזעהן אז דער „סייל" ווערט צו־דרעהט, האָט ער אָנגעהויבען צוריקדרעהן :

— וועל, איך שפּאַס נאר אזוי, — האָט ער שמייכלענדיג א זאָג געטאָן. — איהר זענט גוט פאר'ן געלט, אייער געלט איז ביי מיר סיי ווי מזומן.

— אָלרייט, — האט דער מאנופעקטשורער צופרידען געזאָגט, — איהר קענט מיר די סחורה שיקען. גודביי!

רודינסקי'ן איז איצט געווארען ניט גוט: דאס העכסטע וואס ער האָט איהם אמאָל געבאָרגט איז געווען דריי הונדערט דאָלאר.

האָט ער געטראכט אהין, געטראכט אהער, זיך געעצה'ט מיט'ן ארבייטער, און —

האָט איהם די סחורה געשיקט.

דער חודש יאנואר איז געווען א רעש'ענדיגער. די פעדלערס האבען זיך ווידער אוועקגעלאָזט צו דער סאוט, האבען זיי זיך פארגרייט מיט סחורה.

רודינסקי האָט זיך גענומען פארקלענערען דעם סטאָק און לייזען וואס מעהר מזומן. האָט ער געשניטען רעבּײט און לינקס. געלייזט ביליגער פון יעדען, געגעבען גרעסערע קרעדיטס, און גענומען טשעקס אויף שפּעטער.

מיט די געלט־ביזנעס האט ער זיך אויך ווי עס איז דורכגעשלאָגען, לויט דעם פּלאַן ווי ער האָט זיך אויסגעפּלאנעוועט. די נאָוטס האט ער אָפּגעשטופּט אויף פעברואר. איינינגע האבען זיך גע'עקשנ'ט און ניט געוואָלט די נאוטס „רעניוען", האָט ער זיי געגעבען טשעקס אויף שפּעטער. די בילס האט ער איננאנצען אָפּגעצויגען: מאָרגען, איבערמאָרגען.

די צייט צו צאָהלען אינקאם טעקס איז געקומען.

דאס לעצטע יאָהר האט ער קיין אינקאם טעקס ניט געצאהלט. אמת ער האט טאקע אנגעוויזען אז ער האט געלד געמאכט, אבער ער ווייסט דאך אז ס'איז לִגען; ער האט דאך עס נאר געטאָן אום א „רייטינג" צו באַקומען, צו קענען פאָהרען קיין ניו יאָרק נאך סחורה. אָבער מיט דער רעגירונג האט דאך עס ניט צו טאָן. שיצט אבער שמועסט מען אז ווער עס וועט ניט צאהלען קיין אינקאם־טעקס שמעקט מיט פריזאָן.

האָבען אלע געצאָהלט.

רודינסקי האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבען: געבען דער רעגירונג אן אנדער סטייטמענט, האָט ער מורא טאָמער וועט מען אויסגעפינען אז צו די רייטינג קאָמפּאַניעס האָט ער געגעבען אן אנדער סטייטמענט. און דאן וועט מען דאָך שוין וועלען אויסגעפינען וועלכער סטייטמענט ס'איז אן אמת'ער . . . וועט דאָך זיין צרות . . . מען וואָלט דאָך שוין געקומען זוכען און גריבלען אין די ביכער פון לעצטען יאָהר . . .

האָט ער געטראכט, געטראכט און ווידער געטראכט. אום עס זאָל איהם ניט פערשאפען קיין נייע צרות, זאָל ער בעסער דער רעגירונג אויך געבען דעם זעלבען סטייטמענט און צאָהלען די עטליכע הונדערט דאָלאר אינקאם־טעקס . . .

דער חודש פעווראל איז פאָריבער, די פעדלערס זיינען צעפאָהרען אויפ'ן „ראוד", איינינגע האָבען די פעקלאך מיט זיך גענומען, אנדערע האָבען זיי איבערגעלאָזט פונ'ם וועג צו רופען. די מאנופעקטשורערס זיינען געזעסען אָהן ארבייט, האָבען זיי אבגעלעגט די

„הענד“ און געלאזט נאָר אייניגע נוצליכע סעמפּלס פאר'ן נייעם סיזאָן צו מאכען. ביי די לאחדים'ניקעס איז געווען נאר פוסט. מ'האָט קיין לעבעדיגען מענשען ארייננקומען ניט געזעהן. קיין ווינטער סחורה האָט מען ניט געקויפט, און פאר זומער סחורה איז נאָך צו פריה געווען.

ביי רודינסקי'ן אין קלייט איז געווען א פוסטינג און אויפ'ן הארצען איז איהם געווען קאלאמוטנע.

פון די „געדייטעטע“ טשעקס וואָס ער האָט גערעכענט אז דאָס געלט וועט ארייננקומען, האָט זיך אויסגעלאָזט א בוידים: א סך טשעקס זיינען צוריקגעקומען פון דער באַנק מיט דער בעמערקונג: „ניטאָ קיין געלד“ די בעסערע קאָסטאָמער האָבען ידידי בריוועלאך צוגעשריבען ער זאָל די טשעקס ניט דעפּאזיטען ביז זיי וועלען איהם לאָזען וויסען קומענדיג „אויף א נייער“ טעריטאָריע. אויף די „סטייטמענטס“ וואָס ער האָט ארויסגעשיקט האָט קיינער ניט געענטפערט, אייניגע האָבען זיך גאָר געפונען באליידיגט וואָס מען דולט זיי איצט מיט סטייטמענטס.

מיט'ן אָנקומען פונ'ם חודש פעווראל זיינען צו די געוועהנליכע בילס און נאוטס, וואָס ער האָט געהאט צו צאָהלען, אויך צוגעקומען די אָבגעשטופּטע נאוטס און בילס פון חודש יאנואר.

רודינסקי האָט געלעבט אָהן א פּלאן. ער האָט יעדען טאָג דורכגעמאכט מיט נסים, געכאַפּט דאָ און געגעבען דאָרט. געביטען טשעקס, „רעניועט“ נאוטס און צוגעזאָגט אויף שפּעטער . . . וואו ער וועט נעמען שפּעטער, האָט ער אליין ניט געוואוסט. פון דעם וואָס ער האָט

זיך שוין ניט געקענט אויסדרעהען, האָט ער געגעבען א „גערייטעטען" טשעק אויף עטליכע טעג שפּעטער. ער האָט געהאָפט אז סוף כל סוף וועט דאָך איהם אריינקומען געלט, עס מוז דאָך קומען! ער האָט דאָך א האַלבע קלייט אויספערקויפט!

די טעג וואָס ער האָט באַדאַרפט די בענק נאָטיס צאָהלען, האָבען זיך דערנעהענטערט, און זיי האָבען איהם רוהען ניט געלאָזט. אַלעס וואָס ער האָט געהאָפט איז געוועזן אויף דער פּאָסט.

אבער די פּאָסט האט גארניט געבראַכט.

רודינסקי האָט ארומגעשפּאַנט אין קלייט הין און צוריק, האָט געקוקט אויף די פערבליבענע פּעקליך וואָס די פּעדלער האָבען ביי איהם איבערגעלאָזט ווי זיי ליגען אויסגעלעגט אויף דער אויבערשטער ראַפּט ביז צו דער סטעליע. זיי האבען ביי איהם אויסגעזעהען ווי פּאַפּי-רענע מצבות און האבען איהם דערמאַנט אין גרויסען טור-מעל פון מאנאט יאנואר. ער האט געקוקט אויף די ראַפּ-טען, פון וועלכע עס קוקען ארוים די לעכער . . .

ער האָט א טראַכט געטהון, אז ער מוז די לעכער פערלעגען. עס קען שאַטען צו קרעדיט . . . אָבער ער מוז איצט זוכען נייע פּלעצער וואו צו קויפען, ווייל די אַלטע האָט ער די לעצטע צייט ניט צופרידען געשטעלט. און עפּעס פיהלט ער ניט צו זיי איצט אריינגעהן . . .

יענעם טאָג איז ער געוועזן שטאַרק נערוועז. ער האָט אַלע מאָל געבלעטערט דעם בוך און געטראַכט אז אויפ'ן בעסטען פאַל האָט דער בוך מעהר פון פופציג פּראָצענט ניט די ווערט . . .

— יא, איך בין קאפּוט — האָט רודינסקי צו זיך אליין גערעדט — דער יום המיתה דערנעהענטערט זיך . . .

און שטאַרבען האָט ער זעהר ניט געוואָלט. ער וואָלט זיך געוואונשען אלע יאָהרען זיך אזוי מוטשען, אבי ניט באַנקראָטירען.

האָט ער זיך נאָך מעהר אָנגעשטרענגט. האָט ער נאָך מעהר געליטען.

און געשמייכעלט . . .

קאַפּיטעל אכט און דרייסיג

פּריוואַטע קאָרפּאָריישאָן

איינמאָל, ווען רודינסקי איז געשטאַנען און געטראַכט צו וועמען מען גיהט היינט בייטען א טשעק, זיינען אריינגעקומען צוויי יונגע לייט און האָבען זיך געפּרענט אויף איהם.

רודינסקי האָט זיך פאר זיי פארגעשטעלט.

זאָגען זיי איהם :

—— מיר זיינען פערטרעטער פון א גרויסער פּריוואַטער קארפּאריישאן, מיר זיינען געקומען צו אייך פרעגען „רעפערענס” אויף א פירמע וואס בעט ביי אונז אן הלואה.

איינער פון די צוויי יונגע לייט האט איהם אריינגערעדט א סוד אין אויער, ווער די פירמע איז.

רודינסקי איז געבליבען א פערגאפטער. ער האט זיינע אייגענע אויערען ניט געגלויבט. ער האט שטענדיג געדיינקט אז יענע פרימע איז גוט אפ, און צום סוף לייהען זיי נאר געלט אין א פריוואט קארפאריישאן?

ער האט זיך אביסעל געישובט און געענטפערט:

— אויף וויפיעל איך וויים, זיינען זיי ארענטליכע מענשען, און מען מעג זיי בארגען.

די יונגע לייט האבען איהם געדאנקט, האבען איהם געלאזט א קארד און געבעטען, אויב ער וועט וויסען ווער עס דארף געלט זאל ער איהם צו זיי רעקאמענדירען, ווייל זייערע בעדינגונגען זיינען זעהר ליבעראל.

— וואס זיינען אייערע בעדינגונגען? — האט רודינסקי זיי ערענסט געפרעגט, און ווי אזוי לייט איהר געלט?

מיר לייען אויף „סטאקס" און אויף „דזשאדזשמענט נאוטס" און מיר קריגען זעקס פראצענט, מיט עקסטרא צעהן דאלאר פון יעדען הונדערט „באנוס".

— אללרייט, — האט רודינסקי געענטפערט מיט א טרויעריגען שמייכעל — אז איך וועל וויסען פון אזעלכע וואס ווילען צאהלען אזא פראצענט, וועל איך זיי שיקען צו אייך.

האבען זיך די יונגע לייט געזעגענט און אוועק־געגאנגען.

רודינסקי האט דעם גאנצען טאג וועגען דעם גע־טראכט. ער האט ניט געקענט פערשטעהן ווי אזוי דזשא־בערס וואס מאכען אין בעסטען פאל צעהן פראצענט, זא־לען קענען בארגען ביי זיי געלט.

ער האט דעם סוד פערטרויעט קרענגלען.

קרעננעל האט א שמייכעל געטהון און געזאגט אז ס'איז ליגען. די לייטע האבען פשוט אזא מעטהאדע: זיי געהן ארום צווישען די דזשאבערס, און פרעגען כלומר'שט רעפרענס אויף א צווייטען, און לאזען איהם דערוויל איבער א קארד...

רודינסקי האט אבער די מעשה ניט געקענט פערגעסען. ער האט געטראכט אויב ס'איז אמת וועלען סוף כל סוף יענע פריהער אדער שפעטער מוזען באנקראטירען, און אויב יא, וואלט ער געקענט ביי זיי קויפען סחורה פאר זיין פרייז.

מארגען זיינען די צוויי יונגע לייט ווידער געקומען.

רודינסקי איז צוגעגאנגען צום פענסטער און זיך גענומען דארט אויסגלייכען די סחורה און האט בגנבה געכאפט א קוק אין דרויסען צי האט עמיצער ניט באמערקט די צוויי יונגע לייט צו איהם אריינגעהן...

— ענטשולדיגט מיסטער רודינסקי — האט זיך איינער פון די צוויי צו איהם אנגערופען — וואס מיר דולען אייך א קאפ אומזיסט. מ'האט אונז געזאגט אז איהר זענט אן ארענטליכער מאן און מ'קען זיך אויף אייערווארט פארלאזען. מיר ווילען אייך פרעגען נאך א „רעפרענס".

ער האט איהם ווידער אריינגעראמט א סוד אין אויער.

— נו און די נעכטיגע הלואה האט איהר שוין דורכגעפיהרט? — האט רודינסקי כלאחר יד געפרעגט, ווי ער האט אין דעם קיין איבעריגען אינטערעס ניט.

— „שור"! — האט דער יונגערמאן קורץ געענטפערט — ביי אונז געהט עס איינס און צוויי.

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת — האָט רודינסקי געזאגט ציהענדיג מיט די אקסלען — עפּעס גלויבט זיך ניט אז דזשאבערס זאלען צאהלען אזא הויכען פּראָצענט, נאך דעם וואס זיי פארדיענען אזוי ווייניג. מיר דאכט אז דאס אליין איז שוין גענוג „רעפרענס"...

— פערדיענען ווייניג ? — האָט דער יונגערמאן גע־צויגען די ווערטער — איהר זאגט זיי פערדיענען ווייניג. מיר וואונדערט זעהר וואס אזא קלוגער ביזנעס־מאן ווי איהר זענט, זאלט עס גאָר זאגען : א מאן האט צו קויפען א דזשאב פאר צוויי טויזענד דאָלאר, און וועלכען ער איז זיכער ער קען אין איהם מאכען, פון האנד צו האנד טויזענד דאָלאר, לוינט זיך איהם ניט ער זאל בע־צאהלען אזעלכע צוויי הונדערט דאָלאר ? וואס זשע, אכט הונדערט דאָלאר געהן עפּעס צו פּיס ? אהן אונזער געלט קען ער דאך די אכט הונדערט דאלאר ניט מאכען. חוץ דעם בלייבען דאך איהם ערשט צוויי טויזענד דאלאר פאר גאנצע דריי חדשים. אין די בענק קאסט דאך איהם, מיט'ן באלאנס וואס ער טראגט, אכט פּראצענט ?

רודינסקי האָט איהם אנגעקוקט סארקאסטיש : ער האָט זיך דערמאנט אין קרענגעלס ווערטער אז עס קען זיין ס'איז אינגאנצען א ליגען. נאר אויב זיי לייען טאקע איז עס פּשוט דערפאר ווייל זיי ווילען באנקראטירען.

ער האָט א טראכט געטהון צי עס וואלט ניט געווען א פּלאן צו מאכען ביי זיי אן הלואה פון צוויי טויזענד דאלאר און קויפען סטאק ביי יענע... איהם וועט זיך דאך עס געוויס באצאָהלען ! . . . ער וועט אזוי ביסלעכווייז קע־נען אוועקקויפען ביי זיי דעם גאנצען סטאק פאר פּופציג פּראצענט, און דאס וועט איהם ראטעווען פון זיין לאגע...

— און וויפיעל וועט איהר מיר רעכענען ווען איך וועל מאכען ביי אייך אן הלואה פון צוויי טויזענד דאלאר?

— האָט רודינסקי האלב אין ערענסט געפרעגט.

— דאס זעלבע: דאס זיינען אונזערע „רולס“.

— אללרייט — האָט רודינסקי געזאגט האלב שע־מעוודיג — לאזט מיר איבער אייער קארד, די נעכטיגע האב איך ערגיץ אוועקגעלעגט. מעגליך איך וועל היינט זיין ביי אייך.

זיי האבען איהם דערלאנגט א קארד, און זיינען אוועקגעגאנגען.

אין יענעם טאג איז רודינסקי ניט געגאנגען. עפּעס האָט ער זיך געשעהמט און געשראקען צו צאהלען אזא הויכען פּראצענט.

פארנאכט ווען ער איז אהיים געקומען און האט זיך צום טיש געזעצט, איז ער געווען שטארק צעטראגען. דינה האָט באמערקט זיין צעטראגענקייט און געפרעגט:

— שוין? ווידער צרות, הא? עפּעס ביזטו מיר שוין ווידער צעטראגען.

— גארנישט — האָט רודינסקי געענטפערט — איך בין ניט צעטראגען, איך טראכט פּשוט ווי מענשען צאהלען עס אביסעל פּראצענט. פאר צוויי טויזענד דאלאר אויף דריי חדשים, צאהלט מען צוויי הונדערט דאלאר, מיט עקסטרא זעקס פּראצענט.

— נו, איז וואס? — האָט דינה געענטפערט פּא־רענדיג זיך מיט די טעלער, אז מען דארף צאהלט מען.

— וואס הייסט מען דארף — האָט זיך רודינסקי ווי געבייזערט — זאגסט זיך אפּ אזוי גרינג „אז מען דארף“ ווער דארף נאך אזוי געלט ווי איך? נו? וועל איך געהן צאהלען אזא הויכען פּראצענט?

— אז מען קען זיך העלפען איז אודאי גוט.

— און אז מען קען זיך ניט העלפען ?

— צאהלט מען. ס'איז דאך בעסער צו צאהלען א גרעסערען פראצענט, ווי זיך שטענדיג צו דרעהען דעם קאפ, ארומגעהן צעטראגען און אנווארפען אויף יעדען א מרה שחורה ?

— איך וואלט עס למשל ניט טהון — האט רודינסקי געענטפערט ווי בעליידיגט. זאל עס טהון ווער עס וויל, ניט איך. א ביזנעס וואס שטעהט אויף פינף אדער זעקס פראצענט קען אזא הויכען פראצענט ניט צאהלען. עס מוז פיהרען צו באנקראט.

ביינאכט, האט רודינסקי ניט געקענט שלאפען. זיינע נערוון זיינען געווען צו פיעל אנגעשטרענגט.

ער האט באמערקט ווי דינה באוועגט זיך.

— שלאפסט דינה ?

— ניין.

— עפעס שלאפט זיך מיר אויך ניט. איך טראכט... איך טראכט אז דו האסט רעכט. איידער זיך אזוי דרעהן אלע טאג דעם קאפ, ארומגעהן ווי צומולט און ניט קענען שלאפען ביי נאכט, איז שוין בעסער צאהלען א גרעסערן פראצענט. איך בין דאך סיי ווי הינטערשטעליג מיט נאט וויינסט וויפיל, איז נאך מיט צוויי הונדערט דאלאר. איך מוז דאך האבען געלט. איך מוז דאך איצט שטעהן אין די ביזנעס. איך האב דאך געגעבען א סטייטמענט. די צוויי טויזענד דאלאר קענען דאך מיך נאך אויפהאלטען א שטיק צייט און אפשר וועלען זיי מיך נאר ראטעווען ? ! . . .

קאפיטעל ניין און דרייסיג

„דזשאַדזשמענט־נאָוטס“.

אין דערפריה איז רודינסקי אוועק צום פּריוואַט קאָר־פּאָריישאַן נאָך אַן הלוואה. ער האָט געוואָלט זיין דאָרט דער ערשטער, אום קיינעם ניט צו בעגעגענען....

דער בוכהאַלטער, א יונגערמאַן מיט א שטרענגען אויסזעהן, האָט זיך פאָר איהם פאָרגעשטעלט. ווען רו־דינסקי האָט איהם געזאָגט וואָס ער וויל, האָט ער איהם ערקלעהרט די „רולס“ פון'ם קאָרפּאָריישאַן אַז ער דאַרף געבען א „דזשאַדזשמענט־נאָוט“ מיט אַן „אינדאָרסער“.

— וואָס הייסט ? — האָט רודינסקי געפרעגט בע־לייידיגט. מיין אייגענער נאָוט איז ניט גוט, מען דאַרף נאָך א צווייטער זאָל אונטערשרייבען ?

— אזוי זיינען אונזערע רולס — האָט דער בוכהאַל־טער רוהיג געענטפערט. מיר לייען געלט נאָר אויף „סטאָקס“ אָדער אויף גאַראַנטירטע וועקסלען.

— אלרייט — האט רודינסקי געזאגט אין א בע־ליידיגטען טאן — איך וועל זיך בעדענקען.

אויפ'ן וועג אהיים, האט ער געטראכט, אז די לייטע פון די פריוואט קארפאריישאנס זיינען הויט־שינדערס, פאראזיטען.

אין קלייט איז ער געשטאנען צודרעהט, ער האט ניט געוואוסט צו וואס זיך צו נעהמען.

אייב בראנז איז אריינגעקומען.

— „גוט מארנינג" !

— „גוט מארנינג" ! — וואס עפעס אזוי פריה ?

— האט רודינסקי געפרעגט פערוואונדערט.

— מיר זיינען היינט געקומען פריה, — האט בראנז מיט א געמאכטער שטאלצקייט געענטפערט. — ס'איז ביי אונז א יום הדין, מיר דארפען היינט צאהלען נאוטס פאר פינף טויזענד דאלאר. אין די בענק זיינען מיר שוין איבערפיעלט, און א „באלאנס" האבען מיר כך וכך, בין איך געקומען צו אייך נאך א טובה.

— דהיינו, ?

— דהיינו, איך האב אויסגעמאכט צוויי נאוטס צו צוויי טויזענד פינף הונדערט דאלאר, איינעם האט מיר פרענקעל אונטערגעשריבען און דעם צווייטען וויל איך איהר זאלט מיר אונטערשרייבען.

— איהר האט דאך שוין מיינע צוויי נאוטס אין אייערע בענק ? — האט רודינסקי געזאגט צו איהם אין אן ערענסטען טאן — אויפ'ן צווייטען נאוט האט מען דאך שוין געמאכט א שאלה ?

— די נאוטס געהען ניט אין די בענק. זיי געהען אין א פריוואט קארפאריישאן.

רודינסקי איז געבליבען ווי צעטומעלט. ער האט זיך אוועקגעזעצט ביים שרייב־טיש און סתם געזוכט צווי־שען די פאפיערען.

בראנז האט פערשטאנען זיין צעטומעלטקייט ; ער האָט איהם גוט־ברודערש א קלאפ געטהון אין דער פּליי־צע און זאגט צו איהם :

— „גאר־עט", וועניגער געטראכט, איך וועל אייך געבען א געגען נאוט אויף פינף און צוואנציג הונדערט דאלאר, איך דענק איהר קענט איהם אויך נוצען.

— דערווייל דארף איך קיין געלט ניט — האָט רו־דינסקי אונטערגעשטאמעלט ניט וויסענדיג אליין וואס ער זאגט.

— מיר אבער דארפען איצט — האָט בראנז געזאגט קאקעטיש, גלייך ווי עס מאכט ביי איהם כלל ניט אויס וואָס ער בארגט געלט אין א פּרייוועט קארפּארייטשאן און האָט איהם אונטערגעטראגען דעם נאוט.

רודינסקי האָט א קוק געטהון אויפ'ן „דזשאדזשמענט־נאוט", גענומען די פּען און אנגעהויבען זוכען, גלייך ווי ער האט פארגעסען וואו מען דארף זיך אונטערשרייבען...

„קאם־אן" — האָט איהם בראנז אונטערגעטריבען — שרייבט.

— איך וועל אייך זאגען דעם אמת, מיסטער בראנז — האָט רודינסקי געזאגט פערשעהמט אוועקקוקענדיג אין א זייט — איך האב נאך קיינמאל קיין „דזשאָדזשמענט נאוטס" ניט אונטערגעשריבען.

— וואס מיינט איהר ? — האָט בראנז מיט וואונ־דער געפרעגט — איהר לייעט גאר קיינמאל אין אייער קארפּארייטשאָן קיין געלט ניט ? דארט גיט איהר דאך אויך „דזשאָדזשמענט נאוטס" !

— איך ווייס ? ביי מיר אין קארפארייטאן איז עפעס אנדערש.

— וואס עפעס אנדערש ? ס'איז פונקט דאס זעל־בע : ניט מעהר וואס אין אייער קארפארייטאן אז איהר בארגט פינף הונדערט דאלאר, ווייסען דערפון אלע מעמ־בערס, מען שרייבט „אפליקיישאנס" מען „מיטעט", מען „פעסט", מען ווארט אויף „נעקסט" און עס טהוט זיך אפ מעשים. און אין פרייוועט קארפארייטאן ווייסט קיינער ניט, חוץ דער איינציגער „אינדארסער" וואס שרייבט אונטער. ניט מעהר, עס קאסט אביסעל מעהר פראצענט. — איז וואס ? רעכענען מיר ארויף אויף דער סחורה נאך א האלבען פראצענט. — קאם־אן, מאכט זיך ניט נאריש, שרייבט אונטער. און נאט אייך אויך איינעם...

רודינסקי האט גענומען די פען און אנגעהויבען דרעהען...

ער האט דערזעהען ליגען אויפ'ן שרייב־טיש א מעל־דונג פון א נאוט וואס ער דארף היינט צאהלען. ער האט א טראכט געטהון אז ס'קען מעגליך זיין מ'זאל איהם דעם נאוט ניט וועלען „רעניוען".

ער האט דעם נאוט אונטערגעשריבען און געקראגען א נעגען נאוט.

זיי האבען אבגערעדט זיי זאלעןביידע צוזאמען אין קארפארייטאן געהן.

זיינען זיי געגאנגען.

און געקראגען.

דערנאך האבען זיי זיך געביטען מיט די טשעקס. בראנז האט דעפאזיט רודינסקיס טשעק, און רודינסקי זיינעם, אום ניט צו ציהען די אויפמערקזאמקייט פון די בענק...

רודינסקין איז אויף א פאר טעג געווארען לייכטער. אינסטינקטיוו אבער האט ער געפיהלט א שווערינקייט, אן אומעט האָט זיך אויף זיין נשמה בעזעצט...

ס'האבען זיך אנגעהויבען הערען באנקראטען. אין דער גאס אליין, וואו רודינסקי האט געוואוינט, האבען אכט „דזשאבערס" אין איין וואך באנקראטירט.

האט מען אנגעהויבען קוקען אויף יעדען מיט חשד... א סך האָט מען דעם קרעדיט געשניטען.

האבען זיך די „דזשאבערס" דערשראקען און אויפ־געהערט צאהלען.

האָט מען זיי קיין סחורה ניט פערקויפט.

האבען זיי באנקראטירט.

איז געווארען א חשכות.

רודינסקי האָט זיך מיט אלע כוחות געהאלטען. ער האָט געביטען מיט נאוטס, געקראגען געלד פון פרייוועט קארפאריישאנס און געצאהלט. דער געדאנק אז ער קען געהן אין פריזאן פאר א פאלשען סטייטמענט, האט איהם זעהר געשראקען.

האבען די קאמישען הייזער געזעהן אז רודינסקי האלט זיך, האָט מען זיך אנגעשלאגען איהם סחורה צו פערקויפען. מ'האט איהם מיט גאלע מציאות פערלענט. איין „בארגען" גרעסער פון'ם צווייטען.

האָט ער געקויפט.

זיין חשבון איז געוועזן א פשוט'ר : ערשטענס וועט ער אויסמישען די ביליגע סחורה וואס ער האט איצט געקויפט מיט דער טייערער, וואס ער האט פון פריהער, וועט ער דארפען וויינינער פערליערען. צווייטענס, — זאל זיין סחורה ; זאל ער אויך שולדיג זיין... מי יודע ?

אבער די פּרייזען זיינען געפאלען. וואס א טאג איז ביליגער געווארען. די היינטיגע מציאה איז מארגען גע־ווארען אן איבערגעצאהלטער ארטיקעל.

האט ער געקויפט נאך ביליגער, אויסצומישען מיט דער טייערער.

איז מארגען נאך ביליגער געווארען.

דערווייל האט זיך איהם א גרויסער סטאק אנגעקלי־בען, און פערקויפען וועמען איז ניט געווען.

די לאגע איז געווארען שווערער : א שטיק סחורה וואס ער האט דערפאר פופציג דאלאר בעצאהלט, האט ער פארקויפט פאר צוואנציג. און וואס אמאל האט מעהר נעלט צו צאהלען בילס געפעהלט. און מיט זיינע עטליכע בעקאנטע האט ער שוין צו פיעל נאוטס געביטען.

— וואס טהוט מען ? — האט רודינסקי געפרעגט בראנזען שמייכלענדיג — עס פעהלט מיר היינט צו די בענק כך וכך...

— געהט אריין צו לערמאן בראדערס און בייט מיט זיי א נאוט, איך וועל שוין מיט זיין ריידען.

איז ער געגאנגען.

און האט געביטען.

קאפיטעל פערציג

נ ע ר ו ו ע ן

אין דער מיט פון זומער האט רודינסקי אנגעהויבען פיהלען שלעכט : גייסטיג און קערפערליך ; די נערווען זיינען ביי איהם געווארען ערשיטערט. ער איז ארומגעגאנגען אין גרויס אומרוהיגקייט, איז געווען טרויעריג און מעלאנכאליש געשטימט.

האָט איהם דער דאקטאר שטרענג בעפוילען פערלאזען די שטאדט מיט'ן גאנצען געטומעל, אוועק ערגיץ אין א רוהיגען פלאץ, ווייט פון מענשען און מענשלאכען געפילדער, לעבען דארט א נאטירליכען לעבען. פון פיזישער ארבייט. אטהעמען פרישע לופט, ניט ווערען אויפגערעגט, ניט טראכטען און ניט דאגה'ן.

רודינסקין האָט דעם דאקטאר'ס התראה אויסגעקוקט זעהר קאָמיש. — וואס הייסט איבערלאזען אלעס און סתם אוועקפאהרען ? און ווער וועט פיהרען די ביזנעס, וועלכע קענען נאך זיין מיינונג אהן איהם ניט עקזיסטירען ?

—הערסט מיין ווייב—האט זיך רודינסקי אנגערופען צו דינה'ן האלב שפאסיג — איך מיין אז דער דאקטאר ווייסט ניט וואס ער רעדט. נאך מיין מיינונג האב איך שוין בכלל קיין נערוועז ניט, און אויב ס'איז נאָך פארבליבען עפּעס א סימן פון נערוועז, מוזען זיי שוין זיין אזוי צודרעהט און צוקריפּעלט אז מ'וועט זיי שוין קוים קענען „פיסען", און בארוהיגען זיי אין עטלאכע טעג, נאָך א לעבן פון אנשטרענגעניש, קען געוויס קיין רייד ניט זיין.

—איך פארשטעה בכלל ניט ווי אזוי נערוועז קענען רוהען, — האָט זיך רודינסקי ווידער געווערטעלט. — דער קערפּער, פארשטעה איך, קען נאך א שווערען טאָג ארבייט זיך אפּרוהען, ווען ער זיצט, ליגט, אדער שלאפט. די אויגען וואס זיינען מעהר אונטערוואָרפען דער ארבעט פון קערפּער (ווייל זיי מוזען דאך קוקען אפילו ווען דער קערפּער רוהט) רוהען זיי על כל פנים ווען מען שלאפט. אבער די נערוון, ווען רוהען זיי דען ? אפילו ביי נאכט רוהען זיי דאָך אויך ניט ! זיי פלאנטערן דאך צעמאל אן אזעלכע ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע חלומות וואָס דער גרעסטער קינסטלער וואלט זיי ניט געקענט אויספּלאנטערען !

אָבער רודינסקי האָט אנגעהויבען פיהלען ערגער פון טאג צו טאג. ער האָט אנגעהויבען ליידען קאפּ שמערץ און ווערען אפּטער אויפגערעגט. פלעגט אויסלאזען זיין כעס צו דינה'ן און צו די קינדער ניט וויסענדיג אליין פאר וואס.

האָט זיך שוין דינה אויף איהם אנגעזועצט אז ער מוז פאהרען און ער האט איהר צוגעזאגט, אז ער וועט זעהן איינארדענען די ביזנעס אזוי, ער זאל קענען פאה־רען אויף א וואך.

דער צווייטער טאג איז געווען א נודנער און א שווערער. דער בלייענער, כמורנער הימל האט אויף איהם א שלעפעריגקייט אנגעווארפען, ער האָט דערפיהלט א אפּאטישע מיעדקייט און אלע אברים האבען איהם וועה געטוהן.

האָט ער גערופען דינה'ן צום טעלעפאן און איהר גע־לאזט וויסען אז ער האט באשטימט פאהרען, וואס עס זאל זיין פאסירען.

אויף מארגען אין דער פריה, האָט רודינסקי איבער־געגעבען דאס געשעפט צום „מענשען", האָט זיך געזע־גענט מיט דינה'ן און מיט די קינדער, און זיך אוועקגע־לאזט איבער גאטס גרויסער וועלט.

שוין ארויספאהרענדיג פון שטאדט, האט רודינסקי געפיהלט ווי ער האט פון זיך אראבגעווארפען דעם עול פון דער וואך און איז אריין אין יום טוב. ער איז געזעסען ביים אפענעם פענסטער און באטראכט די פעלדער און וועלדער מיט די בוימער פון אלע קאליערען : ליכטיג, גרין, טונקעל־גרין, געהל־גרין, אלעס האט געשמעקט הושענה'דיג און איהם געבראכט אין א יום־טוב'דיגער שטימונג. ער איז פערבייגעפאהרען בוימער פון „פיטשעס", וויינטרויבען בוימלאך. עס זיינען דורכגעפלויגען היגער פארמ'ס, די פארמער זיינען געזעסען אויף די ווארענדעס מיט די פּיס אין דער לופטען און גערויכערט רוהיג די „פייפּס" און הרחבהדיג געקוקט אין גאטס וועלט אריין.

אין רודינסקי'ן האָט זיך אנגעצונדען א לוסט צום רוהיגען לעבען וואס איז ווייט פון זארג און שטאדטישע הצטרכות. ניטא קיין טשעקס, קיין נאוטס, קיין קאפּ דרע־הענישען, קיין נערוועך־פלאצענישען. אלעס נאטירליך, רו־היג, ניט געלאפען. ניט געזארגט.

און עפּעס אן אינערלאכע בענקעניש וואָס איז דורכ־געוועבט מיט פרייד און גליק האָט זיך ארייננגע'גנב'עט אין זיין נשמה און האט איהם אוועקגעפיהרט אין אן אנדער וועלט אריין . . .

אבער דאס גליק האט זיך באלד געענדיגט. מיט־א־מאל האָט ער זיך דערוואכט פון חלום, ער האט זיך דער־מאנט אין דער ווירקליכקייט, אז ער איז אן ארימער קרע־מער, וועלכער האט געלאזט זיין געשעפט אין גרויס דחקות. און א שרעקליכער צער און בושה זיינען איהם בעפאלען . . .

די טריין האָט זיך אבגעשטעלט אויף א סטאנציע ניט ווייט פון א קאונטרי.

רודינסקי איז געפעלען דער פּלאץ זיך דארט אפּ־צושטעלען.

ער איז אראפּ פון טריין און זיך געלאזט געהן צווישען די פארמס.

ער האט זיך אבגעשטעלט אין א פארמערשער הויז וואס איז געשטאנען ווייט פון וועג וואו זייטיגע מענשען פלעגען זעלטען אהין קומען.

ער האט באלד געלאזט וויסען זיין פאמיליע וואו ער געפינט זיך און שטרענג פערזאגט מ'זאל איהם די גאנצע צייט גארניט דערמאנען פון געשעפט.

דאס הויז איז געשטאנען אליין, איינגאנצען אבגעזונדערט פון אנדערע הייזער, ארומגערינגעלט מיט בוימערנע בערג. ארום הויז זיינען געשטאנען א פאר שטאלען צונויפגעקלאפט פון ברעטער. אין איינער האבען גענעכטיגט די הינער, אין דער צווייטער די בהמות. פון דער בהמות שטאל האט ארויסגעשמעקט פריש געקאסעט היי, און א געשטאנק פון פערדערשער צואה. א קוה האט שלעפעריג גע'מעלה'גרה'ט. אפאר גרילען האבען אריינגעגרילצט אין דער שטילקייט. מיט א מאל זיינען זיי שטיל געבליבען און ווידער געגרילצט. אביסעל ווייטער איז געשטאנען א שפייכלעך וואוהין מען פלעגט אריינשיטען די געדראשענע קארן. אונטען אין טאל איז געלעגען אויסגעשפרייט א קליין טייכעל אין וועלכען דער פארמער פלעגט אלע טעג אריינשטעלען די „פאטקע", אזא שטיק סיעטקע וואס האט זיך געהאלטען אויף צוויי אויסגעבויגענע רייפען צוגעבינדען צו א לאנגען שטעקן. די „פאטקע" האט ער פארזיפטיג אריינגעלאזט אין וואסער, געשטאנען אזוי א פינף מינוט, דערנאך זי מיט אמאל א הויב־געטאהן און עס האבען זיך געווארפען פיש. און מיט די פיש האבען זיי זיך גענעהרט.

די פארמערשע פעמיליע איז בעשטאנען פון דריי פערזאנען : דער פארמער, א מאן פון א יאהר פופציג, פעסט געבויעט מיט א געזונטען פערברענטען פנים ; די פארמערקע א יאהר פינף און פערציג מיט א שטענדיגען שמייכעל אויף די ליפען. און א שיקסעל פון א יאהר אכטצעהן וועלכע לעהרענט אין היי סקוהל און זומער העלפט זי אין דער היים ביי דער ארבעט.

רודינסקי האט פארבראכט דעם טאג ארומשפאצי־

רענדיג איגענעם פארם. האט באטראכט אלעס מיט גרויס אויפמערקזאמקייט. געווארפען זאנגען קארן די הינער, געציפּעט וויינשעל פון די בוימער, געמאכט הקפות ארום די לאנערעס קארן און סתם געשלינגען די לופט.

פארנאכט, האט איהם די פארמערקע געגרייט א טיש פון פרישע אייער, פוטער, קעז, מילך און פערשידענע גרינסען. רודינסקי האט עס פארשלונגען מיט גרויס כונה און א מיעדער זיך אוועקגעלעגט אויסרוהען.

גאנץ פריה האבען איהם די פייגעל אויפגעוועקט.

ער האט זיך אויפגעכאפּט אומרוהיג, האט ארויסגעקוקט אין דרויסען זעהן צי קומט דער רעש פון מילכמאן און ער האט דערזעהן פאר זיך א גרינעם פעלד וואס איז בעגאסען מיט א אומגעהויערער ליכטיגקייט. א פריש ווינטעלע איז איבערגעגאנגען איבער'ן וויינשעל בוים וואס האט צו איהם אין פענסטער אריינגעקוקט און האט געגלעט און געצערטעלט די פרישינקע, גרינינקע בלעטעלאך. אונטער'ן בוים זיינען ארומגעגאנגען הינער און געפּיקט צווישען מיסט. דער גאלאגאנער האן האט זיך גדלנות'דיג געדרעהט צווישען די הינער און עפּעס הויך דערצעהלט.

רודינסקי האט זיך צוריק אוועקגעלעגט רוהיג מיט ברייט אפענע אויגען, זיין נשמה האט שירה געזונגען און געגעבען א תפלה צו גאט.

אין דרויסען האט זיך אנגעהויבען רעש'ן. רודינסקי האט זיך רוהיג אנגעטהון, זיך ארומגעוואשען, און איז ארויס אין דרויסען.

די פארמערקע האט איהם בעגעגענט מיט א „גוט מארנינג“, און א ליבער שמייכעל האט זיך צעגאסען אויף איהר פּנים.

— גוט־מארנינג — האָט רודינסקי איהר אבגעענט־פערט אויפגעלעגט.

— גוט געשלאפען ?

— אויסגעצייכענט, — אביסעל ארויס דער גערויש פון דער שטאדט.

— וועסט טרינקען פרישע מילך ?

— געוויס. — אין שטאדט קען איך עס דאך ניט בע־הויפּטען.

— איין סינוט.

די פארמערקע האָט גענומען א גרויסע כלי און זיך גענומען מעלקען די קוה. אין מיטען מעלקען האָט זי אונטערגעשטעלט א גלאָז און אריינגעמאלקען גלייך אין גלאָז אריין.

רודינסקי איז געשטאנען און זיך איינגעקוקט אין די ווייסע שאמענדיגע שטראמלאך מילך וואָס האבען געצורקעט גלייך פון דער קוה אין גלאָז אריין.

זי האָט איהם דערלאנגט איין גלאָז און נאך א גלאָז. רודינסקי האָט זיי אויסגעטרונקען מיט גרויס כונה, ער האָט זיך דערפיהלט אבגעפרישט.

דאָס פארמערשע לעבען איז איהם געוועז אנגענעהם. דאָס איינציגע וואָס האָט איהם צומאָל געשטערט זיין פארגעניגען איז געוועז דאָס וואָס ער האָט זיך דער־מאנט אויף וועמען ער האָט געלאזט די ביזנעס און וועגען זיינע נערוועז...

די ערשטע טעג איז רודינסקי געוועז אין פּראכט־פולער שטימונג. ער האָט געטהון פארמערשע ארבייט, געטריבען די בהמות צו פאשען, געקליבען פרישע אייער,

נעכאפט פיש און „געפראזשעוועט“ פאפשויעס. ער האָט געפיהלט פריש און מונטער. עס האָט זיך איהם געגלוסט זינגען, שפרינגען, קלעטערן אויף בוימער. ער האָט אנגעהויבען פיהלען יונג.

אין דערפריה האָט ער זיך געבאדען אין דער טהוי פון די בעבלעטערטע וויינשעל און פלוימען בוימער. און בייטאג ווען ער איז מיעד געוואָרען פון דער פארמערשער ארבייט, פלעגט ער ארויפקלעטערן אויף א בארג, זיך אוועקלעגען אנטקעגען דער זון, קוקען שוויינענדיג אויף די גאלדענע קארענע פעלדער און אזוי טראכטענדיג אייבדרימלען. פארנאכט ווען די בהמות האבען אנגעהויבען מאריקען, אראבלאזענדיג זיך בארג אראפ צום וואסער, האָט זיך רודינסקי אויפגעכאפט, איז אראבגעגאנגען צום פארם, גענומען די „פאטקע“, איז אראפ צום טייך, געכאפט א פאָר פישלאך, זיי אבגעבראטען, אנגעקליבען עטליכע פרישע אייער אליין זיך אנגעמאלקען פרישע מילך און געפראוועט א סעודה.

אזוי זיינען אוועק די ערשטע דריי טעג.

דער פערטער טאָג האָט איהם שוין אנגעהויבען דערמאנען אן דער ווירקליכקייט... אז באלד לאזען זיך שוין אוים די זיבען יום טוב טעג און ער וועט ווידער דארפען נעהן פאר ביזנעס. וועט דארפען ענטפערן אויף „סטייטמענטס“...

און ווידער האָט ער אנגעהויבען טראכטען וועגען שווערען אויטאמאטישען לעבען, פון צרות, הארץ ברעכעניש און גאל עסעניש.

און וואָס מעהר רודינסקי האָט געטראכט אלץ מעהר הילפלאז האָט ער זיך דערפיהלט. דאָס הארץ איז איהם

געוואָרען שווערער און ס'האָט זיך איהם אויסגעדאכט אז א שווערע כמארע רוקט זיך אויף איהם אָן.

ער האָט זיך דערמאהנט אז דער דאקטאר האָט שטרענג באפוילען ער זאל ניט זארגען. ער האָט מיט־אמאָל איבערגעריסען דאָס טראכטעניש, געכאפּט די „פּאטקע“, איז אראפּ צום טייך און זי ארייגעלאזט אין וואסער.

ס'איז איהם געקומען אויפ'ן געדאנק אז פיש דארף זיין ניט קיין שלעכטע ביזנעס. מ'האנדעלט דאָ מיט נאט, ס'איז ניט אונטערוואָרפען צו קיינעם. זיינע ביזנעס זיינען טאקע די ערגסטע. עס קומט אָן מיט ווערים ביז מען קריגט די סחורה, מען דארף געבען „סטייטמענטס“, דאָס הייסט זיך ארייגלעגען צום מלאך המות אין די הענד... און אז מען קריגט שוין דאָס ביסעל סחורה, צו־טהיילט מען עס גלאט אין דער וועלט אריין, צו וועמען עס וויל נאר נעהמען.

ס'איז איהם געקומען אויפ'ן זינען אז דער גאנצער בוך זיינער מיט חובות האָט כמעט גארניט די ווערטה. ווען מען טרעט צו איהם ערנסט צו, וואלט מען פון איהם גארניט געקענט ארויסקריגען...

ביי דעם געדאנק האָט רודינסקי דערפיהלט אז עס האָט איהם א האק געטהון אין מח. ער האָט איבערגעריסען זיינע געדאנקען, זיך געכאפּט צו דער „פּאטקע“. ארויסגעצויגען זי פון וואסער, אבער קיין פיש איז דארט ניט געווען. האָט ער זי צוריק ארייגעלאזט.

ער האָט א טראכט געטהון אז עס קען זיין דער דאק־טאר האָט א רעכט אז עפּעס איז ניט גלאט מיט זיינע נערווען...

און וואָס מעהר ער האָט דערפון געטראכט האָט זיך איהם אלץ מעהר גערדאכט אז ער איז עפּעס ניט מיט אלעמען. עפּעס שווינדעלט איהם אין די אויגען, עפּעס פּרעסט איהם ביים הארץ . . .

ער האָט ארויסגעצויגען די „פּאטקע", איז אהיים־געגאנגען און זיך אוועקגעלעגט.

דער פּארמער האָט באמערקט אז רודינסקי איז עפּעס ניט מיט אלעמען. האָט ער איהם געבראכט דעם דאקטאָר.

דער דאקטאר האָט איהם גוט באטראכט, איהם אלעס אויסגעפרעגט און באפוילען ער זאל באלד פאר־לאזען דעם פארם און צוריקפאהרען אין שטאדט אריין, לעבען א נאטירליכען לעבען, זיין שטענדיג צווישען מענ־שען, ניט דאגה'ן, ניט טראכטען און ניט ארבייטען פיעל, ער מוז בארוהיגען די נערוועז...

קאפיטעל איין און פערציג

ג ע ה ט   צ ו   א   ל א י ע ר

רודינסקי׳ס ביזנעס זיינען פון טאג צו טאג געוואָרען ערגער: דער סטאק האָט זיך אבגעצויגען, און פאר קיין בילס צו צאהלען האָט ער ניט געהאט. אין די פריוואט קארפאריישאנס איז ער שוין אויך געווען איבערפילט.

האָט ער אוועקגעשיקט אין אוקשען אביסעל סחורה צו פארקויפען.

האָט מען איהם דארט דעם קאָפּ אבגעשניטען. דער אוקשאניער האט מיט זיין סחורה געגעבען א „שאו“ צו זיינע קאסטאמער... עטליכע לאטס זיינען אינגאנצען פארפאלען געוואָרען... ער האָט ניט קיין סחורה און ניט קיין געלט געהאט.

די הורטאוווניקעס האבען דערשמעקט אז רודינסקי שיקט אוועק סחורה אין אקשען צו פארקויפען, האבען זיי אנגעהויבען קוקען אויף איהם מיט חשד, האבען מורא געהאט מיט איהם מעהר צו האנדלען. אויב מ'האט איהם יא עפעס פארקויפט, איז עס געווען „סטיקערס" וואס זיי האבען פון זיי ניט געקענט פטור ווערען, און רודינסקי איז מיט זיי געבליבען געסטאקט, אז אפילו די פעדלערס, וואס זיינען ניט קיין גאר גרויסע איבערקלייבער אויף סחורה, האבען זיי אויך ניט געוואלט קויפען.

די טעג האבען זיך יאוש'דיג געצויגען. מיט יעדען טאג איז דער סטאק געווארען קלענער, און דאס געשעפט שוואכער. דאס ביסעלע געלט וואס ער האט אפגעלייזט האט קוים אויף הוצאות געקלעקט. עס זיינען אוועקגעגאנגען גאנצע טעג וואס ער האט קיין קונה אין די אויגען ניט געזעהן. די איינציגע וואס האבען זיך יא געדרעהט, זיינען געווען: ארימע לייט נאך נדבות; קאלעקטארס פאר תלמוד תורות, בית יתומים'ס, חברה קדישה'ס, מושב זקנים'ס, פאלקס שולען, ציון מעמבער דרייוויניקעס, פאר'ן קרן היסוד און נאציאנאל פאנד פלעדזשעס און סתם ארץ ישראל אידען, מיט און אהן הסכמה פון הרב הגאון, און אלע האבען געקוקט אויפ'ן ביסעל סחורה וואס איז נאך אין די ראפטען פארבליבען, און געפאדערט טשעקס... אין די בריעף וואס פלעגען איהם אנקומען האט ער געפונען: „סטאר לייסענס", א בלענק פאר טעקסעס, „אויסצופילען א סטייטמענט" פון „פעדערישאן" מיט א ידידי בריוועלע פון א לאיער אז מען וועט איהם קלאגען אין געריכט אויב ער וועט דעם פלעדזש ניט באצאהלען... אויך טרויעריגע בריעף פון איי־

ראפּעאישע קרובים, אז זיי זיינען רואינירט געוואָרען פון די פּאגראמען און זיי פאָדערען פון איהם אין נאָמען פון יושר און גערעכטיגקייט, ער זאָל זיי שיקען שיפס־קאַרטען, מיט געלט אויף הוצאות, זיי זאָלען קענען קומען קיין אמעריקא, וואו אלע לעבען גליקליך און צופרידען...

רודינסקי פלעגט איבערלייענען די בריעף און ארום־שפּאנען איבער׳ן סטאר ווי פארטשאדעט. ער האָט ניט געוואוסט וואָס פריהער צו טהון. א סך מאָל האָט ער באשלאָסען צו פארקויפען דאס לעצטע ביסעל סחורה און דאָס געלט אוועקשיקען די קרובים, זיי זאָלען ניט אויס־געהן פון הונגער, אבער ס׳איז אונטערגעקומען ערגערס און ער פלעגט זיך פארגעסען. ביז דריי דעם זייגער איז ער געווען באשעפטיגט מיט גוט־מאכען די טשעקס וואָס ער האָט נעכטען ארויסגעגעבען און ער איז געלאָפען פון איין דזשאבער צום צווייטען בייטען טשעקס. ווען איינער האָט צו איהם אין יענער צייט גערעדט, האָט ער איהם געקוקט גלייך אין די אויגען יענער זאָל מיינען אז ער הערט וואָס ער רעדט, אין אמת׳ען אבער האָט ער גע־טראכט פון די בענק. איבערקומענדיג די בענק איז איהם געוואָרען אביסעל לייכטער אויף דער נשמה. די וועהען האבען זיך אביסעל איינגעשטילט. ער האָט געוואוסט אז וואָס עס זאָל שוין ניט פאסירען, קען ער שוין סיי ווי ביז מארגען גאר ניט טהון. האָט ער ווידער אנגעשטעלט א שמייכלענדיגען פּנים און זיך געמאכט קוראזש...

— מיינע ביזנעס — פלעגט זיך רודינסקי דאמאלס ווערטלען — זיינען ווי א צייהן וועהטאג: אַט כאפּען זיי דיך אן, און אַט לאזען זיי דיך נאך . . .

איינמאָל, ווען רודינסקי איז געקומען ווי געוועהנליך אין סטאר אריין און געעפענט די בריעף, האָט ער געפונען א „נאטיס" פון א באנק אז זיינע דריי טשעקס, אויף דער סומע פון צוויי טויזענד פיער הונדערט דאלאר וואָס ער האָט דארט דעפאזיט, זיינען געקומען צוריק „נאט סאפישענד פאנדס".

ביי רודינסקי'ן האָט זיך דאָס הארץ אבגעשטעלט. ער האָט אין באנק געהאט, מיט די צוריקגעקומענע טשעקס, א „באלאנס" פון צעהן דאלאר.

ער איז באלד אריבער צו די בראנז בראדערס. ער האט אבער קיינעם דארט ניט געטראפען, חוץ דער בוכקי־פערין וועלכע האָט איהם מיטגעטהיילט אז די בראנז בראַ־דערס זיינען נעכטען ערגעץ אוועקגעפאהרען, וואוהין ווייסט זי ניט. זיי האבען געזאגט אז זיי וועלען זיך זאמען א פּאָר טעג.

רודינסקי האָט באמערקט אז ביי זיי אין קלייט איז אן איבערקעהרעניש. אבער ער האָט זיך געמאכט ניט זעהענדיג.

ער האָט אויפגערופען די באנק און זיי געזאגט זיי זאלען די טשעקס נאכאמאָל דעפאזיטען.

פארנאכט איז ארוים דער סוד אז די בראנז בראָ־דערס זיינען אנטלאפען.

— איצט בין איך פארפאלען — האָט רודינסקי צו זיך אליין געזאגט. — ניטא מעהר קיין האפענונג צו דערציהען די זעקס חדשים.

ער האָט אויפגעמאכט דעם בוך און איבערגערע־כענט די נאוטס וואָס ער האָט ארויסגעגעבען די בראנז בראָדערס און ס'איז איהם פינסטער געוואָרען אין די

אויגען : זיי האבען איבער ניין טויזענד דאלאר באַ־
טראָפען.

יא, איך בין פארפאלען, — האָט רודינסקי איבער־
גע'חזר'ט — איצט טאָר איך קיין צייט ניט פארלירען.
דאָס ערשטע מוז איך באווארענען מיינע גוטע פריינד'ס
גמילות חסדים ; איך מוז אויך אביסעל געלט פאר'ן
לאָיער אפשפארען ; און מיט מיר קענען זיי טהון וואָס
זיי ווילען. איך האב אלעס וואָס ס'איז געווען אין מיין
מענשליכען כח געטהון.

ער האָט צונויפגענומען אביסעל פון די בעסערע
סחורות, זיי אנגעפאקט אין פעקליך, און אוועקגעשיקט
זיי צו גוטע פריינד און אליין איז ער אוועק צו א לאָיער.

אריינקומענדיג צום לאָיער, איז ער געבליבען שטעהן
ביי דער טיהר. ער איז געווען שווארץ ווי די ערד און
צושראקען.

דער לאָיער האָט איהם אריינגערופען אין אָפיס,
האָט איהם אנגעוויזען א שטיל צו זיצען.

רודינסקי האָט זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען,
און ווען ער האָט געזעהן אז ס'איז קיינער חוץ זיי ניטא,
האָט ער איהם געזאגט אז ער איז געקומען צו איהם
נאך אן עצה, ווייל עס האלט מיט איהם זעהר שלעכט.

ער האָט איהם אלעס דערצעהלט . . .

ווען רודינסקי האָט געענדיגט איז דער לאָיער גע־
ליגען צולייגט אויף א „ראקער", מיט די פיס אויפ'ן
טיש, געריבערט א ליולקע, געלאזט גאנצע קוימענס מיט
רויך און געמאכט דעם איינדרוק ווי ער נעהמט זיך ניט
אזוי שטארק צום הארצען . . .

אז רודינסקי האָט אבגערעדט האָט ער אראבגענומען

די פיס פון׳ם טיש, זיך א דרעה געטהון מיט׳ן ראקער ער זאל אויסקומען מיט׳ן פנים צו רודינסקי׳ן, און געזאגט צו איהם:

— פארשטעהט איהר מיך, מיסטער רודינסקי, דאס איז זעהר א שווערער באנקראט; און א מיאוס׳ער. און עס פארדריסט זעהר פארוואס אידען דארפען אזוי באנקראטירען. א גוי, אז עס טהוט איהם וועה א צאהן, לויפט ער גלייך אוועק צו א דאקטאר און שלעפט איהם ארויס און פארהיט דערמיט די איבעריגע צייהן פון פוי־לען. א אידען אז עס טהוט וועה א צאהן, לאזט ער איהם אזוי לאנג שטעהן ביז ער צעפוילט די איבעריגע צייהן. ער שטילט זיך דעם וועהטאג דערמיט וואס ער לייגט צו קנאבעל צו די שניים. מיט דערזעלבער מעטהאדע פיהרען זיי אן זייערע ביזנעס . . . א גוי, מעג ער זיין ווי רייך, און מעג האבען אין געשעפט הונדערט טויזענד דאלאר איינען געלט, אז ער געפינט נאר אויס אז ער האט דאס יאהר דערלעגט פינף טויזענד דאלאר, רופט ער גלייך א מיטינג פון קרעדיטארען, לעגט זיי פאר א סעטעלמענט פון פופציג אדער זעכציג פראצענט. די קרעדיטארען זיינען העכסט צופרידען, דער באנקראט איז אן עהרליכער און דער באנקראטירטער האט נאך אין באנקראט פארדיענט. ביי אידען, צום באדויערען, איז פונקט דער היפוך: ווען ער געפינט אויס אז ער איז שוין מיט פופציג פראצענט הינטערשטעליג, טראכט ער נאך ניט פון באנקראטירען, עס שטעהט איהם ניט אן, ער איז א מיוחס, און ער הויבט זיך ערשט דאמאלס אן אנשטרענגען, בייט טשעקס מיט נאוטס, צאהלט גרויסע פראצענטען, און די ענדע איז, ער מוז באנקראטירען.

און מיאוס... אליין בלייבט ער אן ארימאן. די קרעדיטארס האָט ער ניט וואָס צו געבען. צומאָל קען ער אפילו קיין גוטען לאָיער ניט אנשטעלען און ער מוז נאך זיצען אין פריזאן...

דער לאָיער האָט צעבלאָזען די ליולקע, האָט א קוק געטהון אויף רודינסקי'ן פון אויבען ביז אראב, ווי ער וואלט געוואלט דערפון לערנען צי איז איהם נאך עפּעס געבליבען... דערנאך האָט ער ווידער פארטגעזעצט :

אמת, מיסטער רודינסקי, איהר האָט ניט געוואלט באנקראטירען ; איך פארשטעה אייך גאנץ גוט, איהר זענט ניט שולדיג ; שולדיג זיינען אלע אידען בכלל. זיי ווילען זיין עהרליכער פון דער גאנצער וועלט, און דערפיהרען דערצו אז עס מאכט זיי אויסזעהן פאר די גרעסטע שווינדלער ; ווייל מיטן אמת קען מען די וועלט ניט דורכגעהן... שווער. זעהר שווער...

דער לאָיער איז געבליבען שטיל און שארף געקוקט אויף רודינסקי'ן ווי ער וואלט איהם געוואלט דורכדרינגען צי מעג מען איהם פארטרויען א סוד. מיטאמאָל האט ער זיך אויפגעשטעלט, איז צוגעגאנגען צו דער טיהר, זי אויפגעמאכט. א קוק געטהון צי שטעהט דארט ניט עמיצער און זי צוריק צוגעשלאסען. דערנאך האָט ער זיך צוריק אוועקגעזעצט אויפ'ן „ראקער", זיך צוגעבויגען צו רודינסקין און געזאגט צו איהם אין דער שטיל :

— לויט'ן געזעץ, מיסטער רודינסקי, טאר איך אייך די עצה ניט געבען ; איך היים א פארברעכער. וויסענדיג אבער אז די געזעצמאכער אליין נוצען אויס דאָס געזעץ נאר אויף אזוי פיעל ער זאל קענען באשיצען

זייערע אומגעזועצליכקייטען, גלויב איך אז איך האב א רעכט צו נוצען א אומגעזועצליכקייט צו באשיצען א מאן וואָס איז געפאלען א קרבן פון א אומגעזועצליכער אורד־נונג... מיין עצה איז : דאָס ערשטע זאלט איהר זיך באווארענען מיט געלט פאר דער פארטיידיגונג ; ס'איז א שווערע ארבייט ; עס נעהמט צייט. צווייטענס, זאלט איהר זעהן אז די לאָיערס פון דער אנדערער זייט זאלען ניט האבען וואָס צו נעהמען. ווייל אויב זיי וועלען האבען וואָס צו נעהמען וועלען זיי אייך אזוי ניך ניט אפלאזען...

— פארשטאנען ? . . . אויב יא מוזט איהר דאָ האנדלען שנעל און ניט פארלירען קיין צייט. ווייל עס מוז באלד גערופען ווערען א קרעדיטארס מיטינג...

קאפיטעל צוויי און פערציג

ערקלעהרט קרעגגלען דעם סוד

יענע נאכט איז רודינסקי ניט געשלאפען. כמעט קיין אויג ניט צוגעטהון. א שטיין איז איהם געלעגען אויפ׳ן הארצען און געפרעסט זיין נשמה. פארשידענע געדאנקען האבען איהם געמאטערט און געפלאגט. און געטראכט האט ער פון א סך: פון ברענגען א פייער אפפער... פון אנטלויפען פון דער מענשהייט וואוהין די אויגען וועלען טראגען. אדער זיך אפשר אליין ברענגען א קרבן פאר זיינע זינד...

דער דרויסען איז געווען זעהר א מיאוס׳ער: א „זשעלעדע" האט געקלאפט אין פענסטער און דערמאנט דינה׳ן אין רומאטיז. האט זי אונטערגעקרעכצט . . .

איהר קרעכצען האט רודינסקין געשאפען נאך אן ערגערע שטימונג. ער האט זיך געווארפען אויפ׳ן גע־לעגער.

— וואס ווארפסטו זיך אזוי ? — האָט איהם דינה פלוצלונג ווי פון שלאף א פרעג געטהון — די גאנצע נאכט הער איך נאר דו ווארפסט זיך; די ביזנעס לאזען דיך שוין ווידער אפנים ניט שלאפען ?

רודינסקי האָט זיך ניט געוואלט ארייגלאזען מיט איהר אין א שמועס; שוין א פאר טעג אז זי פיהלט ניט גוט און קרעכצט אונטער.

— איך ווייס ? — האָט ער געענטפערט געצוואונגען — עפעס שלאפט זיך ניט; הפנים די קאווע איז געווען צו שטארק . . .

דינה האָט עס אנגענומען פאר א תירוץ, ס'איז איהר ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס ער זאגט איהר אז ער קען דורך דער קאווע ניט שלאָפען.

יענעם פריהמארגען איז רודינסקי אביסעל פארשלא־פען און האָט זיך אויפגעכאפט שפעטער ווי אין דער גע־וועהנליכער צייט. ער איז אראפ פון געלעגער אין שרעק און אין איילעניש און איז אוועק פון דער היים ניט גער־מענדיג גארניט אין מויל אריין.

פאר דער קלייט זיינען שוין געשטאנען און געווארט אויף איהם: דער ארבייטער, און זיין שכן קרענגעל.

— איהר שלאָפט און אייערם וואקסט — האָט קרענגעל זיך געוואונדערט ווען ער האָט רודינסקי'ן דער־זעהען — ווי ער געהט זיך עם עפעס אזוי רוהיג מיט די הענד אין די קעשענעס. א שעהנער ביזנעס מאן זענט איהר עס, כ'לעבען; האלט די הענט ביי זיך אין קעשענע; אן אמת'ער ביזנעס מאן האלט די הענד ביי יענעם אין קעשענע . . .

ריכטיג, האָט רודינסקי געענטפערט אבגעהאקט. און

איהם מורא געהאט צו פרעגען וואס ער טהוט דא אזוי פריה.

ער האָט אויפגעשלאסען די קלייט און איז אויף שנעל אריין אין אָפיס. — קרעננעל נאך איהם.

— אייער טשעק, מיסטער רודינסקי, איז צוריקגעקו־מען, האָט איהם קרעננעל ערקלעהרט אין א ברוגזן טאן — איך האָב אייך נעכטען געבעטען : לאזט מיך אָפּ, איך קען נישט. איצט האָב איך מורא אייער טשעק האָט מיר פיעל שאדען אנגעטהון ; עס קען זיין אז דורך אייער טשעק זאלען מיינע צוויי זיך אומקעהרען.

— עס טהוט מיר זעהר לייד, מיסטער קרעננעל — האָט רודינסקי געשטאמעלט ניט וויסענדיג אליין וואס ער זאָגט.

ער האָט א טראכט געטהון אז ער וואלט קרעננלען באדארפט פארזיכערען זיין געלט ; עס וואלט געווען א גרויסער אומרעכט קרעננעל זאל עפּעס ליידען ; און אויב אזוי, איידער איהם צו געבען אן אנדער טשעק זאל ער איהם בעסער ארייִנשיקען סחורה פאר'ן געלט מיט א בעצאהלטער ביל . . .

קרעננעל האָט באמערקט ווי רודינסקי שטעהט אין פערלעגענהייט ; ער האָט פערשטאנען אז ער קען דעם טשעק ניט שרייבען.

— איך זעה איהר טראכט — האָט קרעננעל גע־זאגט צו רודינסקי'ן, — אויב איהר דענקט אז אייער טשעק וועט ווידער צוריק קומען, גיט מיר בעסער ניט ; ווייל ער קען מיר נאר צרות פערשאפען.

— מיסטער קרעננעל, — האָט רודינסקי אָנגעהוי־בען אין א געווארגענעם טאן און די אויגען זיינען איהם

אַנגענגאַסען געוואָרען מיט טרעהרען — איך האָב אייך קענען געלעהרענט אז איהר זענט אן אמת'ער מענש. און א פריינד, איהר זענט מיר שטענדיג אין מיינע נויטען געשטאַנען און איך דענק אז איך קען פאר אייך עפענען מיין הארץ אָהן שום מורא.

רודינסקי איז געבליבען שטיל, ער האָט ניט געקענט ריידען. קרעננעל האָט עס בעמערקט און האָט אוועק־געדרעהט דעם קאָפּ . . .

איך פיהל, — האָט רודינסקי גערעדט שטיל און געבראָכען — איך וואלט בעגאַנגען א גרויסען פער־ברעכען ווען איהר זאלט דאַרפען דורך מיר ליידען. איך מוז אייך דערצעהלען דעם אמת און ראַטעווען אייער געלט. איהר זאלט וויסען איך געפין זיך אין שלעכטע אומשטענדען. אין זעהר שלעכטע . . . איך מוז באַנק־ראָטירען, קיין אנדער מיטעל איז ניטאָ.

—איהר פארשטעהט געוויס מיין לאגע מיסטער קרעננעל, ווי אזוי איך וועל בלייבען. אָבער מיין גע־בראָכענע פינאַנציעלע לאגע ארט מיך נישט ; פאר מיר איז אָפּען דער פריזאָן !

אבער וואס עס זאל מיט מיר ניט פאַסירען, איך וויל אייך קיין שלעכטס ניט טהון. איהר זענט מיר שטענדיג אין מיינע נויטען געשטאַנען און איך טאָר אייך ניט וועה טהון.

רודינסקי איז ווידער געבליבען שטעהן : די טרעה־רען האָבען איהם געוואָרגען. ווען ער האָט זיך אביסעל בערוהיגט, האָט ער ווידער גערעדט :

— אייך קומט ביי מיר, חוץ דעם משעס וואָס איהר מוזט איהם אליין גוט מאכען, אויך פאר די צוויי

גאומ׳ס וואָס איהר האָט פאר מיר „איגדארסט“, וויל איך אייך פאר דעם געלט ארייגשיקען סחורה מיט א בע־צאהלטער ביל.

קרעגגעל איז געשטאנען און האָט געזוועז צוגע־שאקעלט מיט׳ן קאָפּ. ער האט רודינסקי׳ן שטענדיג גע־האלטען פאר אן אָרענטליכען מענשען. די לעצטע צייט איז זיין אמונה אין איהם אביסעל אבגעשוואכט געוואָ־רען ; עפּעס האָט ער איהם צו פיעל דערקוטשעט מיט זיינע טשעקס דרעהען. איצט האָט ער איהם דערזעהן אין זיין גאנצער ליכט און ס׳האָט איהם פערכאפּט ביים הארצען און ס׳איז איהם געקומען אויפ׳ן געדאנק, ער זאל איהם ארויסהעלפען מיט וואס ער וועט קענען איהם צו ראטעווען פון פריזאן.

— זייט ניט אזוי פארצווייפעלט, מיסטער רודינסקי, —האָט קרעגגעל איהם אָנגעהויבען אויסריידען אין א געמאכטען רוהיגען טאן — ניט שעהן פאר א ביזנעסמאן זיך צו פערליערען ; די וועלט קעהרט זיך נאָך ניט אי־בער. כל זמן א מענש לעבט, דארף ער קיין בטחון ניט פערליערען. ערשטענס איז נאך גארניט געדרונגען אז איהר מוזט באנקראטירען ; און אויב באנקראטירען, קעהרט זיך נאך די וועלט אויך ניט איבער ; איך האָב מורא אז ביי אזעלכע אומשטענדען וואס די ביזנעס וועלט לעבט איצט איבער, וועלען אלע מוזען באנקראטירען. ס׳איז א מלחמה פערשטעהט איהר : וואל סטריט האָט אונז ערקלערט מלחמה ; פריער האָבען זיי אונז אריינגע־טריבען אין מלחמה מיט די אויסערע שונאים ; האָבען מיר אוועקגעשיקט אונזערע קינדער זיי אויסצושלאכטען אום זייערע צעווילדעוועטע אפּעטיטען צו פערשטאפּען.

און אז זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט די אויסערע שונאים, האָבען זיי זיך גענומען צו אונז; צו די אינערליבע שונאים. זיי האָבען מורא מיר זיינען צו פיעל רייך געווארען פון דער מלחמה, קענען זיי עס ניט אריבערטראגען. נו, וועלען מיר זיך מוזען ראנגלען מיט זיי אויף וויפיעל אונזערע כוחות וועלען טראגען. און אז מיר וועלען שוין מעהר ניט האָבען קיין כוחות זיך צו ראנגלען, וועלען מיר אומפאלען. איהר פארשטעהט?... דייטשלאנד איז שטאַרקער געווען פאר אונז און איז אויך אומגעפאלען. און די וועלט וועט זיך דורך דעם ניט איבערקעהרען . .

קרעננעל איז געבליבען שטעהן און שארף געקוקט רודינסקי'ן אין די אויגען, ווי ער וואלט געוואלט דארט אויסגעפינען צי ער האָט זיך בארוהיגט; דערנאך האָט ער ווידער פארטגעזעצט:

— איהר דארפט וויסען, מיסטער רודינסקי, אז באנקראטען זיינען געשטעלט געוואָרען פאר מענשען; און אז מענשען באנקראטירען, זיינען די באנקראטען א בלאט פון אונזער לעבען. געוועהנליך דארף א מענש טהון אלעס וואָס ער קען ניט צו באנקראטירען; פשוט דערפאר וואָס די ביזנעס־וועלט קוקט קרום אויף א באנקראטירטען; פונקט ווי זי קוקט שלעכט אויף א קרבן וואָס זי האָט אליין רואינירט... אבער אז מען קען זיך ניט העלפען, איז ניט געפעהרליך. עס פארנעסט זיך. די מכה ווערט פארהיילט. עס נעהמט צייט, אבער עס פארהיילט זיך...

בכלל מוז איך אייך זאגען, מיסטער רודינסקי, — האָט קרעננעל פארטגעזעצט, — זיינען סוחרים קיינמאָל ניט באווארענט פון

באנקראט. קיין קרעמער קען ניט געבען קיין גאראנטי אז ער וועט ניט באנקראטירען. אפילו אין אייראפא געדענק איך ניט אז עמיצער פון די קרעמער זאל זיך געוועזן אויסלעבען די יאָהרען אָהן באנקראט, סיידען ער איז געשטארבען פאר דער צייט... זעהט איהר, איין זאך איז ניט גוט, וואָס איהר האָט מיר ארייננעווארפען א ווארט אז עס שמעקט מיט פריזאן; פארשטעה איך שוין אז דאָס האָט צו טהון מיט „סטייטמענטס", — איז אויך ניט געפעהרליך: ביים ערגסטען פאל קען מען נאך אבציהען א פּאָר חדשים אום די צייט וואָס ס'איז פאראנטווארטליך פאר'ן „סטייטמענט" זאל איבערגעהן... אין איין זאך וויל איך אייך נאר פרעגען: ווייסט שוין עמיצער וועגען דעם ?

— ניין, קיינער ווייסט ניט, אפילו מיין אייגען ווייב אויך ניט, חוץ דעם לאָיער.

— ווער ? — האָט קרעננעל געפרעגט צעשראקען,— דער לאָיער ?

— יא, דער לאָיער.

איהר זיינט שוין געוועזן ביי א לאָיער ?

— יא.

— שלעכט, — האָט קרעננעל צוגעגעבען פארביטערט, — און דאָס גאנצע פנים האָט זיך איהם צושנייטשט פון צער — פארפאלען...

קאפיטעל דריי און פערציג

קרענגעל'ס עצה

עטליכע מינוט האָט קרענגעל ארומגעשפּאנט איבער'ן אָפּיס הין און צוריק און געריבען דעם שטערן. מ'האָט געקענט ביי איהם איבערלייענען רודינסקי'ס ערקלעהרונג, אז ער איז שוין געוועזן ביי א לאָיער איז איהם ווי א שווערער שטיין איז קאָפּ געפאלען.

מיטאמאָל האָט ער זיך אבגעשטעלט פאר רודינסקי'ן און איהם אין קורצען א פרעג געטהון.

— ביי וועלכען לאָיער זענט איהר געוועזן ?

— ביי לאָיער זשאבלאוו — האָט רודינסקי גע־ענטפערט.

— שלעכט — האָט קרענגעל צוגעגעבען פארביטערט און זיך ווידער גענומען שפּאנען איבער'ן אָפּיס, און באלד האָט ער זיך נאך אמאָל אבגעשטעלט פאר רודינסקי'ן און געזאגט צו איהם :

הערט זיך איין, רודינסקי: עס טהוט מיר לייד [illegible]הר האט [illegible]ר פריהער ניט דערצעהלט ווי אזוי [illegible]עהט, אי[illegible]ער איהר זענט צו א לאַיער געגאנגען. איך וואלט אייך בשום אופן ניט געווען געלאַזט געהן צו קיין לאַיער איידער מיר וואלטען זיך פריהער ניט גע־ ווען באטראכט צי איז ניטא קיין אויסוועג ניט צו באנק־ ראטירען. ווייל איך ווייס אז לאַיערס מאכען מענשען אומגליקליך. די גרעסטע צאהל לאַיערס זיינען „סאַ־ קערס", ניט קיין פארטרויענסווירדיגע מענשען. זיי שטע־ לען אָן אן ערנסטען פנים, און מאכען דעם אנשטעל אז זיי מיינען נאר דיין טובה, זיי ווילען נאר ראטעווען די מענשהייט; פארטרויסטו זיי אבער נאר דיין לאגע, ביזטו שוין ביי איהם אין די הענד, ער רעדט דיך שוין צו צו באנקראטירען. און אז דו האסט איהם שוין אויס־ דערצעהלט דיין שווער הארץ וועט דיר שוין גאר ניט העלפען.

פארשטעהסטו מיך, רודינסקי — האָט קרעננעל פארטנעזעצט:

א לאַיער איז א ביזנעסמאן, מיט אלע ביזנעסלייט צוגלייך; און קיין ביזנעסמאן וועט ניט זאגען צו זיין קונה, גנה אהיים און באגעה זיך אָהן דער סחורה. ווער שמועסט אז איהר טרעפט אויף א „סאקער", הערט ער גארניט וואָס איהר דערצעהלט איהם, ער זיצט גאר דא־ מאלס און טראכט ווי אזוי אויסצופרעסען וואָס מעהר געלט פון אייך; ווי אזוי ער זאל קענען מעהר קאפיטאל פון אייערע צרות שלאגען. און איהר פארשטעהט דאך אז אזא לאַיער וועט אייך גלייך ראטען באנקראטירען; ער נויטיגט זיך אין אייער באנקראט, ער דארף מאכען א

לעבען, דאס איז זיין געשעפט, און אז איהר געהט פון איהם אוועק, רופט ער דאן אפ אלע זיינע קליענטען אויב זיי זיינען דא אין צעטעל וואס איהר האט איהם אויסגערעכענט אז איהר זענט זיי געלט שולדיג און פארטרויט זיי בסוד סודות אז א נייער פגר איז דא אין שטאדט . . . און איהר פארשטעהט דאך שוין אז דער באנקראט איז אומפארמיידליך ; איהר מעגט שוין אפילו חרטה קריגען, וועלען זיי אייך שוין מאכען צום באנקראטירען . . .

קרעננגעל האט א קוק געטהון אויפ'ן זייגער צי וועט ער ניט פארשפעטיגען די באנק און האט ווידער פארטגעזעצט :

— יא, פריינד רודינסקי, פופציג פראצענט מענשען וואלטען ניט געזינדיגט, ווען זיי זאלען פון קיין זינד ניט טראכטען. ווייל אויב מען טראכט פון זינד מוז מען שוין זינדיגען... און א גרויסע צאהל מענשען וואלטען ניט באנקראטירט, ווען זיי זאלען ניט טראכטען און זיך ניט צוגרייטען צום באנקראט. און נאך א גרעסערע צאהל וואלטען ניט באנקראטירט, ווען זיי זאלען באלד ניט לויפען צום לאיער. זיינען זיי אבער שוין געוועזן ביים לאיער קענען זיי שוין ניט צוריק כאפען...

— יא, אזוי איז דאס ; פרעגט ניט דעם דאקטאר, נאר פרעגט דעם חולה ; איצט בין איך גוט אפ ; איך בין ניט קיין גביר, אבער איך מאך מיר א לעבען, האב א נאמען און בין מיר גליקליך. עס זיינען אבער געוועזן צייטען ווען איך האב אויך געהאלטען ביים באנקראט ; איך בין געוועזן הינטערשטעליג מיט שווערע געלדער, און פרעמדע, און איך האב ניט באנקראטירט. איך האב אבגעמאכט מיין מיינונג ניט צו באנקראטירען, וואס עס זאל

מיט מיר ניט פאסירען, סיידען איך וועל פאלען...

— ווייל איהר האָט מזל — איז רודינסקי איהם אין די רייד אריינגעפאהרען.

— שטותים, ניט ווייל איך האב מזל; איך האָב געוואוסט פון פראקטיק, אז דאס לעבען קען ניט זיין שטענדיג פינסטער, און ניט שטענדיג שיינט די זון. עס קען ניט זיין שטענדיג נאכט ווי עס קען ניט זיין שטענדיג טאָג. עס מוז זיך בייטען: נאך „פראספעריטי" מוז קומען „רעאקציע" — און פארקעהרט. מען דארף נאר האבען געדולד. מען טאר זיך ניט פארלירען. מיט באנקראטירען פארבעסערט מען זיך ניט די לאגע, פאר־קעהרט, מען פארערגערט זי, מען בלייבט מיט א מום.

קרענגעל איז געבליבען שטעהן אביסעל צומישט. ס'האָט איהם באנג געטהון וואָס ער האָט די לעצטע ווער־טער ארויסגערעדט . . . אָבער צוריק כאפען האָט ער שוין ניט געקענט און ער האָט געזוכט ווערטער צו פאר־גלעטען דעם שווערען איינדרוק . . .

— איצט אָבער, פריינד רודינסקי — האָט קרענגעל מיט מעהר פאָרזיכטיגקייט פארטגעזעצט — איצט אָבער האָב איך מורא אז איהר וועט שוין מוזען די אפעראציע דורכמאכען.

— איין זאך נאָר וואָלט איך וועלען וויסען, פריינד רודינסקי, וואָס האָט אייך דער לאָיער געזאגט און וואָס האט ער אייך געראטהען טהון.

— ער האָט מיר געהייסען באַנקראָטירען, און בעטען א „סעטעלמענט" פון צעהן פראָצענט.

— און וואָס האָט ער פערלאנגט פאר דער אפעראציע?

— צעהן פּראָצענט פון דער סומע וואָס איך בין שולדינג.

— שארלאטאן! — האָט קרענגעל מיט גאל אויסגעשריען — אנטלויף פון איהם, פון אזא „סאקער". די מוזט סיי ווי האָבען א גרעסערען לאָיער. אָבער מוזט עס טהון שנעל עס זאָל ניט זיין צו שפּעט. איך פון מיין זייט וועל טהון פאר דיר אלעס וואָס מעגליך.

קרענגעל האָט א קוק געטהון אויפ'ן זייגער און געזאָגט:

— אנטשולדיגט, איך דארף לויפען גוטמאכען אייער משעס . . .

קאַפּיטעל פיער און פערציג

די קאָמיטע

אין עטליכע טעג ארום האָט דער לאָיער געלאזט וויסען רודינסקי׳ן, אז ס׳האָט זיך געגרינדעט א קאמיטע פון קרעדיטארס, וועלכע האבען ארויסגעשיקט „אקאנ־טענטס“ אונטערזוכען די ביכער.

ווען רודאַסקי האָט דערזעהן די אקאונטענטס האָט איהם דאָס הארץ א ציטער געטהון פון שרעק. ער האָט געוואוסט אז קיין גוטעס קען ער פון זיי ניט ערווארטען. אָבער לויט דער עצה פון זיין לאָיער, האָט ער זיי די ביכער געגעבען.

אין א פּאָר טעג ארום האבען די „אקאונטענטס“ געלאזט וויסען די קרעדיטארען אז לויט די ביכער צייגען, פעהלט רודינסקי׳ן פינף און פופציג טויזענד דאלאר.

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט רודינסקי באַראַפט ער־שיינען פאר דער קאמיטע אבגעבען א רעכענונג וואו ער האָט דאָס געלט אהינגעטהון.

יענע נאכט איז רודינסקי ניט געשלאָפען. דער געדאנק אז מארגען דארף ער ערשיינען פאר דער קאמיטע האָט איהם ניט געלאזט רוהען, און ווען די לבנה איז נאך געשטאנען ביים ראנד פון טאָג־אויסברוך, איז רודינסקי אויף די פיס געשטאנען.

ביי זיך אליין איז רודינסקי געווען גערעכט. ער איז איבערצייגט אז דער באנקראט איז הונדערט פראצענט בארעכטיגט. ער האָט אנגעווענדעט אלע מיטלען, אויסגעשעפּט אלע זיינע כוחות ניט צו באנקראטירען; אבער ס׳האָט גארניט געהאָלפען. די כוחות האבען זיך אויסגעשעפּט. די אנשטרענגונגען האבען געפּלאצט. אלעס איז געווען געגען איהם. ער איז געפאלען. און ער איז מצדיק אויף זיך דעם דין. ער האָט ביי קיינעם ניט צוגענומען, נאר ער איז שולדיג געבליבען. און וועמען האָט ער געקענט שולדיג בלייבען אויב ניט די, מיט וועמען ער האָט געהאנדעלט? עס וועהטיגט איהם אודאי דאָס הארץ וואָס ער איז שולדיג געבליבען אזעלכע וואָס עס וועט זיי פיליכט אליין וועה טאָן און אויך פאר די גאר פרעמדע וואָס ער האָט מיט זיי קיין סך ניט געהאנדעלט, אבער ער האָט דאך עס ניט געטהון באוואוסטזיניג. ער האָט דאך ניט געוואוסט אז עס וועט זיך אזוי אויסלאזען! זיין כונה איז דאך געווען א גוטע. געזעצליך אָבער האָט ער געוואוסט, אז ער איז פאראנטווארטליך פאר׳ן לעצטען סטייטמענט.

און וואס וועט ער זיי ענטפערן ווען זיי וועלען איהם

פרעגען וואו ער האָט אהינגעטהון די פינף און דרייסיג טויזענד דאָלאר וואס ער האט פערמאגט און די צוואנציג טויזענד וואָס פעהלען ? וואָס וועט ער זיי דארויף ענטפערען ? ער האָט דאך קיין שום תירוץ ניט ! ס'איז דאָך פשוט לעכערליך צו זאגען אז אין משך פון אזא קליינער צייט זינט ער האט דעם סטייטמענט געגע־בען האָט ער פערלוירען פינף און פופציג טויזענד דאָלאר, ווען ער האט סך הכל נאָר ניינציג טויזענד דאָלאר גע־לייזט ? עפענען פאר זיי דאס הארץ און דערצעהלען זיי דעם אמת אז ער האָט געגעבען א פאלשען סטייטמענט אום ער זאל קענען שטעהן אין ביזנעס, מיט דער האָפע־נונג אז די צייט וועט זיך איבערדרעהען און ער וועט פערשפאָרען באנקראָטירען, טאר מען דאָך ניט. א פאל־שער סטייטמענט איז דאך פריזאן !

רודינסקי האָט ארויסגענומען דאָס אויסגעשארענע שטיקעל צייטונג וואו עס זיינען געווען געמעלדעט די נעמען פון דער קאמיטע פאר וועמען ער דארף ערשיינען, און עס גענומען דורכקוקען מיט גרויס אויפמערקזאמקייט, גלייך ווי ער וואלט געוואלט פון דארט ארויסלייענען די כאראַקטערע פון די מענשען. . .

ער האָט א קוק געטאהן אויפ'ן זייגער און געזעהען ווי די צייט רוקט זיך.

איצט האָט זיך ביי איהם אפגעשטעלט א פראגע ווי אזוי זאל ער דאָרט ערשיינען. זאל ער אנשטעלען א רחמנות פנים פון א געפאלענעם און בעטען רחמים, אָדער ער זאָל ערשיינען אלס שטאָלצער סוחר, וועל־כער האָט געטאהן דאס בעסטע וואס אן עהרליכער מענש דארף טאָהן אויפצוהאלטען זיין גוטען נאָמען, נאָר אלעס

איז געווען געגעבן איהם? און וואָס פאר א מלבוש זאָל ער איצט אָנטהון? זאל ער אנטהון דעם אלטען אנצוג, אדער דעם נייעם?

דער חדר וואו די קאמיטע האט זיך פערזאמעלט, איז געווען א גרויסער און א ליכטיגער. ארום א גרויסען לאנגען טיש זיינען געזעסען ארומגעזעצט פערטרעטער פון א פאר „קאָמישאן הייזער" ווי אויך א פאר גרויסע האָלסיילער. און אלע האבען געקוקט מיט ערנסטקייט און האָבען געווארפען אימה'דיגע בליקען.

רודינסקי האָט זיך אוועקגעזעצט לעבען זיין לאָיער.

ער האט באטראכט זיינע קרעדיטארען און געלעהנט זייערע פנים'ער... אבער ער האָט פון איינעם פון זיי נים ארָאבגעלעהנט א חשד פאר א גוט ווארט פאר איהם...

דער ערשטער לעבען איהם איז געזעסען מר. באלין, קרעדיט־מאַן פון מוירפי ענד קאָמפאני. א הויכער, א דאַ־יער, א טרוקען פנים אָהן א ברעקעל רחמנות, וועלכעם האָט געקוקט צו איהם מיט פרעמדקייט, גלייך ווי ער זעהט איהם ערשט דאס ערשטע מאָל. רודינסקי קען איהם זעהר גוט; ער איז א מענש וואס שאצט יענעם נאָך'ן „סטייטמענט". אהן דעם סטייטמענט האט דער מענש ביי איהם קיין ווערטה ניט. די בעלי בתים זיינע זיינען רייכע לייטע און פערשטעהען ניט קיין נויט. רודינסקי קוקט איהם גלייך אין די אויגען, ער פיהלט אז גראדע ער דארף אויף איהם קיין בייז ניט טראגען, זיין הויז האָט איהם שטענדיג געטרויט דריי און פיער טויזענד דאָלאר. די לעצטע צייט האָט ער ביי זיי גאָר ניט געקויפט. נאָר מעהר, ערשט צוריק מיט א פאָר וואָכען האָט ער איינינגע סחורות אומגעקעהרט. ער איז זיי איצט סך־הכל שולדיג

א קליינינקייט, אָבער די לייטע וועלען זיך דערמיט ניט רעכענען; זיי וועלען געווים פאָדערן געזעצליך, למן ישמעו ויראו . . .

דער צווייטער איז מיסטער אקסען. דער קרעדיט־מאַן פון א גרויסער פירמע. ער איז דער גרעסטער קרע־דיטאָר, און איז דער פאָרזיצער פון מיטינג. ער איז אַן אלטער גרויער מאַן מיט א הויכען שטערן, און גלאַט פארקעמטע האָר. אויף זיין פנים ליגט ערנסטקייט. מיט דער פירמע האנדעלט ער שוין לאנג. די פירמע איז ליבעראל, זיי טהוען קיינעם קיין צרות ניט אָן. זיי בע־מיהען זיך נאָר ארויסקריגען אזוי פיעל וויפיעל ס'איז מעגליך און מעהר האנדלען זיי ניט מיט יענעם.

דער דריטער איז א פערטרעטער פון דער פירמע בלאו ענד קאָמפּ. זיין פנים איז בלייך און צאָרענדיג. די ליפּען פערביסען, פון די אויגען שיינט ארוים פערבאָר־גענער צאָרן. רודינסקי האָט איהם כמעט ניט ווי דער־קענט. ער האָט איהם שטענדיג געהאלטען פאר א גוטען מענשען.

דער פערטער איז מיסטער באל, א פארטרעטער פון באַק ענד קאָמפּ. א רויטהאָריגער מיטעלוואוקסיגער מאַן, דאָס פנים געל ווי פארמעט, מיט כיטרע אויגען. ער האָט תמיד גערעדט צו רודינסקי'ן גוטע זיסע ריידעלעך, אָבער מ'האָט אָנגעטאָפּט זייער פאלשקייט . . . די בעלי בתים זיינע זיינען שלעכטע מענשען. די לעצטע צייט האָבען זיי איהם שלעכט בעהאנדעלט.

דער פינפטער איז פון דער פירמע הוירשקאָן. א ריקער מאַן מיט א פעטען בויך און פליישיגע נאָז. דאָס

פּנים רויט און די באַקען אויסגעפּילט. פון זיינע אויגען קוקט ארויס א שונא . . .

דער זעקסטער איז א לאָיער וואָס פערטרעט עטליכע פירמעס. ער איז פאר'שם'ט פאר זעהר א שטרענגען.

דער מיטינג האָט זיך אָנגעהויבען.

דער פּאָרזיצענדער האָט זיך געווענדעט צו רודינסקי'ס לאָיער אין א קריגערישען טאָן:

„לויט'ן רעפּאָרט פון די אקאונטענטס, וועלכע האָבען דורכגעקוקט די ביכער, פעהלט פינף און פופציג טויזענד דאָלאר, קענט איהר מיר אפשר זאָגען אויף וואָס אייער קליענט האָט דאָס געלד פערנוצט?

רודינסקי'ס געזיכט איז געוואָרען פארוואלקנט און קנייטשיג. די אלע צרות פון דער לעצטער צייט האָבען זיך ביי איהם אויפ'ן פּנים אָבגעשפּיגעלט. ער האָט געפיהלט ווי אויפשטעהן און א געשריי טאָן: „רוצחים! פּיאווקעס! וואָס האָט איהר מיך אהער געבראכט? וועניג פאר אייך וויפיעל איך האָב פאר אייך געליטען!!”

דער לאָיער האָט א קוק געטאָן אויף רודינסקי'ן און דערזעהען די גאנצע פערביטערקייט וואָס האָט זיך אויף זיין פּנים אוועקגעלעגט. און ער האָט מורא געהאט ער זאָל זיך ניט אויסריידען אזעלכעס וואָס עס זאָל די קיים שווערער מאכען. האט ער איהם געראטען ער זאָל א ווײלע פארלאזען דעם חדר. ווייל ער דארף עפּעס ערקלעהרען דער קאמיטע אזעלכעס, וואָס ער טאָר ניט הערען.

נאך א שטונדע ווארטען, האָט איהם דער לאָיער גע־לאזט וויסען אז ער האָט פארגעלעגט פאר דער קאמיטע צוויי פלענער: ענטוועדער מ'זאל איהם לאזען שטעהן אין ביזנעס מיט אן „עקסטענשאן" אויף צוויי יאָהר די בילס צו באצאהלען. אויב ניט, זאלען זיי ביי איהם צונעהמען אלעס וואָס ער האָט און איהם ארויסלאזען מיט א ריינעם נאמען. אבער זיי האבען לײדער ביידע פלענער צוריקגעוויזען.

קאפיטעל פינף און פערציג

„אבפיקסען"

אין איינעם פון יענע שמערצליכע טעג האט רודינסקי באמערקט א קליינעם נאטיץ אין א צייטונג, אז דריי פון זיינע קרעדיטארען האבען זיך פאראייניגט און איהם אין באנקראט געווארפען און ער דארף ערשיינען פאר א „רעפערי" מיטינג צו האבען א „21-איי" עקזאמען.

וואס „21-איי" עקזאמען הייסט האט רודינסקי נית געוואוסט; ער האט קיינמאל וועגען דעם נית געהערט, און ס'איז געווען פאר איהם א שטארקער קלאפ. ער האט זיך פאר איהם זעהר געשראקען. ער האט זיך פארגעשטעלט, אז דאס דארף זיין עפעס א „טוירד-דיגרי" עקזאמען, וואס די פאליציי גיט די באשולדיגטע אין קרימינעלע פערברעכענס אום פון זיי מיט צוואנג דעם

אמת ארויסצוקריגען. און ער האט געפיהלט אז אזא עק־זאמען וועט ער ניט אויסהאלטען, ווייל ער קען ניט אנ־ווייזען וואו ער האט אזא סומע געלד אהינגעטאן.

איז ער ארומגעגאנגען שטארק צערודערט און פער־ביטערט. אויף אזוי פיעל האט ער זיך ניט געריכט. מענשען מיט וועלכע ער האנדעלט שוין אזא צייט און וועלכע האבען געמאכט ביי איהם אזעלכע גרויסע פער־דינסטען זאלען פשוט טהון א זאך לשם נקמה, אזא האנדלונג האט שוין ארויסגערופען ביי איהם ענטריסטונג און די ענטריסטונג איז געווען נאך טיעפער ווען ער האט זיך דערמאנט אז צווישען די דריי וואס האבען איהם אין באנקראט געווארפען, געפינט זיך איינער, וועלכער האט זיך פאר איהם שטענדיג פארגעשטעלט אלס א פריינד . . . און נאך מעהר, עס קומט איהם איצט גאר א קליינע סו־מע; ער האט איהם געקענט שולדיג זיין צעהן מאל אזוי פיעל.

אבער פערפאלען. ס'האט שוין פאסירט. אלעס וואס ער קען איצט טהון איז ארומגעהן צווישען די פריינד־ליכע קרעדיטארען און בעטען ביי זיי זייערע חתימות אז זיי זיינען צופרידען מיט איהם צו „סעטלען" און אויב איהם וועט געלינגען צו באקומען עפעס מעהר פון העלפט קרעדיטארען אויף זיין זייט, וועט ער קענען אנבאטען א „קאמפאזישאן סעטעלמענט" און זיי צאהלען אזוי פיעל וויפיעל עס איז איהם מעגליך צו צאהלען, און די איבע־ריגע קרעדיטארען, די ניט־פריינדליכע, וועלען שוין מוזען נאכקומען געזעצליך.

נאך זיין חשבון נאך האט ער געקענט צאהלען פינף און צוואנציג פראצענט, נאכדעם וואס ער וועט איינ־

מאַהנען דעם בוך חובות און פערקויפען דאָס ביסעל סחורה וואָס איז איהם געבליבען, און דאס איז ער נעווען צופרידען אוועקגעבען, אבי צו ראטעווען זיין נאָמען.

האָט ער זיך ארויסגעלאָזט צווישען די פריינדליכע קרעדיטאָרען נאָך חתימות.

דאָס ערשטע איז ער אוועק צו ראפאפארט'ען. ער, ראפאפארט, איז פון זיינע ערשטע קרעדיטארען, מיט איהם האנדעלט ער שוין פון יאָהרען, שטענדיג שטעלט ער זיך פאר פאר זיינעם א גוטען פריינד, ער, וועט איהם געוויס געבען זיין חתימה.

— מיסטער ראפאפארט — האָט זיך רודינסקי צו איהם אָנגערופען האלב פארשעהמט — איך בין צו אייך געקומען דער ערשטער, און איך גלויב איהר וועט מיר מאכען א גוטען אָנפאנג. איך וויל אייער אונטערשריפט.

מיין אונטערשריפט? — האָט זיך ראפאפארט א כאפ געטהון מיט פרייד — געוויס! פארוואָס ניט! אודאי וועל איך אונטערשרייבען! אָבער ווי אזוי? וואָס? ווער? ווען? האָסטו שוין אלעם דורכגעמאכט?

— איך דענק, אויב מען וועט מיר ניט אָנטאָן קיין צרות ביים „רעפערי”, וועל איך קענען צאָהלען די קרעדיטאָרען פינף און צוואנציג פראצענט.

— ניט שלעכט — האָט ראפאפאָרט א זאָג געטהון מיט געמאכטער צופרידענהייט — איך דיינק איך וועל דיר קענען אין דעם א סך ארויסהעלפען. א סך וועלען געווים קוקען אויף מיר און וועלען אויך געבען זייערע אונטערשריפטען. מיך וועסטו דאָך מסתמא „אבפיקסען” ? וואס מיינט איהר?

— איך מיין מיך וועסטו דאָך בעוואָרענען.

— איך פאַרשטעה ניט.

— איך מיין מיר ווענסטו דאָך באצאָהלען אינ־גאנצען ? איך מיין ווענסט מיר אריינשיקען פאר'ן געלט, סחורה.

— קיין סחורה ניט. ניט איך קען און ניט איך מאָר, אָבער בעצאָהלען וועל איך אייך געוויס. איך טראכט גאר ניט אנדערש. איך וועל יעדען איינעם מיט גאָט'ס הילף באצאָהלען. איך וועל חס ושלום ביי קיי־נעם ניט צונעהמען. איך וועל מיט גאָט'ס הילף ווידער שטעהן אין ביזנעס און אלעס וואָס איך וועל פערדינען וועל איך צאָהלען חובות. מיר וועל איך גארניט לאָזען.

— יא, אָבער מיך מוזטו בעווארענען. גיב מיר א נאוט אָהן א דאטום. פארשטעהסט ? האָסט ניט געהאט קיין רעכט צו קויפען ביי מיר די לעצטע „ביל", ווען דו האָסט געוואוסט אז דו געהסט באנקראטירען . . .

פון ראַפאפארט'ען איז ער אוועק צו די נאקמאנס. ער האָט זיי ערקלעהרט וואָס ער געהט טהון און וועגען וואס ער איז צו זיי געקומען.

— הא ? אונזער אונטערשריפט ? — האָט איינער פון די נאקמאנס געזאָגט — אלרייט. פארוואָס ניט. אודאי וועלען מיר דיר אונטערשרייבען. אָבער אונז גוטער ברודער מוזטו „אָבפיקסען".

— דהיינו ?

— דהיינו, גיב מיר א בעווארעניש אז דו ווענסט אונז בעצאָהלען.

— מיט וואס קען איך אייך דען איצט בעווארע־

נען ? איך בין דאָך איצט ניט גוט און איך מוז האָבען דאָס לעצטע וואָס איך פערמאָג צו ראטעווען מיין נאָמען.

— וועל, גיב מיר א נאוט פון א פריינד.

— איך האָב ניט קיין בעסערען פריינד פון אייך, און אז איך וועל דארפען יעדען „אבפיקסען" גאנצע הונדערט פראָצענט, ווי וועל איך עס קענען אריבערטראָגען ?

— וועל, יענע דארפסטו ניט „פיקסען". און מיר וועלען דיר העלפען קריגען זייערע אונטערשריפטען. אָבער אונז מוזטו בעצאָהלען. האָסט ניט געהאט קיין רעכט ביי אונז צו קויפען די לעצטע ביל, ווען דו האָסט געוואוסט, אז ביסט ניט גוט. האָסט באדארפט קויפען ביי פרעמדע . . .

— אז איך האָב קיין רעכט ניט ביי אייך צו נעמען, ווען איהר האָט שוין ביי מיר אזוי פיעל איבערגעלייזט, וואָס־זשע פאר א רעכט האָב איך צו נעמען ביי א פרעמדען וואָס איך האָב מיט איהם קיינמאָל ניט געהאנדעלט?

— וועל, פאר יענעם ווילען מיר זיך ניט זאָרגען, מיר זאָרגען זיך פאר זיך . . .

פון דאָרט איז רודינסקי אוועק צו בעלאווסקי בראָדערס.

— איך בין געקומען צו אייך, מיסטער בעלאווסקי, נאָך אן אונטערשריפט.

— וואס מיינסטו ?—האָט בעלאווסקי איהם א פרעג געטהון און איהם אָנגעקוקט מיט ביטול.

— איך מיין, איך וויל אָנבאָטען די קרעדיטאָרס א סעטעלמענט פון פינף און צוואנציג פראָצענט און איך וויל דערויף אייער חתימה.

— נאר־סער — האט בעלאווסקי ארויסגעפלאצט מיט

א האַלב שמייכלענדען כעס. — ביי מיר קענסטו קיין חתימה ניט קריגען ביז דו וועסט אונז ניט „אבפּיקסען”. האָסט ניט געהאַט קיין רעכט אונז שולדיג בלייבען. האָסט אונז געקענט אריינשיקען סחורה, אויב דו האָסט קיין געלט ניט געהאַט.

— פאַרוואָס עפּעס אייך יאָ און א צווייטען ניט.

— וועל, פאַר יענעם דאַרף איך ניט זאָרגען, ביי אונז האָסטו ניט געהאַט קיין רעכט צונעהמען, אז מען וויל צונעהמען, נעהמט מען ביי פרעמדע, ניט ביי קיין היימישע. און אויב דו האָסט אזוי געטאָן, וועלען מיר טאָן דאס וואס מיר קענען. מיר וועלען זיך ניט אפּשטע־לען אפילו פאַר מסירה. פאַרשטאַנען.

— אין גאָטעס ווילען! — האָט רודינסקי מיט אָפענעם כעס אויסגעשריען, — ווען דען האָב איך געקענט שולדיג בלייבען, אז איך האָב מיט אייך גע־האַנדעלט!

— וועל, אונז מוז מען באַצאָהלען, — האָט בע־לאַווסקי מיט רוהיגקייט געענטפערט.

— גלויבט מיר בנאמנות איך האָב ניט א סענט,— האָט רודינסקי געזאָגט מיט אויגען פול אין טרעהרען.

— ניט מיר א פרעמדען נאוט.

— וואו זאָל איך נעהמען פרעמדע נאָוטס?

— ניט מיינע ביזנעס, אונז מוזט דו אָפּפּיקסען.

רודינסקי איז אזוי ארומגעגאַנגען צווישען אלע קרעדיטאָרען און אלע האבען געהאט טענות פאַרוואָס ער האָט דעם לעצטען ביל ביי זיי געקויפט, ווען ער האט געוואוסט אז ער האלט שמאָל און אלע האבען פארלאנגט ער זאָל זיי „אָפּפּיקסען”.

רודינסקי האָט א טראכט געטאָן, ווען ער זאָל זיי דארפען אלע „אָפּפיקסען” ווי זיי פארלאנגען, וואלט ער דארפען אנהויבען א נייע ביזנעס מיט א לאָך פון דרייסיג טויזענד דאָלאר . . .

קאַפּיטעל זעקס און פערציג

די סטאָר איז געשלאָסען

אויפ'ן צווייטען טאָג ווען רודינסקי איז אריינגעקומען אין סטאָר, איז זי געווען קאַלט און אומבאהייצט. די ראפּטען זיינען געווען ליידיג און די לעכער האבען געקוקט צו איהם מיט טרויער, ווי זיי וואָלטען פאַראיבעל געהאט אויף איהם וואס ער האָט זיי פאַרשעהמט. די קאַסע איז געשטאַנען אָפען, און די ביכער זיינען געלעגען ניט אין אָרדנונג. לעבען דער טיר זיינען געלעגען אָנגעוואָרפען עטליכע בריעף מיט א ביזנעס צייטונג וואו עס ווערען געמאָלדען די נייעסען וואס עס ווערען אָפּגעטאָן אין דער ביזנעס וועלט.

רודינסקי האָט אויפגעמאכט די צייטונג און נערוועז איבערגעקוקט די נאָטיצען פון די „ביזנעס טראָבעלס“, וואו עס ווערען געמעלדעט די באַנקראָטירטע פון לעצטען טאָג, און האָט דערזעהן דאָרט זיין נאָמען.

ס'איז איהם באפאלען א מאָרנע שרעק.

ער האָט זיך אוועקגעשטעלט ביים פענסטער און מיט שרעקענדע בליקען ארויסגעקוקט און געפּאָרשט יע־דען פארבייגעהער, גלייך ווי ער וואלט געוואלט אויס־געפינען צי ווייסען שוין אלע די נייעס. דערנאָך האָט ער זיך גענומען מאכען אביסעל אָרדנונג. ער האָט צונויפגע־נומען די איבערגעבליבענע צעווארפענע סחורה, זי צו־לעגט אין די ראפטען מ'זאָל ניט דערקענען די לעבער וואס זיינען מיט אמאָל געוואָרען . . .

דער מאן וואס ארבייט אין סטאָר איז אָנגעקומען.

רודינסקי האָט איהם געזאָגט אז ער מוז בלייבען אליין אין סטאָר, ווייל ער, רודינסקי, מוז אהיימגעהן זיך אוועקלעגען, ער פיהלט ניט גוט פון די לעצטע אָנ־שטרענגונגען.

ער איז צוגעגאנגען צו דער קאסע, האט ארויס־גענומען פון דארט אייניגע „אינשורענס פאליסים" און זיך געלאָזען ארויסגעהן.

א הויכער, דיקער און פעטער מאן, מיט א גראָבער גאמבע איז אריינגעקומען אין סטאָר, איז געבליבען שטעהן ביי דער טיהר, האָט אריינגעקוקט אין א פּאַ־פּיער און געפרעגט:

— קען איך זעהן מיסטער רודינסקי?

— יעס, האָט רודינסקי געענטפערט, — און זיין שטימע האָט געציטערט פון קעלט און אויפרעגונג, — איך בין מיסטער רודינסקי.

— איך בין דער „רעסיווער" — האָט דער מאן געזאָגט געלאסען — איך בין געשיקט געוואָרען פון קאורט צו פארמאכען די סטאָר.

רודינסקי איז געבליבען צוטומעלט, ער האָט ניט געוואוסט וואָס ער דאַרף טהון.

— זייט אזוי גוט און גיט מיר די שליסלען — האָט דער „רעסיווער" געזאגט אין א העפליכען טאָן.

רודינסקי האט איהם מיט ביטערניש דערלאנגט די שליסלען.

און דער „רעסיווער" האָט זיי העפליך געבעטען די כטאר צו פארלאזען.

דער דרויסען איז געווען א נאסער, שטיקער שניי זיינען געפאלען ווי פליאכעס. די קרעמער זיינען געשטאנען ביי די פענסטער און ארויסגעקוקט.

מיט שנעלע טריט איז רודינסקי פארבייגעגאנגען זיינע שכנים, דאָס פנים איז איהם געווען פארענדערט, דער קאָפּ געזונקען און די אויגען אבגעקעהרט . . .

פאהרענדיג אין קאר, האָט ער זיך דערמאהנט אז ער האָט דינה'ן גארניט געלאזט פאר'ן גראָסערי מאן, און אז ער האָט איהר איצט אויך גארניט וואָס צו געבען, און זי מוז זיך אודאי שעהמען אריינגעהן עפּעס קויפען. ער האָט געארדערט קויהלען און זיי קומען ניט אָן, ווייל דער „דילער" האָט שוין געוויס באמערקט דעם נאטיץ...

אריינקומענדיג אין שטוב, האט ער געטראפען דינה'ן ליגען אין בעט, נאך דעם וואס זי האט די עלטערע צוויי קינדער אוועקגעשיקט אין סקוהל, האָט זי זיך צוריק אוועקגעלעגט ביז דאָס קליינע קינד וועט אויפשטעהן.

רודינסקי האָט א קוק געטהון אויף דינה'ן. איהר פנים איז געווען בלייך און טרויעריג. ס'איז איהם געקומען אויפ'ן זינען אז די לעצטע צייט איז זי געוואָרען

אויסגעטרוקענט, די קליידלעך וואָס זי טראָגט שווימען אויף איהר ארום.

דינה האָט איהם דערזעהן פלוצים קומען פון סטאַר און ס׳האָט איהר א זעץ געטהון אין הארצען. זי קוקט איהם אין די אויגען און פארשט זיינע בליקען. זי זעהט ער קוקט אויס נערוועז און טרויעריג, און זי וואגט איהם ניט צו פרעגען וואָס ער טהוט פלוצלונג אין דער היים. עס קומט איהר אויפ׳ן געדאנק, אז די לעצטע צייט איז ער אַן אנדער מענש געוואָרען. ער איז שטארק נערוועז, אויף וואָס מען פרעגט איהם ענטפערט ער א ווארט איבער צעהן.

רודינסקי האָט זיך ארומגעדרעהט אין שטוב, גע־קוקט אין אלע ווינקעלעך און געמאכט דעם אנשטעל ווי ער האָט עפּעס פארגעסען. דערנאך איז ער צו צום פענס־טער און סתם אזוי ארויסגעקוקט.

וואו האלט דער זייגער, בענדזשאמין? — האָט דינה איהם פלוצלונג א פרעג געטהון.

— האלב נאך ניין — האָט רודינסקי מיט א אנ־געשטרענגטער רוהיגקייט געענטפערט.

— שוין צייט אויפצושטעהן — האָט דינה צוגע־געבען.

רודינסקי האָט זיך דערמאהנט אז ער האָט איהר ניט וואָס צו געבען פאר׳ן גראסערי מאן. ער איז צו צום „קלאזעט” און געכאפּט א קוק בגנבה צי האָט מען געלעגט ברויט. דינה האָט פארשטאנען וואָס ער קוקט און געזאגט צו איהם מיט א פארביטערטען שמייכעל:
— ער האָט הפּנים פארגעסען לעגען ברויט.

— גוט — האָט רודינסקי געזאָגט — איך וועל איהם געהן דערמאהנען.

ער האָט זיך אויסגעגלייכט די העט, אנגעשטעלט א פרעהליכע מינע און איז אוועק אין גראָסערי.

— גוט מאָרנינג.

— גוט מארנינג.

— איהר האָט הפנים פארגעסען אז מיר מוזען היינט אויך עסען — האָט רודינסקי מיט א געמאכטען שמייכעל געזאָגט.

דער גראָסערי מאַן האָט זיך פארלוירען... זינט רודינסקי איז ביי איהם א קאסטאָמער, זעהט ער איהם איצט צום צווייטען מאָל. ער האָט אנגעהויבען שטאמלען: איך — ע, איך — ע, איך וואלט אייך געוואלט בעטען . . .

— וואָס ? געלט ? — האָט רודינסקי אונטערגעכאַפּט — ניט געזאָרגט, איהר וועט קריגען געלט.

—ניין — ע — האָט דער גראסערי מאַן געשטאַמעלט און זיך געוואָרגען מיט די רייד — איך מיין — ע — איך מיין אייער טשעק פון לעצטער וואך וואָס איהר האָט מיר געגעבען איז געקומען צוריק ; הפנים א טעות.

רודינסקי האָט א קוק געטהון אויפ'ן טשעק, און געזעהן די באמערקונג „נאָט סאָפישענט פאָנדס". דאס בלוט האָט איהם א זעץ געטהון אין פּנים. ער האָט זיך געמאכט הארץ און געזאָגט :

— יאָ, הפנים א טעות. איך וועל אייך געבען אַן אנדער טשעק. ער האָט אנגעהויבען זוכען אין די קעשענעס . . .

— ווייסט איהר וואָס איך וועל אייך זאגען, גראָ־

סערי מאן — האָט רודינסקי געזאָגט
איך וועל אייך ברענגען פאר'ן טשעק די
ביי זיך ניט קיין בלענק.

— נאט אייך דעם טשעק — האָט דער גראָסערי מאן געזאָגט — איך דארף איהם ניט.

רודינסקי האָט גענומען דעם טשעק און זיך געלאזט געהן.

— ווארט א ווײַלע, מיסטער רודינסקי, ווארט א ווײַלע! — האָט איהם דער גראָסערי מאן נאכגעשריגען — כ'האָב אייך היינט פארגעסען לעגען ברויט!...

קאפיטעל זיבען און פערציג

ערקלעהרט דינה'ן וועגען באנקראט

אויפ'ן וועג אהיים, האָט רודינסקי געטראכט: ווען דער שניי זאל ניט אזוי פליאכעווען, און ווען עס זאל ניט זיין קיין סכנה טאמער באגעגענט איהם עמיצער, וואלט ער זיך ארויסגעכאפּט ערגיץ אונטער'ן שטאדט און פארקויפט א פּאָר שטיקלאך סחורה צו באצאהלען דעם גראָסערי מאן. זאל כאטש דינה ניט ליידען. דאָס פּעקעל וואָס ער האָט איבערגעלאזט ביי באראווסקי'ן וואלט געווען גוט צום פּעדלען.

ווען ער איז אריינגעקומען אין שטוב, האָט ער שוין געטראָפען דינה'ן זיך פּארען מיט'ן קאווע פענדעל. ער האָט אוועקגעלעגט דאָס ברויט אויפ'ן ווייסען טיש און זיך געשטעלט קוקען אין פענסטער. דינה האָט עס באַמערקט און זיך געמאכט ניט זעהענדיג; דערנאָך האָט זי איהם מיט אמאל א פרעג געטהון:

— וואָס איז נייעס, בענדזשעמין? וואָס טהוסטו עפּעס היינט אזוי שפּעט אין דער היים? דערצעהל מיר, דו מוזט מיר דערצעהלען.

— וואס איז דאס איילעניש? די גוטע ביזנעס וואס מיך ערהוואַרטעט דאָרט! האָט רודינסקי, ניט צונעהמענדיג די אויגען פון פענסטער געענטפערט.

— אבער מען דאַרף דאך עפענען דעם סטאָר? — האָט דינה מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט און איהם נעקוקט אין דער מינע — דער שליסעל איז דאך ביי דיר?

— שוין געעפענט דעם סטאָר — האָט רודינסקי ווי כלאחר יד געענטפערט.

— שוין געעפענט.

— יא, געעפענט, אבער כ'האָב עפּעס ניט געפיהלט גוט, בין איך אהיימגעקומען.

— וואָס זשע שלעפּסטו זיך ארום אין דרויסען אז דו פיהלסט ניט גוט? — האָט דינה געזאגט ברוגז'לאך — אז מען פיהלט ניט גוט לעגט מען זיך אריין אין בעט.

— ס'איז ניט אזא ניט גוט פיהלען וואס מען דאַרף זיך אריינלעגען אין בעט אריין. האט רודינסקי האלב שמייכלענדיג געענטפערט.

— וואס זשע, שוין ווידער צרות? האט דינה מיט שרעק געפרעגט.

— ווען איז דען ניט געווען קיין צרות וואס דו זאגסט ווידער צרות — האט רודינסקי געזאגט שפּאסיג ווי ער וואלט די צרות צונישט מאכען.

— וואס וויים איך? — האט דינה געזאגט אין א בעליידיגטען טאָן — דו דערצעהלסט מיר דען? איך נעה דאך ארום אין דער בלינדעניש!

— נו, און אז דו וועסט וויסען וואס וועט זיין? קענסט מיר דען עפעס העלפען?

— און אז ניט העלפען דארף איך ניט וויסען? אין דעם בעשטעהט דיין טריישאפט?

— איך וויים? מעגלאך אז דו האסט רעכט: ס׳איז טאקע אפשר ניט קיין געטריישאפט צו פערלייקענען.

רודינסקי איז געבליבען שטעהן און געטראכט, אז ס׳איז טאקע אפשר אן אומרעכט זי זאל ארומגעהן אין דער פינסטער; עס קען דאך טרעפען אז דער „רעפערי״ זאל באשטימען אז ס׳איז דא א „קיים״ און ער וועט דארפען געהן צו דער „גרענד״ דזשורי, וועט דאך די שלעכטע בשורה מיט אמאל זיין פאר איהר שרעקלאך.

— נו וואס שווייגסטו, בענדזשאמין? וואס רעדסטו ניט, מיט דעם וואס דו בעהאלסט פאר מיר טהוסטו מיר ניט קיין טובה, וואס איז געשעהען?

— גארנישט איז געשעהן, די ביזנעס זיינען אויף צרות.

— דאס אלעס?

— וואס זשע, ס׳איז וועניג?

— איך וויים? ביי מיר דאכט זיך איז עס קיין נייעס ניט אז ביזנעס איז שלעכט, ווען זיינען זיי דען געווען גוט?

— איצט אבער זיינען זיי שוין צופיעל ניט גוט, און איך האב באשלאסען זיי אויפגעבען.

— איז וואס? אויפגעבען איז אויפגעבען; ביזט ניט קיין קאליקע חס ושלום און וועסט מיט גאטס הילף מאכען א לעבען. מן הסתם איז דיר בעשעהרט צו האבען וויינינגער קאפ דרעהעניש.

— איך וועל דאָך אָבער מוזען באנקראטירען ?

— איז וואָס ? אז מען קען זיך ניט העלפען באנק־ראטירט מען. באנקראטען זיינען ניט געשטעלט געוואָרען פאר קיין הינד. גרעסערע לייטע פון דיר באנקרא־טירען.

— אנדערע אָבער אז זיי באנקראטירען בלייבט זיי עפּעס, און איך וועל בלייבען ארים.

— איז וואס ? ארים איז קיין שאנדע ניט, איבע־ריגס, מיר זיינען קיינמאָל רייך ניט געווען ; פאר קיין הונגער וועלען מיר מיט גאטס הילף ניט שטארבען.

— וואס זשע זאל איך אָבער טהון מיט מיין „סטייט־מענט״ ?

— מיט וואָס פאר א „סטייטמענט״ ?

— מיט דעם „סטייטמענט״ וואָס איך האָב ארויס־געגעבען אז איך פערמאָג קארגע זעקס און דרייסיג טוי־זענד דאלאר ? איך וועל דאך דארפען אבגעבען חשבון ?

— צו וואָס האָסטו באדארפט ארויסגעגעבען אזא גרויסען „סטייטמענט״ ?

— ניט כ׳האָב באדארפט נאָר כ׳האָב געמוזט ; די ביזנעס וועלט וויל אז מען זאל זיי אלע יאהר אנצייגען אז מען מאכט רוחים, אויב ניט טויג ניט. גיט מען ניט קיין קרעדיט. און פון די ביסלאך ווערט א סך . .

— דערויף ווייס איך דיר ניט וואס צו זאגען, איך ווייס נאר אז עהרליכע מענשען זיצען ניט אין פריזאן. מיר לעבען גענוג ארים, מיר האָבען ניט וואָס מורא צו האָבען. איין זאך וויל איך דיר נאר בעטען, זאלסט מיך ניט לאזען ארומגעהן אין דער פינסטער, איך וויל וויסען פון אלעם וואָס מיט דיר קומט פאָר.

האָט איהר רודינסקי אַלעס דערצעהלט . . .

— איז די סטאָר הייסט עס שוין געשלאָסען ? — האָט דינה געפרעגט מיט א פערבעהאַלטענער אויפרע־גונג.

— יא געשלאָסען.

— כאַפּט זי דער רוח. זאָל זי פערברענט ווערען ווי א ליכט. זאָלען אַלע אונזערע שונאים שטעהן אין אזעלכע ביזנעס.

— האָסט שוין בעשטעלט א לאָיער ? — האָט דינה ווידער געפרעגט נאָך אביסעל אויפגערעגטען שווייגען.

— יאָ.

— וואו וועסטו נעמען געלט איהם צו בעצאהלען ?

— איך האָב איהם שוין בעוואָרענט. כ'האָב בע־האַלטען פאַר איהם סחורה.

וויפיעל קריגט ער ?

— צוויי טויזענד דאָלאַר.

— צוויי טויזענד דאָלאַר ?

— מיט געוויין און געבעט.

— ווי האָט ער געהאט דאָס הארץ צו נעמען אזוי פיעל נאָך דעם וואָס דו האסט איהם דערצעהלט דיין לאַ־גע ?

— ער נעהמט ניט, זאגט ער, מיינס, ער נעהמט די קרעדיטאָרס. . .

קאפיטעל אכט און פערציג

גוטע פריינד

איינינע טעג נאָך דעם וואָס דער רעסיווער האָט ביי רודינסקין די קלייט געשלאָסען, איז ער געזעסען אין דערהיים און זיך ניט געוויזען אין גאס צווישען זיינע חברים און פריינד דזשאבערס פון די זעלבע ביזנעס. ער האָט פשוט געוואלט אויסמיידען זייערע טרויעריגע בליקען וועלכע וועלען געווים זיין אָנגעפילט מיט מיטלייד און רחמנות צו איהם און צו זיין אומגליק. אבער ווען דאָס היים זיצען איז איהם שוין געוואָרען לאנגווייליג און נודנע, האָט ער בגנבה זיך ארויסגעכאפט צו קרעגגלען.

העללאו רודינסקי ! האָט קרעננעל אויסגעשריגען ווען ער האָט איהם דערזעהן — וואָס איז דער מעהר ? וואָס זעהט מען דיך ניט ?

כ׳וויס :— האָט רודינסקי אָנגעהויבען שטאמלען האַלב פערשעהמט — עפּעס ניט איינגענעמען זיך צו צייגען אין אזא צייט צווישען פריינד און חברים. איך ווייס זיי וועלען האבען גרויס מיטלייד מיט מיר און איך וועל זייערע רחמנות׳דיגע בליקען ניט קענען פערטראגען.

מיטלייד ! רחמנות ! — האָט רודינסקי סארקאסטיש אויסגעשריען — וואָס פאר א נאאיווער מענש דו ביסט. דו מעסט די וועלט נאָך דיין כאראקטער נאָך. ניט נאר האָבען זיי ניט קיין מיטלייד, קיין רחמנות, ווי די זאָגסט, נאָר זיי וואלטען דיך גאר אין א לעפעל וואסער דערטרונקען. זיי טראכטען גאר אויף דיר אוים אלדאס בייז. זיי זיינען גאר שונאים.

מיר שונאים ! — האָט רודינסקי מיט פערביטערטער פערוואונדערונג אויסגעשריען — מיר שונאים ! פארוואס ? פאר ווען ? ווטמען האָב איך שלעכץ געטהון ? האָב איך דען ביי ווטמען פון זיי עפּעס צוגענומען ? פערקעהרט, איך האָב דאך זיי אלע גמילת חסדים, דעם לעצטען טאג, בעצאהלט. אלע נאוטס גוטגעמאכט. איך בין דאך קיינעם קיין סענט ניט שולדיג !

אזוי! ביסט קיינעם קיין סענט ניט שולדיג — האָט קרעננעל געצויגען די ווערטער, — דאָס איז טאקע דער חסרון. ווען דו בעצאהלסט זיי ניט, וואלטען זיי דיר אלע געווען גוטע פריינד. זיי וואלטען אלע געשריגען אז דו ביסט א פיינער מאן. זיי וואלטען אויף דיר קיין שלעכט ווינטעלע בלאזען ניט געלאזט. זיי וואלטען געוואלט זאלסט ווידער שטעהן אין ביזנעס אום דו זאלסט זיי קענען בעצאהלען. אָבער אז

דו האסט יעדען אפגעצאהלט, דארפען זיי דיך שוין ניט מעהר. פארקעהרט, זיי וואלטען דיך געוואלט זעהן ארויס פון ביזנעס . . . פארשטעהסט? . . . וועניגער א קאנקורענט . . .

— ניין, ניין מיסטער קרענגעל, זאגט עס ניט, איך בעט אייך, — האט רודינסקי ארויסגערעדט מיט הארץ קלעמעניש. — עס קען ניט זיין, עס לאזט זיך ניט גלויבען אז חברים און פריינד זאלען אזוי קליין זיין און שלאגען קאפיטאל פון מיין נידערלאגע. עס קען ניט זיין. עס קען ניט זיין.

— שוטה איינער, וואס ביסטו אזוי בארעש'ט געווארען — האט זיך קרענגעל צו איהם אנגערופען אין א מעהר געלאסענעם טאן, זעהענדיג ווי זיינע ווערטער האבען אזוי שלעכט אויף איהם געווירקט, — זיי ניט אזוי בארעש'ט, וואס איז דיר דא אזוינס ניט צום גלויבען? ס'איז אן אמת און א ביטערער אמת דערצו. אלע דיינע פריינד וואס דו גערהסט צו זיי און רופסט זיי אויף שמחות און וואס דו רעכענסט זיי פאר דיינע בעסטע פריינד, מיט וועלכע דו האסט האלב פון דיין לעבען אבגעלעבט, נעמען זיך ניט שטארק צום הארצען דיין איצטיגע לאגע, און איך בין ניט שטארק זיכער צי קומט זיי ניט אויפ'ן זינען הלואי בלייבסטו אהן ביזנעס . . . פערשטעהסט? ניט חס ושלום פאר שנאה, נאר פשוט ביזנעס יו־נא . . וועניגער א קאנקורענט. — פארשטעהסט? . . . מיר רייידען ניט פון קייז אויסנאהמעס. פון די איבעריגע איז שוין אבגערעדט. זיי געהען ארום און — ריידען ניט. זיי האבען געלערנט אמאל אין חדר און ווייסען אז רייידען לשון הרע איז א גרויסע זינד „המוציא שם רע אין לו

חלק לעולם הבא". נו ריידען זיי טאַקע ניט, נאָר מען שפּאַסט, מען חכמ'ט זיך. מען קליגערט זיך אויף דיין חשבון, מען וואונקט מיט די אייגעלאַך, מען גיט האַלבע אנצוהערינישען, מען רעדט סודות'דיג, מיט פּינטעלעך, מיט פּשוטער כונה עס זאָל דערגעהען אהין וואו עס דאַרף, פיעלייכט וועט מען דיך קענען אפּראַמען פון וועג. זאָל זיין וועניגער א קאָנקורענט. פערשטעהסט? א טרויעריגער אמת, נאָר אן אמת. א מיאוסע וועלט, אָבער א וועלט. און פאַר אַזוינע מענשן, זאָגסטו, איז דיר ניט אנגענעהם זיך צו צייגען? דו ווייסט, זאָגסטו, זיי וועלען האָבען מיט דיר גרויס מיטלייד און דו וועסט זייערע רחמנות בליקען ניט קענען פערטראָגען? . . .

„גלויב מיר, רודינסקי, איך וואָלט דיר דאָס ניט דערצעהלט. לשון הרע ריידען האָב איך פיינט. זעהענדיג אָבער ווי נאאיוו דו ביסט און גלויבסט אזוי אין דיינע גוטע פריינד, האָב איך עס דיר דערצעהלט און פאָלג מיך, לאָך זיך אויס פון זיי און האָב מיט זיי מעהר ניט קיין געשעפטען. און אז דו וועסט זיי פערבייגעהן קוק זיי גלייך אין די אויגען, זאָלען זיי זייערע אויגען אראָבלאָזען . . . דו האָסט זיך ניט מיט וואָס צו שעהמען. האָסט קיינעם ניט בע'גנב'עט, ניט בעראַבעוועט, ניט גע'הרג'עט קיין מענשען. ביזט געשטאַנען אין ביזנעס, האָסט געליטען, האָסט אנגעווענדעט אַלע מעגליכקייטען צום בעסטען, אָבער אַלעס איז געווען געגען דיר און ס'האָט געמוזט פּאַסירען. אמת?

— אמת מר. קרענגעל, — האָט זיך רודינסקי צו איהם אנגערופען און א טיעפער זיפץ האָט זיך פון האַרצען ארויסגעריסען. — אמת, אָבער . . .

„וואָס אָבער ?

אָבער איהר ווייסט וואס איך פיהל איצט ? איך פיהל ווי ארומנעמען די גאנצע וועלט און איהר אנשפייען א פולען פנים . . .

קאפיטעל ניין און פערציג

ביים „רעפערי“

דער טאג, אין וועלכען רודינסקי האָט באדארפט ערשיינען פאר׳ן „רעפערי“, האט א וויינענדיגער אויסגעבראכען.

רודינסקי האָט זיך אויפגעכאפט מיט שרעק, האָט א קוק געטהון אויפ׳ן זייגער, און מיט פערכאפטען אטהעם איז ער אראפ פון געלעגער, זיך אנגעטוהן שטיל, אום ניט צו ציהען דינה׳ס אויפמערקזאמקייט. מיט שטילער אנשטריינגעניש איז ער אראפ די טרעפ וועלכע האָבען געפיהרט צום ארויסגאנג פון פאדערשטען חדר, האָט אָנגעצויגען אויף זיך דעם מאנטעל, מיט דער העט און זיך געלאזט ארויסגעהען. אָבער נאָך איידער ער האָט די טהיר געעפענט, האָט ער דערהערט דינה׳ס שנעלע טריט אראפשפאנענדיג די טרעפ.

— וואוהין איז בענדזשאמין? וואס איילסטו היינט אזוי פריה? וואס איז דער מעהר?

רודינסקי איז געבליבען א צעטומעלטער, און ניט טראכטענדיג פריהער וואס פאר א תירוץ צו זאגען, האט ער גלאט אזוי געשטאמעלט: איך דארף געהן.

— וואוהין?

זעהען א מענשען.

— א סוד?

ניין, איך ע . .

— כ'האב דאך דיר געבעטען, בענדזשאמין, זאלסט פאר מיר גאר ניט בעהאלטען — האט דינה מיט נערוועזער אויפרעגונג געזאגט און געקוקט צו איהם מיט יענעם בליק ווי ווען מען כאפט א קינד טהון א זאך וואס מ'האט איהם פערווערט טהון — דיינקסט אפשר אז דו טהוסט מיר א טובה דערמיט וואס דו בעהאלסט פון מיר? דער סוד וועט דאך מוזען ארויסקומען!

רודינסקי האט פערשטאנען אז דאס פלאנטערן זיך דא וועט גארנישט העלפען. ער וועט זיך שוין פון דינה'ן ניט ארויסדרעהען. האט ער אנגעשטעלט א שמייכעל און געזאגט צו איהר:

— מעגליך עס זאל היינט זיין דער „רעפערי" מיטינג.

— ס'הייסט ניט זיכער?

מעגליך יא. און מעגליך ניט.

אהא, — האט דינה געזאגט נערוועז — דאס הארץ האט מיר אבער געזאגט אז עפעס איז ניט גלאטיג. אויב אזוי געה זשע ניט אוועק אהן עסען, וועסט דארט גארניט אנווערען, די בלוט זויגערס וועלען אויף דיר ווארטען.

רודינסקי האט פערשטאנען אז קיין טענות וועלען

איהם דאָ ניט העלפען, האָט ער אָבגעלאָזט די טהיר און זיך געזעצט עפּעס איבערכאפּען . . .

ווען רודינסקי צוזאַמען מיט'ן לאָיער, זיינען געקומען צום „רעפערי", האָבען זיי שוין געטראָפען דאָרט די לאיערס וועלכע האבען פארטראטען די קרעדיטארען.

רודינסקי האָט זיך אוועקגעזעצט לעבען דער טהיר און זיך ארומגעקוקט.

א כמורנער טאג האָט מיט אומעט אריינגעקוקט אין דעם קליינעם חדר און פארשפּרייט א מרה־שחורה. ביי איין וואנט זיינען געשטאנען א פּאאר אלמערס אָנגעפילט מיט דיקע, אלטע, בעשטויבטע, גראב־בייכיגע ביכער, וועלכע האָבען דערמאָנט און „ואלה המשפּטים" ... די ווענט זיינען געווען פערויכערט און שמוציג. אויף איין וואנט איז געהאנגען א גרויסע בילד. אין מיטען חדר, א לאנגער טיש ארומגעשטעלט מיט עטליכע ניט קיין גלייכע שטולען. אין א צווייטען חדר, דלד־על־דלד איז געשטאנען א שרייב טיש מיט אנגעווארפענע פּאפּיערען פון אויבען. לעבען שרייב טיש אויף אן אלטען לעדערנעם וויג שטול, איז געזעסען דער „רעפערי", אן אלטער געבויגענער מאן מיט אן ערנסטען אויסזעהן און גערויכערט א לולקע.

דער מיטינג האָט זיך אָנגעפאנגען.

רודינסקים לאָיער האָט ערקלעהרט די אומשטענדען אין וועלכען זיין קליענט געפינט זיך און האָט פארגעלעגט א „סעטעלמענט" פון צעהן פּראצענט אין מזומן און פינף פּראצענט אין וועקסלען.

איז געוואָרען א ויצעקו : איינינע האָבען פערלאנגט כאָטש פופציג פּראָצענט, אנדערע מעהר. איין לאָיער

האָט פערלאַנגט גאַנצע הונדערט. איינער האָט גע׳־טענה׳ט אַז ביי זיין פירמע איז ניט קיין פראַגע פון געלט, נאָר פון אַ לעקציע, למען ישמעו ויראו . . . ווייל די לעצטע צייט האָבען זיך צו פיעל באַנקראָטען געמעהרט, און דאָס רוב באַנקראָטירטע זיינען אידען.

האָט רודינסקי׳ס לאָיער פאַרדראָסען וואָס מען בע־ליידיגט זיין קליענט און האָט געמאַכט אַ בעמערקונג, אַז ס׳איז ניט אמת, ווייל גויעשע באַנקראָטען זיינען אין אַ גרעסערער צאָהל, אין די מיליאָנען, נאָר זיי בעהאַלטען זיך אונטער אַ מאַסקע פון קאָרפּאָריישאָנס און זייערע נעמען ווערען אין די צייטונגען ניט דערמאָנט . . .

די ענדע איז געווען:

דער מיטינג האָט קיין רעזולטאַטען ניט געבראַכט.

האָבען זיך די לאָיערס פון די קרעדיטאָרען געווענ־דעט צום פּראָקוראָר, ער זאָל פאַרפיהרען אַ פּראָצעס פאַר׳ן געריכט . . .

און די ווייזערס אויף׳ן ציפער־בלאַט האָבען זיך גע־רוקט. שעה׳ן זיינען געפלויגען. טעג האָבען זיך געוואָי־קעלט.

וואָס האָט רודינסקי אין יענער צייט געטראַכט?

— גאָט ווייסט.

ער האָט זיך פאַר קיינעם ניט געקלאַגט: פאַר דינה׳ן האָט ער שטענדיג געהאַט אַ שמייכעל, און פרעמדע זיי־נען פערביי און באַמערקט, אַז אין הארצען ביי איהם זיצט אַן אומעט . . .

קאפיטעל פופציג

אין געריכט

דער ריכטער איז געווען א גרייז גרויער, הויכער עדעלער מאן פון א יאהר זיבעציג, מיט א פערביסען געהל וואקסענעם פנים. מיט'ן ערשטען קוק וואס מ'האט אויף איהם געטהון, האט מען גלייך געקענט באמערקען אז ער איז א מענש פון געזעץ : ער משפט מיט דין, ניט מיט רחמים.

אנגעפאנגען זיין קאריערע האט ער אלס געהילף'ס פראקוראר; און גלייך האט מען געקענט בעמערקען אז ער שטעהט אין זיין מחיצה : או באשולדיגען איינעם אין א פארברעכען איז ביי איהם א געוועהנליכע זאך. און יעדען וואס ער האט גע'משפט איז ער געווען איבער־ צייגט אז ער איז א שולדיגער. און די נאטירליכע נייגונג צו בעטראכטען יעדען פאר א פארברעכער האט ער מיט זיך אויפ'ן ריכטער שטוהל מיטגעבראכט. ער האט פיינט געהאט זיך אריינצולאזען אין חקירות, זיך

גריבלען ביי יענעם אין דער נשמה אום צו דערגרונטן ווען די אורזאכן וואס האָבען געבראכט דעם פארברעכער צו באגעהן דעם פארברעכען; ער האט קיינמאָל וועגן דעם ניט געטראכט; האָט מען געכאפּט איינעם ביי א גנבה איז ער א גנב. האָט איינער באנקראטירט, איז ער א רויבער. — ער האט געוואלט מאכען פארמעגען. האָט ביי איינעם געברענט, האָט ער געמאכט א פייער צו קריגען פייער פערזיכערונג.

און שטראפירט האָט ער יעדען מיט דער פולער מאָס. אויף וויפיעל דאס געזעץ האָט ערלויבט.

רודינסקי איז געזעסען הינטער זיין לאיער און געקוקט צום ריכטער מיט שרעק און מורא...

ער האט בעטראכט די געשוואוירענע:

דער ערשטער —

א מאַן פון אַ יאהר ניינציג. דאס צעקנייטשטע, גלאט געגאלטע פּנים, ענדיגט זיך מיט א שטשיטינע ווייס בערדיל, אונטערגעשוירען גלייך, ווי א באַרשט צום קאליכען. דער קערפּער, וועלכער איז ווי א האלב געבויגענע רייף, בעט זיך אין א „משוב זקנים.“ ער זיצט האלב דרימלענדיג, דרעהט מיט די אנגלען... הויבט זיך אלע מאָל פון׳ם פלאַץ און א געבויגענער, מיט שוואכע טריט, שפּאַנט ער צום שפּיי קעסטעל, שפּייט דאָרט אריין געדיכט און שווארץ. דרעהט זיך אוים צוריק, זעצט זיך ווידער אויף זיין פלאַץ און קייעט ווייטער מיט גרוים כונה . . .

אונטער איהם זיצט אַן אלטע גויע פון א יאהר זיבעציג מיט א מאגער גערינצעלט צעקנייטשטען פּנים, אנגעטאהן אין א צודרעהט היטעלע אויפ׳ן קאפּ; די

מלבשה צופלעקט און בעפעדערט, זי האלט אנגעשטריינגט איהר קוק אין א זייט ניט צו באגעגענען זיך מיט רודינסקי'ס בליקען גלייך ווי א שד וואלט דארט געזעסען.

דער דריטער :

א מאן אין די זיבעציגער, מיט א בכבוד'יגען אויסזעהן. קענטיג א באנקיר. דאס פנים זיינס רעדט מיט סטייטמענט . . . .

דער פערטער : —

א מאן פון א יאהר פופציג, מיט א הייליגען פנים, גלייך ווי ער איז ערשט געקומען פון קלויסטער און געהערט דארט א הייליגע דרשה.

א פינפטער :

א יונגערמאן מיט שווארצע ברילען וואס קוקט אויפ'ן לאיער און שמייכעלט.

די איבעריגע :

מענשען פון אומבעשטימטע כאראקטערען, מיט אבגעברענטע פנים'ער, קענטיג פארמערס, אדער אזוי גוטע בירגער . . .

רודינסקי קוקט אויף זיי, עס באפאלט איהם א מיסטעריעזער שרעק פארגעפיהל . . .

עס קומט איהם אויפ'ן זינען אז זיין לאיער האט דא געמאכט א גרויסען טעות וואס ער האט זיך ניט אנגעשטרענגט, אז צווישען די געשווארענע זאל זיך געפינען כאטש איינער וואס האט ווען ניט איז דורכגעלעבט די טעגליכע וועהען וואס עס לעבט דורך דער קליינער ביזנעסמאן...

— בענדזשאמין רודינסקי ! — האט דער אנגעשטעלטער אויסגערופען.

רודינסקי האָט מיט שרעק זיך צוגערוקט צו זיין לאָיער גלייך ווי ער וואלט געזוכט שוץ אונטער זיינע פליגעל.

דער משפּט האָט זיך אנגעפאנגען.

דער פּראָקוראָר, א דיקליבער מיטעל־וואוקסיגער בלאָנדער יונגערמאַן פון א יאהר דרייסיג, האט זיך אויפגעשטעלט און גענומען צוגליעדערען דעם פּראָצעס און אויפגעוויזען שווארץ אויף ווייס, אז דעם ערשטען יאַנואר האָט רודינסקי צוגעשיקט א „סטייטמענט" דורך דער פּאָסט און אנגעוויזען אז ער פערמאגט פינף און דרייסיג טויזענד זיבען הונדערט דאָלאר מיט צוועלף סענט און אין פיער חדשים ארום איז ער שוין אין באנקראָט צייגענדיג „לאיעביליטיס" פינף און זעכציג טויזענד אכט הונדערט צוואנציג דאָלאר, און „עסעטס" צעהן טויזענד, דאס הייסט, ער האט אין משך פון פיער חדשים צייט פארשווענדעט איבער פינף און פופציג טויזענד דאלאר און ער קען פון זיי קיין חשבון ניט אָפּגעבען. און עס איז קיין שום ספק ניט, אז ער האָט דאָס געלט בעהאלטען אום צו באשווינדלען די קרעדיטארען מיט דער הילף פון יונייטעד סטייטס פּאָסט.

אום צו באשטעטיגען זיינע רייד האט ער ארויסגערופען די קרעדיטארען אלס עדות.

דער ערשטער עדות איז געווען א בוכהאלטער פון א ניו יארקער פירמע.

נאָכדעם וואָס ער האָט געשוואוירען ביי דער ביבעל צו זאָגען דעם ריינעם אמת, האָט איהם דער פּראָקוראָר געפרעגט וואס ער האָט צו זאָגען.

— דעם 5־טען יאנואר, — האָט דער בוכהאלטער

דערצעהלט געלאסען — האָט רודינסקי ביי אונז געקויפט סחורה, פאר פופצעהן הונדערט דאָלאר, האָבען מיר פארלאנגט פון איהם א סטייטמענט. און ווען מיר האָבען ערהאלטען פון איהם דעם סטייטמענט, האָבען מיר איהם געשיקט די סחורה.

— הייסט עס, ווען ער שיקט אייך ניט דעם סטייטמענט, שיקט איהר איהם ניט די סחורה? — האָט דער פראָקוראר געפרעגט כיטרע און געקוקט צו די געשווארענע.

— ניין — האָט דער בוכהאלטער געענטפערט.

— האָט ער אייך דעם סטייטמענט אליין געבראכט, צי ער האט איהם צוגעשיקט ביי פאָסט?

— ביי פאסט.

— זיכער?

— זיכער.

— דאָס אלעס.

דער לאָיער האָט זיך אויפגעשטעלט און געבעטען דעם ריכטער ער זאל איהם ערלויבען שטעלען דעם עדות א פראגע.

דער ריכטער האט איהם ערלויבט.

— קענט איהר מיר ניט זאגען, מר. בוכקיפער, צו האָט איהר רודינסקי'ן פארקויפט אמאָל סחורה איידער ער האָט אייך דעם איצטיגען סטייטמענט געשיקט — האָט דער לאָיער סארקאסטיש געפרעגט.

— יא, — האָט דער בוכהאלטער געענטפערט — מיר האבען איהם פארקויפט.

— זייט ווען?

— זייט דעם ערשטען „סטייטמענט” וואס ער האט אונז געגעבען.

— ווען האט ער אייך געגעבען יענעם „סטייט־מענט?”

— לעצטען יאנואר.

— הייסט עס, איהר האט איהם א גאנץ יאהר פאר־קויפט סחורה אויף יענעם „סטייטמענט?”

— יא.

— ווייסט איהר, אז א „סטייטמענט” דיענט נאר זעקס חדשים?

— יא.

— הייסט עס אז זעקס חדשים צייט האט איהר איהם פארקויפט אהן א „סטייטמענט?”

— יא.

— הערר ריכטער, איך פראטעסטיר צו שטעלען אזעלכע פראגען — האט זיך דער פראקוראר געהיצט — דאס האט ניט צו טאהן מיט דער פראגע פון בעגעהן א פארברעכען געגען דער רעגירונג מיט שיקען א פאל־שען סטייטמענט ביי פאסט!

— הער ריכטער, — האט זיך דער לאיער צו איהם געווענדעט, — איך מיין דא ניט אבצושוואכען דעם פערברעכען געגען דער רעגירונג פאר שיקען א פאלשען סטייטמענט דורך פאסט, איך וויל נאר ארויסברענגען דעם פאקט אז זיי האבען איהם אהן א „סטייטמענט” אויך פערקויפט.

דער ריכטער האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ.

— קענט איהר מיר זאגען, מיסטער בוכקיפער, וויפיעל רודינסקי האט אייך צולייזען געגעבען לעצטען

יאָהר ? האָט דער לאָיער פּאַרטנעזעצט פרעגען, און אנגעשטעלט אויף איהם זיינע שאַרפע אויגען.

— איך ווייס ניט — האָט דער בוכהאַלטער געענט־פערט.

— וואס מיינסטו, דו ווייסט ניט — האט דער לאָיער א געשריי געטהון — דו ביזט דער בוכהאַלטער און דו דאַרפסט וויסען !

— איך געדיינק נישט.

— הונדערט טויזענד ?

— ניין.

— פופציג טויזענד ?

— ניין.

— פערציג טויזענד ?

— איך געדיינק ניט.

— מיסטער עדות — האָט דער לאָיער א געשריי גע־טהון — דו האָסט ערשט געשוואוירען ביי דער בייבעל, אז דו מוזט זאָגען דעם אמת, ווייל איך וועל פאַרערען די ביכער, — זאָג ! — פערציג טויזענד ?

— איך גלויב, אז ניין.

— דרייסיג ?

— אפשר.

— הייסט עס רודינסקי האָט אייך געגעבען צוליי־זען בעפאר דעם סטייטמענט דרייסיג טויזענד דאָלאַר.

— מעגליך.

— קענט איהר מיר זאָגען מיסטער עדות וויפיעל פראצענט איהר מאַכט אין סחורה ?

— איך פראָטעסטיר, הער ריכטער ! — האָט זיך דער

פראקוראר ווידער געקאַכט — די פראגע האָט נים צו טהון מיט דער בעשולדיגונג.

— הער ריכטער, איך בין געקומען אהער פערטהיידיגען א מענשען פון א שווערער באשולדיגונג, און דאס געזעץ מוז מיר געבען אלע געלעגענהייטען ארויסצוברייגען זיין אומשולד!

דער ריכטער האָט געגעבען א צייכען אז ער קען פרעגען.

— אלזא, מיסטער עדות, וויפיעל פּארדיענסט מאכט איהר אין אייער סחורה?

— פופצעהן פּראצענט.

— האָט איהר אין מלחמה צייט אויך געמאכט פופצעהן פּראצענט?

דער עדות איז געוואָרען צומישט.

— איך פרעג דאָך אייך — האָט דער לאָיער געהויבען זיין שטימע — איהר מוזט מיר זאָגען דעם אמת ווייל איך וועל אונטערזוכען די ביכער.

— אין מלחמה צייט האָבען מיר געמאכט מעהר.

— פופציג פּראָצענט?

— ניין.

— פערציג?

— ניין.

— דרייסיג?

— נים שטענדיג.

— דאָס אלעס, — האָט דער לאָיער געזאָגט טריאומפירענד, און א קוק געטהון צו דער דזשורי . . .

— מוירפי ענד קאָמפּ. ! — האָט דער קלוירק אויסגערופען.

א דיקער מאַן איז ארויף אויפ'ן עדות־שטוהל, האָט פערביסען געקוקט אויף רודינסקי'ן.

— איז אייער פירמע איינע פון די וואס האָבען רו־דינסקי'ן אין באַנקראָט געווארפען ? — האָט דער פּראָ־קוראָר געפרעגט און געקוקט צו איהם גוטמוטהיג.

— יעס סער.

— וויפיעל איז אייך רודינסקי שולדיג ?

— אכט הונדערט דאָלאר.

— האָט ער אייך געגעבען א סטייטמענט בעפאר איהר האָט איהם די סחורה געשיקט ?

— יעס סער.

— וואָלט איהר איהם געשיקט די סחורה ווען ער שיקט אייך ניט קיין סטייטמענט ?

— יעס סער.

— האָט איהר דעם סטייטמענט ערהאלטען דורך פּאָסט ?

— יעס סער.

— דאָס אלעס.

דער לאָיער האָט איהם גענומען אויף א קרייז־פארהער.

— וואָס פאר א שטעלע פארנעהמט איהר אין דער פירמע ?

— בוכהאַלטער, — האָט דער עדות געענטפערט.

— קענט איהר מיר זאָגען, מר. בוכהאַלטער, זייט ווען אייער פירמע האַנדעלט מיט רודינסקי'ן ?

— איך וויים ניט, איך בין ערשט ביי דער פירמע אַנגעשטעלט א יאָהר און א האַלב.

— ווען איהר האָט איבערגענומען די ביכער, האָט

איהר שוין רודינסקי'ס נאָמען געטראָפען דאָרט אלס קונה?

— יא.

— וויפיל האָט איהר ביי איהם געלייזט זייט יע־נער צייט?

— איך געדענק נישט.

— אַן ערך?

— איך מוז זעהן די ביכער.

— הונדערט טויזענד?

— ניין.

— פופציג טויזענד?

— ניין.

— פערציג טויזענד?

— מעגליך.

— איז אייער פירמע א הויז, וואָס פארקויפט פאר קאמיסיאן?

— ניין, מיר זיינען „קאָנוואויטערס". מיר פראָדו־צירען אליין די סחורה.

— וויפיל פראָצענט מאכט איהר?

— ווי אמאָל: ווען אַן ארטיקעל האָט א גרעסערן אפּגאנג, מאכט מען מעהר. ווען עס געהט ניט, קריגט מען אמאָל שווער ארוים די קאָסט פרייז, אָדער מען פארלירט.

— וויפיל פראָצענט שטעלט איהר זיך צו פאר־דינען ווען דאָס ארטיקעל הויבט אָן ארויסצוגעהן אין מארקעט?

— מען רעכענט אוים: אזוי פיל קאָסט די וואול, אזוי פיל קאָסט ארבייט, אזוי פיל קאסטען מאשינען,

אזוי פיל קאסטען די טוירמ׳ס וואס מען גיט, דערנאך שטעלט מען צו דעם פארדיענסט.

— וויפיעל פארדיענסט?

— ווי אמאל, נאכן ארטיקעל נאך.

— שטעלט איהר עפעס צו פאר פארלוסט?

— יא.

— וויפיל?

— צוויי פראצענט.

— הערר ריכטער, איך פראטעסטיר! — האט דער פראקוראר זיך געקאכט. — דאס האט ניט צו טאן מיט אבען א פאלשען סטייטמענט.

— דאס אלעס, — האט דער לאיער געזאגט און האט זיך אוועקגעזעצט.

— מר. הערי בעלאווסקי! — האט דער אנגעשטעלטער אויסגעשריען.

הערי בעלאווסקי איז ארויף אויפן עדות שטוהל.

דער אנגעשטעלטער האט איהם אונטערגערוקט די „בייבעל". בעלאווסקי האט ארויפגעלייגט די רעכטע האנד און צוגעשאקעלט מיטן קאפ...

— וויפיל קומט אייך ביי רודינסקי׳ן? — האט דער פראקוראר געפרעגט.

— זיבען הונדערט דאלאר.

— האט ער אייך געגעבען א סטייטמענט?

— ניין, מיר האבען געקראגען א סטייטמענט פון די „דאנס".

— און קוקענדיג אויף דעם סטייטמענט האט איהר איהם פארקויפט?

— יא.

— דאס אלעס.

דער לאיער האט איהם גענומען אויפ'ן פערהער.

— ווי איך פערשטעה, מיסטער בעלאוואסקי, זענט איהר איינער פון די בעלי בתים פון געשעפט?

— יא.

— קענט איהר מיר אפשר זאגען זינט ווען איהר האנדעלט מיט רודינסקי'ן?

— איך געדענק ניט גענוי.

— צעהן יאהר?

— ניין.

— פינף יאהר?

— ניין.

— דריי יאהר?

— ביי דעם ערך.

— אויף וויפיעל פראָצענט פארדינסט שטעהט אייער געשעפט?

— דורכשניטליך צעהן פראצענט.

— איהר האט געזאגט אז עס קומט אייך ביי איהם זיבען הונדערט דאלאר, — אמת?

— אמת.

— איז ער אייך קיינמאל מעהר ניט שולדיג געוועזן.

— יא: מיר פלעגען איהם ביז דריי טויזענט דא־לאר בארגען.

— האט ער אנגעהויבען אליין ווענינער קויפען, צי איהר האט איהם דעם קרעדיט געשניטען.

— מיר האבען איהם געשניטען.

— פארוואס?

— ווייל ער האט ניט געצאהלט זיינע בילס אין צייט.

— וויפיל האט איהר ביי איהם געלייזט אין משך פון די דריי יאהר ?

— איך געדענק ניט.

— הונדערט טויזענד?

— ניין.

— פופציג טויזענד? — נאָר ביטע זאגט דעם אמת ווייל איך וועל ארדער'ן אן אונטערזוכונג. זאגט : פופציג טויזענד ?

בעלאווסקין איז געקומען די פארב אין פנים, — עס קען מעגלאך זיין — האט ער געזאגט אין דער שטיל.

— הער ריכטער, איך פראטעסטיר — האָט דער גע־הילפס פראקוראר געשריען — דאס האט ניט צו טהון מיט געבען פאלשע סטייטמענטס און איך פאדער אין נא־מען פון געזעץ מען זאל די אלע פראגען אויסמעקען !

— גוט — האט דער לאיער געזאגט — אויב דער פראָקוראָר וויל איך זאל אזעלכע פראגען ניט שטעלען, וועל איך מעהר ניט פרעגען.

דער ריכטער האט א קוק געטהון אויפ'ן זייגער און געפרעגט : — וויל די פערטיידיגונג ברענגען עפעס עדות ?

— ניין, הערר ריכטער, האָט דער לאָיער געענטפערט אויפגערעגט, ניט וויכטיג.

— דער ריכטער האט א וואונק געטהון דעם פראקו־ראר אז ער קען אנפאנגען . . .

קאפיטעל איין און פופציג

פראקוראר'ס בעשולדיגונגס רעדע

דאס גערוכט צימער איז געווען אנגעפילט מיט מענשען. אלע זיינען געזעסען, מיט אנגעשטרענגטע פנים'ער און געקוקט צום פראקוראר.

דער זייגער האט געשלאגען צוועלף און געלאזט ווי־סען די פארזאמעלטע אז אין א שטונדע ארום וועט זיין אן הפסקה.

דער פראקוראר האט זיך אויפגעשטעלט, האט א קוק געטאהן צו די געשוואוירענע און האט אנגעהויבען אין א זעהר היציגען טאן:

— הער ריכטער און הערען געשוואוירענע!

— פאר אייך שטעהט דא א מאן, וואס האט בא־

שווינדעלט זיינע קרעדיטארען, האָט אויסגענארט ביי זיי סחורה, האָט זי פארקויפט פאר א העלפט פרייז, און בעהאלטען פאר זיך דאָס געלט. א מאן וואס האָט געשיקט סטייטמענטס דורך דער יונייטעד סטייטס פּאָסט און געמאכט דערמיט די רעגירונג אלס געהילף צו זיין אומפארצייליכען שווינדעל.

און די פאקטען זיינען אזוי ריכטיג און קלאָהר באוויזען אז עס קאן גאר אין דעם קיין שום צווייפעל ניט זיין.

— הערט זיך נאָר צו:

— דעם ערשטען יאנואר האָט רודינסקי אליין אויסגעפילט א סטייטמענט אז ער איז ווערטה איבער פינף און דרייסיג טויזענד דאָלאר. דאס הייסט, נאָכדעם וואס ער פארזיכערט אז ער האט צו צאהלען זיינע קרעדיטארען א דאָלאר פאר א דאָלאר, בלייבט איהם נאָך אייגענער קאפיטאל איבער פינף און דרייסיג טויזענד דאָלאר מזומן — אזוי האָט רודינסקי אליין מיט זיין אייגענער האנד אנגעשריבען, גע'התמ'עט, און צושיקט „סטייטמענטס" דורך דער פאסט. און אין איינינע חדשים ארום, איז ער שוין אין באנקראָט; דאס הייסט חוץ זיינע אייגענע פינף און דרייסיג טויזענד דאָלאר פעהלען איהם נאָך צוואנציג טויזענד פון די קרעדיטארען געלט, דאס הייסט, ער האָט געקויפט און ספעקולירט אומנאַטירליך מיט פרעמד געלט. האט פארשאכערט זיינס און פרעמדס, און ער קען אפילו פון זיי קיין חשבון ניט אפגעבען. עס קוקט אויס ווי ער האָט מיט אן אבזיכט געהאלטען אין איין בייטען טשעקס מיט נאוטס, נאוטס מיט טשעקס, בכדי מען זאל קיין טאָלק ניט קענען דערגעהן.

דא האָט דער פּראָקוראר פאר א נאנצער שטונדע צייט צוגלידערט דעם גאנצען פּראָצעס; האָט ארויסגע־בראכט אלעס אויף קלאהר, אז רודינסקי איז באגאנגען א געפּלאנטען פארברעכען אויסצושווינדלען סחורה פון די קרעדיטארען. ער האט צוגלידערט רודינסקי'ס רעקארד און דערמאנט אז ער האט שוין איינמאָל באשווינדעלט די קרעדיטארען. מיט א טאג שפּעטער ווי ער האט זיין סחורה געקויפט האט ער זי גלייך פארקויפט אונטער'ן פּרייז, נאָר די שערסקי'ס האָבען איהם געכאַפּט ביי דער האנד און ער איז געווען געצוואונגען צו צאהלען זיינע קרעדיטארען פינף און צוואנציג פּראָצענט.

— וועט איהר ערלויבען, הערען געשוואוירענע, — האָט דער פּראקוראר מיט גאל געשריגען און געקלאפּט אין טיש — וועט איהר ערלויבען באשווינדלען די ביר־גער פון יונייטעד סטייטס ?! וועט איהר ערלויבען א מענשען ארייננשלעפּען די רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס אין זיינע שווינדלען ? ניין ! איהר וועט עס ניט טהון ! איהר טארט עס ניט טהון ! איהר קענט עס ניט טהון ! ס'איז אייער חוב אזא מענשען צו באשטראפען, זאל ער ליידען פאר זיינע זינד, און איך צווייפעל ניט צי איהר וועט עס ניט טהון, איך צווייפעל נים אין אייער עהרליכקייט אז איהר וועט ארויסברענגען א ווערדיקט — שולדיג !

דער פּראקוראר האָט געענדיגט זיין אנקלאגע, ער האָט זיך צוריק אוועקגעזעצט אויף זיין פּלאַץ און האָט מיט א ווייס טיכעלע געווישט די גראבע טראפּען שוויים וואָס זיינען איהם אויפ'ן שטערן געשטאנען.

אין געריכט־זאל האָט זיך געפיהלט א שווערינקייט.

אלע האבען געדיינקט אז רודינסקי וועט באקומען א גרויסע שטראף. רודינסקי איז די גאנצע צייט, וואָס דער פּראקוראר האָט גערעדט געזעסען גלייכגילטיג, און זיך איינגעהערט אין די באשולדיגונגען וואָס ווערען אויף איהם געמאכט. ס'האָט זיך איהם אויסגעדאכט אז ער זיצט יום כפור אין שוהל און הערט ווי מען רעכענט איהם אויס א גאנצען צעטעל מיט חטאים וואָס ער איז אין לעבען ניט באגאנגען און מען צווינגט איהם ער זאל זיך שלאגען אין הארצען. ער איז געווען שטארק נערוועז און דערשלאָגען פון שאנדע און ערנידערונג. . .

דער ריכטער האָט א קוק געטהון אויפ'ן זייגער און געמאכט אן הפסקה.

דער עולם האָט פארלאזט דעם געריכט זאל אין שווערען געמיטה . . .

קאַפּיטעל צוויי און פופציג

די פאַרטיידיגונג

דער זייגער האָט געשלאָגן דריי.

דער געריכט־זאַל איז שוין לאַנג געווען איבערפילט; דער קלאַנג וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אַז רודינסקי׳ן שטעהט פאַר אַ גרויסע שטראָף, האָט אויפגערודערט די ביזנעס וועלט און אַ סך זיינען געקומען אום אויסצודריקען זייער פאַרביטערקייט, אויף דער אומגערעכטיגקייט וואָס וועט דאָ באַגאַנגען ווערען. די געשוואָרענע זיינען געזעסען פאַרביסען אויף זייערע פּלעצער און אין זייערע בליקען איז געלעגען פאַרבאָרגענע שנאה.

דער ריכטער האָט פאַרנומען זיין פּלאַץ.

דער לאָיער האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט אַ קוק געטהון אויף די פאַרזאַמעלטע, גלייך ווי ער וואָלט ביי זיי

געבעטען שוץ, האָט א קוק געטהון אויף רודינסקי'ן, און זיך געווענדעט צו די געשוואוירענע :

„הערען געשוואוירענע !

דער מאן וואָס זיצט דאָ פאר אייך, איז א פארברעכער ; א גרויסער פארברעכער ; ער איז באגאנגען נים נאר איין פארברעכען, נאר א סך פארברעכענס : ער האט אויסגענארט סחורה פון די קרעדיטארען, האט די סחורה פארקויפט פאר א האלב געלט און דאס געלט באהאלטען, די ביכער האט ער מיט אן אבזיכט פערקריפעלט, האָט גערדעהט מיט טשעקס און מיט נאוטס, געגעבען פאלשע סטייטמענטס און זיי געשיקט דורך דער פאסט, און געמאכט דערמיט די רעגיערונג פון יונייטעד סטייטס פאר א שותף צו זיינע שווינדלערישע געשעפטען.

אזוי האָט אונז דער פראקוראר ערקלעהרט; און ער איז שטארק איבערצייגט אין זיינע רייד, ער האָט געשריגען פונ'ם הארצען און געקלאפט אין טיש, ווייל די מעשה פערדריסט איהם זעהר, עס דערגרעהט איהם צום הארצען, און ער פאדערט נקמה.

הערען געשוואוירענע!

איך בעשולדיג ניט דעם פראקוראר אז ער איז ניט עהרליך אין זיינע איבערצייגונגען, — פארקעהרט, איך זעה ער איז אזוי פיעל איבערצייגט אין זיינע מיינונגען, אז די ווערטער זיינען איהם ארויסגעגאנגען פון טיעפסטען הארצען און ער האָט געמאכט אויף אייך א געוואלדיגען איינדרוק און איהר זענט זיכער אז רודינסקי איז א פערברעכער וועמען עס קומט זיין פערדיענטע שטראָף —

— יא, איהר זענט זיכער; איך זעה עס פון אייערע פנים'ער!

— אבער ווייסט איהר, פארוואס, העררן געשוואוי־רענער, דער פראקוראר רעכנט אזוי? ווייל ער איז אויך ווי מיר א פראדוקט פון אונזער געזעלשאפט, פון אונזער אלגעמיינע מענשהייט, און די אלגעמיינע מענשהייט האט זיך פיינט אריינצולאזען אין חקירות, זיך גריבלען ביי יענעם אין דער נשמה מיט א פסיכאלאגישען אנאליז אום צו דערגרונטעווען דארט די אורזאכע וואס האט גע־בראכט דעם פערברעכער צו באגעהן דעם פערברעכען. די אלגעמיינע מענשהייט איז צו בעשעפטיגט צו טראכ־טען וועגען דעם. זי לעבט געזעליך. — אזוי זאגט דאס געזעץ, און אויפהויבען זיך אביסעל העכער פון געזעץ, טראכטען מעהר אביסעל איידער זי גיט ארויס איהר משפט, האט זי קיין צייט ניט. צייט איז געלט. און קיינעם לוינט זיך ניט צו פערשווענדען צייט אויף א זאך וואס ס'וועט איהם קיין נוצען ניט ברענגען.

איך וויל דא ניט בעטען קיין רחמים פאר מיין בעשולדיגטען: אויב ער איז שולדיג זאל ער באשטראפט ווערען. זאל ער ליידען פאר זיינע זינד. און ווער דארף איהם באשטראפען אויב ניט איהר, בירגער פון יונייטעד סטייטס, אין וועמענס הענד מ'האט זיין שיקזאל איבער־געגעבען?

אבער איין זאך פערלאנג איך פון אייך, העררן גע־שוואוירענע: קוקט ניט אויף איהם מיט די ברילען פון דער אלגעמיינער מענשהייט. לאמיר צוזאמען איבער־נעהן דעם פראצעס אומפארטייאיש; אהן פאראור־

טהייל; לאמיר פארגעסען אין דער אומגערעכטער שטי־מונג וואס דער פראקוראר האט אויף אייך ארויפגע־ווארפען.

מיסטער רודינסקי האט צוויי מאל באנקראטירט. אמת. מען קען דאס ניט פערלייקענען. אבער פארוואס האט ער באנקראטירט?

א קורצען איבערבליק:

מיסטער רודינסקי איז געשטאנען אין א לאחרים געשעפט. ער מיט זיין פרוי האבען זיך געמאטערט פון זעקס אין דער פריה ביז צוועלף אין דער נאכט און האבען קיין לעבען ניט געקענט מאכען, ער האט זיך אנ־געשלאגען אין קאנקורענץ, אין מאדע, און אין פינאנ־ציעלע שווערינקייטען.

זייענדיג אונערפאהרען אין די ביזנעס אין נייעם לאנד, האט ער געפונען פאר נויטיג צו קויפען זיין סחורה אין אוקשען. איז ער געווארען פארלעגט מיט ניט קיין מאדישע סחורות, האט ער ניט געהאט פארוואס צו לייזען און האט ניט געקענט נאכקומען זיינע בילס.

וואלט מען איהם געוועז צורוהגעלאזט, וואלט ער געשטאנען און זיך געפלאגט, ביי איינינע סחורות דער־לייגט, ביי איינינע פערדיענט. ער וואלט געמאכט א גע־מושעט לעבען און געצאהלט זיינע חובות. איז איהם אבער איין קרעדיטאר, וועלכען ס'האט זיך אויסגעדאכט אז רודינסקי האט שלעכטע אבזיכטען, איהם בעפאלען, געשלעפט סחורה פון די ראפטען אומגעזעצליך, און דערצו נאך פערשפרייט א קלאנג, אז ער גערט באנקרא־טירען, און די איבעריגע קרעדיטארען זיינען איהם אויך בעפאלען.

ניט וויסענדיג וואס צו טהון, האָט ער זיך גענוועגדעט צו א לאיער וועלכער האָט איהם געראטען רופען א מיטינג פון אלע קרעדיטארען; ביים מיטינג האט זיך ארויסגעצייגט זיין אומשולד און זיי האבען מיט איהם אפּגעמאכט פאר פינף און צוואנציג פּראצענט.

נאכ׳ן אפּמאך, איז ער געבליבען אהן קאפּיטאל, — מיט חובות, און לאיער בילס.

האָט ער זיך ווידער געמוטשעט, אזוי לאנג ביז— ער האָט די קלייט אויפגעגעבען.

מיט דער עצה פון זיינעם א בעקאנטען הורטאוויגיק איז ער געווארען א „דזשאבער“.

וויסענדיג אז רודינסקי איז ארים, אהן א נאמען און ער קען פון דער ערשטער האנד זיין סחורה ניט קויפען, האבען איניגע „איינגעשטעלט“, מ׳האָט איהם פארקויפט סחורה און געמאכט ביי איהם גרויסע פאַרדיענסטען. מ׳האָט געביטען טיקעטס און צוגעשטעלט צו דער מאס. . .

רודינסקי האט זיך געשטעלט א פּראָפיט פון צעהן פּראצענט; צעהן פּראצענט — האָט ער געטראכט — איז גענוג צו מאכען א לעבען. ער האָט אויסגערעכענט, אויב ער וועט לייזען אפילו צוויי טויזענד דאלאר די וואָך, וועט ער, לויט זיין קליינער פארלעבונג, אויך קענען שפּארען געלד; און ער האָט קיין טעות ניט געמאכט, ער האָט געלייזט מעהר ווי דאס, אבער נאכ׳ן יאהר, ווען ער האָט דאס געשעפט איבערגערעכענט, האָט ער אויסגעפונען אז ער איז מיט פינף טויזענד דאלאר דארונטער.

רודינסקי האָט ניט געוואלט באנקראטירען, זיין

עהרליכע נשמה האָט איהם ד'ערצו ניט דערלאזט. האָט ער באשלאסען צו בלייבען אין ביזנעס: ארבייטען שוועדער לעבען שפּארעוודיגער, און צאהלען חובות.

האָט ער צושיקט „סטייטמענטס". ער האָט געמוזט שיקען. מ'האָט דאס פון איהם געפאדערט. אהן „סטייטמענטס" וויל מען קיין סחורה ניט שיקען. און ניט האבען קיין סחורה הייסט באנקראטירען. און דאס האָט ער ניט געוואלט. צונעהמען ביי יענעם, האָט ער, געדענקט, איז מעהר פערברעכען ווי צו זאגען א ליגען.

האָט ער געשיקט „סטייטמענטס", ווי געוועהנליך; מיט דער פּאסט. — ווי אזוי דען שיקט מען א „סטייטמענט"? מיט אן עקספּרעס?!

האבענדיג א לאָך פון פינף טויזענד דאלאר האָט ער ניט געקענט נאכקומען זיינע בילס. און א הזשאבער אז ער קומט ניט נאָך זיינע בילס איז טרויעריג: מען נעהמט איהם באלד העכערן דעם פּרייז... א לאחדים'ניק אז ער צאהלט ניט אין צייט און מען זיצט איהם איבער, פיהלט ער ניט. ער זעצט איבער דעם קונה. א דזשאבער אבער אז מען זעצט איהם איבער קען ער ניט עקזיסטירען, ווייל זיינע קאסטאמער זיינען סוחרים, זיי ווייסען דעם פּרייז.

איז רודינסקי געצוואונגען געווען בארגען געלד אין באנק און אין פּריוואט קארפּאריישאנס און צאהלען גרויסע פּראצענטען.

די מלחמה האָט זיך געענדיגט.

רודינסקי איז פערבליבן מיט א קראם פון פערציג טויזענד דאלאר. די פּרייזען זיינען מיטאמאל געפאלען,

און דער סטאַק האָט שוין די ווערט געהאַט נאָר צוואַנ־ציג.

איז ער געוואָרען צוטומעלט. ער האָט ניט גע־וואוסט וואָס צו טהון. האָט ער דערווייל געליהען גמילת חסדים פון גוטע פריינד, פון שכנים, געביטען טשעקס מיט נאָוטס און געצאָהלט בילס.

און דאָ איז געקומען אַ נייער קראַך: בראַנז בראָ־דער איז אַנטלאָפען. רודינסקין איז צוגעקומען נאָך אַ לאַך פון צעהן טויזענד דאָלאַר. ווייל מיט בראַנז בראָ־דערס אַנטלויפען זיינען נאָך דריי פירמעס מיט וועמען רודינסקי האָט טשעקס מיט נאָוטס געביטען אומגע־פאַלען.

רודינסקי האָט באַלד דערזעהן פאַר זיך דעם טיע־פען אומגליק, אַז ער מוז באַנקראָטירען, ס'איז דאָ ניט געווען קיין פראַגע פון וועלען. נאָר פון מוזען.

אַלעס וואָס ער האָט געפיהלט און וואָס זיין עהרלי־כער אינסטינקט האָט איהם געלעהרענט צו טהון, איז צו ראַטעווען די לעצטע גמילת חסדים וואָס ער האָט ביי אָרימע מענשען און שכנים געליגען. וואָס ער האָט געוואוסט אַז אויב ער בעצאָהלט זיי ניט נעהמט ער ביי זיי צו די לעצטע נשמה. האָט ער פערקויפט אביסעל סחורה פאַר פופציג פּראָצענט דעם דאָלאַר כדי זייער געלט צו ראַטעווען. דאָס איבעריגע האָט ער געלאָזט פאַר די קרעדיטאָרען. זיך אליין האָט ער געלאָזט צרות מיט אָרימקייט. אָט דאָס איז זיין גאַנצע ביאָגראַפיע.

וואָס וואָלט איהר געטהון הערען געשוואוירענע אין אַזאַ פאַל? וואָס וואָלט איך געטהון? וואָס וואָלט געטהון יעדער עהרליכער מענש וואָס קען ניט

גרינג אבמאכען זיין מיינונג צו באנקראטירען? מען מוטשעט זיך, מען גיט ספּייטמענטס, מען מוז גיבען ספּייטמענטס, ווייל אונזערע הערען האנדלען מיט „ספּייטמענטס“ און ניט מיט נשמות!

וואס האבען זיינע קרעדיטארען אין אזא פאל באדארפט טהון? זיי האבען זיך באדארפט צונויפנעהמען, באטראכטען די לאגע פון דעם מענשען, וואס האָט זיי אוועקגעגעבען זיין צייט, זיין ענערגיע, זיין מארך, צו טראכטען וואו מען נעהמט געלט צו צאהלען זייערע בילס, פון וועלכע זיי האבען עטליכע יאהר פארדינסטען געצויגען. זיי האבען באדארפט אריינקוקען אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה אום צו דערגרינטעווען דארט די אורזאכע וואס האָט איהם געבראכט דערצו צו באגעהן דעם פערברעכען, און זיי וואלטען פיליכט דערזעהן דארט דעם גאנצען גהינום מיט אלע זיינע מאטערנישען פון וועלכע זיי וואלטען געוויס פערציטערט געווארען און זיי וואלטען אפשר געזוכט מיטלען דאס פייער צו לעשען. האבען זיי אבער דאס ניט געטאן. זיי האבען דערצו קיין צייט ניט, זיי זיינען צופיעל בעשעפטיגט, זיי דארפען האבען זייער צייט נקמה צו נעהמען, נקמה ווילען זיי, אין פריזאן וועלען זיי איהם געבען א באלוינונג פאר זיין שווערער ארבייט, פאר זיין אומנאטירליכער אנשטרענגונג; איינער פון די דריי קרעדיטאָרס, וואס האָבען איהם אין באַנקראָט געווארפען, פונ׳ם גרויסען הויז, האָט זייער בוכהאלטער מודה געווען, ביז צום לעצטען ספּייטמענט האבען זיי ביי איהם דרייסיג טויזענד דאָלאַר געלייזט און האָבען ביי איהם דרייסיג פּראָצענט געמאכט. די צווייטע וואס האָבען איהם אין

באַנקראָט געוואָרפען זיינען „קאָנזוואַוירטערס״ פּראָדוציר־ רען אַליין די סחורה. ווען דער בוכהאַלטער איז אהין אָנ־ געקומען האָט ער שוין דאָרט אין די ביכער רודינסקי׳ס נאָמען געטראָפען, און זייט דאַמאָלס האָבען זיי, לויט ער אַליין דענקט, געלייזט אַן ערך פון פערציג טויזענד דאָלאַר, און האָבען ביי יעדער קניה צוגעשטעלט צוויי פּראָצענט אויף פאַרלוסט . . . דאס הייסט, פאַר זיין פאַרזיכערונג אַליין האָט ער בעצאָהלט איבער אכט הונדערט דאָלאַר . . . דער דריטער וואָס האָט איהם אין באַנקראָט געוואָרפען איז מיסטער בעלאַוואָסקי מיט זיבען הונדערט דאָלאַר, וועלכער האַנדעלט שוין מיט איהם פון יאָהרען, האָט געלייזט ביי איהם אוצרות מיט געלט, האָט געמאַכט ביי איהם גרויסע פּראָפיטען, און האָט צוגעשטעלט צו דער מאָס . . . אָט די דזשענטעלייט זיינען איצט געקומען זוכען נקמה, איצט, ווען רודינסקי איז רואינירט און גע־ בראָכען. איצט האָבען זיי איהם אין געריכט געבראַכט און פאָדערן פאַר איהם פּריזאָן !

— הערן געשוואָרענע ! ניט רודינסקי איז דער שולדיגער; רודינסקי איז אַן עהרליכער, אַנשטענדיגער מאַן וואָס מאַכט א געמוטשעטען טרויעריגען פאַמיליע לעבען. שולדיג זיינען זיי ! אָט די הערן וואָס זיינען גע־ קומען זוכען נקמה; זיי האָבען איהם געמאַכט צום באַנק־ ראָטירען ; זיי האָבען געהויבען און געוואָרפען די פּרייזען און געמאַכט רודינסקי׳ן צו בלייבען מיטאַמאָל הינטער־ שטעליג ! זיי וואָלט איהר באַדאַרפט זעצען אויף דער בע־ שולדיגונגס באַנק, און פאָדערן פון זיי דין וחשבון ! . . .

דער לאָיער האָט געענדיגט זיין רעדע, האָט זיך אָב־

געווישט דעם שווייס פון'ם שטערן און זיך אוועקגעזעצט לעבען רודינסקי'ן.

אין געריכט זאל איז געווען שטיל ווי אויף א בית־עולם, די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט דרויאונג . . . די אָנקלעגער זיינען געזעסען פערשעהמט און צעטראָגען. רודינסקי האָט זיך געביסען די ליפען און זיין קערפער האָט זיך געטרייסעלט ווי אין קאָנוואולסיעס . . .

דער ריכטער האָט זיך רוהיג אויפגעהויבען פון דער שטוהל, און מיט אן ערנסטער פארטראכטקייט אָנגעהויבען שפּאנען הין און צוריק.

ער האָט געגעבען א קורצען איבערבליק איבער דעם פּראָצעס, האט זיך אבגעשטעלט אויפ'ן פּראקורער'ס רעדע, האָט גערעדט וועגען דעם שטארקסטען פונקט פון דעם פּראצעס, וועגען דעם סטייטמענט וואס רודינסקי האָט געשיקט דורך דער „יונייטעד סטייטס פּאָסט", דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרעהט צו די געשוואוירענע און געזאָגט:

— און איצט, הערען געשוואוירענע, ליגט זיין שיקזאל אין אייערע הענד. איך גלויב איהר וועט האנדלען גערעכט און אומפּארטייאיש און איהר וועט זיך רעכענען מיט די אלגעמיינע אומשטענדען . . .

ער האָט שטארק געקוקט אויף דער דזשורי, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערציינגען צי האָבען זיי משיג געווען זיין לעצטע אנדייטונג.

די געשוואוירענע זיינען אריין אין בעראטונגס צימער.

אין עטליכע מינוט ארום האָבען זיי ארויסגעבראכט א ווערדיקט:

— „נאט גילטי!"

ניט שולדיג האָט זיך ווי א בת־קול איבער'ן געריכט־זאל צעטראָגן . . .

(ענדע ערשטער בוך)